STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05568

# ROMANEN, DERTSEYLUNGEN, LEGENDEN UN VUNDER MAYSES

David Ignatoff

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Bernice Kaperst*
*in memory of*
*her beloved husband, Laurence E. Kaperst*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צווישן צוויי זונען

א בוך אין פיר טייל



## א י נ ה א ל ט :

### ערשטע טייל:

פיבים ראמאן — — — — — — — — 3
גאט באהיט און באשיץ — — — — — 79
דאס גאלדענע איגנגעלע — — — — — 100
עם רעגענט — — — — — — — — — 116

### צווייטע טייל:

א ווינטער נאכט — — — — — — — 2
ווי א בהמה — — — — — — — — — — 4
ווייסע פערד — — — — — — — — 5
גאט וועט געבען — — — — — — — 6
נאכט — — — — — — — — — — — 7
די לבנה נאכט — — — — — — — — 8
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען — — — 11
וואו—וואו—הו — — — — — — — — 15

### פערטע טייל:

דער גבור — — — — — — — — — — 60-5

### דריטע טייל:

דער אלטער וואלד — — — — — — — 3
ביים פייער — — — — — — — — — 8
(דער באבע מלכה'ס דערציילונגען) — — 8
א שטעטל — — — — — — — — — 41

באצירונגען פון מאקס וועבער, י. ליכטענשטיין,
א. וואלקאוויץ.

Copyright by
Farlag America



פיבים ראמאן



איך האָב ליעב שלאַנגען.. —

ווי שעהן עס איז זייער גלאַנציגער שטיינער ° געוועב. — ווי שעהן דאָס געוועב, ווי פון פּאָלירטע שטיינער, גלאַנצט און שרעקט ביי דעם שיין פון דער זון.

און ווי שעהן זיי פלעכטען זיך איינס אינ'ם צווייטען.

און ווי קונציג זיי קאַטשען זיך צונויף און וואַרפען זיך פאַנאַנדער: וויפיעל שעהנקייט אין זייערע רינגען, וויפיעל אונענדליכע שעהנקייט אין זייערע עלאַסטישע קנייטשען און אין דעם גראַציעזען ווענד פון זייערע דינע און פאַרביגע לייבער!

און ווען זיי בויגען צו מיר זייערע שלאַנגישע קעפּ, מיט די קלאָרע, קלוגע אויגען און שטעקען צו מיר ארוים זייערע צוצווייגטע צינגער, דאַכט זיך מיר אָפט, אז צו מיר ציהען זיך קעפּ פון ליעבע היימישע געגז. און מיר ווילט זיך זיי גלעטען און קושען: — קינדער! ליעבע, שעהנע קינדער!

אָט אזוי הויב איך אָן מיין דערצעהלונג — פּיבי.

# I

פיבי! — ווי אַן אויסגעטראַכטע איז זי צו מיר, ווי אַן איינגע־רעדטער שרעק, וואָס פערפאָלגט דאָך אַזוי קלאָר און קיהלט מיר אַזוי אָפּט דאָס בלוט אין די אָדערען.

און דער איצטיגער פריהלינג האָט זיך דאָך אָנגעהויבען לאַנג נאָך אונזער צוזאַמענשטויס, לאַנג נאָך יענער שרעקליכער נאַכט.

דער איצטיגער פריהלינג! — דאָס איז געווען דער ערשטער פריה־לינג־טאָג פון יאָהר. מיטאָג־צייט בין איך ארוים אין גאַס, און מיט מיינע פערוואונדערט צועפענטע אויגען דערזעהן ווי דער ערשטער פריה־לינג־טאָג האָט זיך א ציה געטהון איבער דער לאַנגער גאַס און גאַסען — — — די פערשיעדען־קאָלירטע ברייטע און הימעל־הויכע מויערען מיט זייערע טויזענדער און טויזענדער פענסטער האָבען זיך מיט א מאָל אַזוי ווי העכער א הויב געטהון, זיך א ציה געטהון ארויף צום הויכען, בלאַס־בלויען הימעל, און די פאַבריק־סיגנאַלען פון נאָהענט און פון ווייט האָבען אַלע אויף איינמאָל גוט־ברודעריש ארויסגעהילכט: פריהלינג! פריה־לינג! פרי־ה־ה־לינג!

די מויערען זיינען פאַר מיינע אויגען געלאָפען הויך און העכער, און האָבען מיר אויסגעזעהן ווי ריעזיגע, פאַנטאַסטישע פּאַלאַצען.

עס האָבען זיך צועפענט זייערע ברייטע טיהרען און הונדערטער און טויזענדער מענשען האָבען זיך פון זיי גענומען ארויסשפּאַרען אויף דער גאַס און זיך גענומען ציהען און שפּרייטען ווי לאַנגע און פאַרביגע טע־פּיכען. און איך האָב געקוקט אויפ'ן טאָג, אויף דער גאַס און אויף די פאַרביגע מענשען־מענגעס און האָב געזעהן ווי צופריעדענע און אונצו־פריעדענע, בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, קוקען זיך איבער און שמייכלען זיך איבער: פריהלינג! פריהלינג!

איך בין איבערגעפילט געוואָרען מיט פרייד.

איך האָב פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך. איך האָב געפיהלט, ווי איך וואָלט נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, און גלייך ביי מיין געבוירען שוין געטראָפען אזא שעהנע וועלט, וואָס אָטעמט מיט פריהלינג און מיט אזוי פיעל זון און ליכט.

איך בין געגאַנגען — און מויערען און גאַסען און מענשען האָבען זיך פאר מיינע אויגען געשפּרייט און געוועבט מיט פריהלינג, מיט ליכט און מיט זון...

איך האָב דערפיהלט ווי אויסצושפּרייטען מיינע הענד, ארומצונעהמען די גאַנצע וועלט; די גאַנצע וועלט, מיט איהרע ים'ען און טייכען, מיט איהרע פעלקער און לענדער, וואָס שווימט איצט אום א פערשטראַהלטע און שמייכעלט און גריסט און קושט זיך מיט דעם רוים און מיט דער ווייטקייט, וואָס ארום איהר.

איך האָב דערזעהן די גאַנצע וועלט און די אונענדליכקייט, איבער וועלכער זי שווימט, ווי א ליכטיגע שיף איבער א לויטערען ים.

ווען דער טאָג האָט זיך געענדיגט, בין איך געקומען צו זיך אהיים. אלץ אין מיר האָט זיך גערייצט און געריסען. מיט ליעבע און בענקען האָב איך זיך אומגעקוקט אויף מיין וועלאָסיפּעד. בין צו איהם צוגעגאַנגען, ווי צו א ליעבען פריינד, איהם אַנגענומען פאר די הענטלעך און בין מיט איהם ארויס אין גאַס.

מיין וועלאָסיפּעד איז גוט און לייכט, און די גלייכקייט און זיכער־קייט, מיט וועלכער די לאַנגע גאַס שניידט זיך אוועק מיט איהרע הויכע מויערען, האָט מיך געגומען רייצען און רופען. — — —

די גאַס האָט מיר אויסגעזעהן, ווי א וועג צו דער ווייטקייט, און האָט מיר אויסגעזעהן ווי עמיצער פון דער ווייטקייט וואָלט אזוי לאַנג, ברייט און שטאַרק אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס און מיט זיי דורכגעלעגט אזא לאַנגען און גלייכען וועג צו זיך. דער גלאַטער אַספאַלט פון דער לאַנגער גאַס איז אָבער געווען פערזייהט מיט קינדער, מיט מענשען און מאַמעס. און איך האָב דעריבער געמוזט איינהאַלטען מיין לייכטען וועלאָסיפּעד. און איך בין געפאָהרען איינגעהאַלטען און האָב געשמייכעלט צו דער גאַס מיט איהרע פיעלע קינדער, און האָב געשמייכעלט פון זיך, פון מיינע פיס און פון מיין וועלאָסיפּעד, וואָס האָבען זיך גערייצט און

געריסען צו פאהרען שנעלער ווי מען האט געקאנט פאהרען אויף דער גאס.

נאר אט בין איך ארויס אויף דעם ברייטען און פרייען „קאנקורס“.

דער „קאנקורס“ — דאס זיינען דריי ברייטע וועגען וואס לויפען איינס־נעבען־אנאנדער איבער א ברייטען און ווייטען שטח. — דער מיטעלסטער וועג איז פאר פערד־רייטער, און די זייטיגע צוויי זיינען געפלאסטערט פאר אויטאמאבילען און וועלאסיפעדען.

דריי מאל ברייט איז דער וועג און ציהט זיך דורך א האלב־ווילדער, ווייניג פערבויטער געגענד. און די ברייטקייט פאר די אויגען ווערט דורך דעם נאך ברייטער און ווייטער.

דריי מאל ברייט איז דער וועג. און דריי מאל ברייט און ווייט און גרויס צואוואקסט זיך אין מיר א פערלאנג, זיך אוועקצוטראגען מיט איין אטעם ערגעץ ווייט, אהין אין דער ווייטקייט אריין. האב איך זיך מיט אמאל צוגעבויגען צו מיין לייכטען וועלאסיפעד און מיט א צור־רייצטער און ווילדער ליידענשאפט גענומען מיט מיינע פיס פרעסען די פעדאלען, און איך האב זיך אוועקגעטראגען, אזוי אז די לופט ארום מיר האט גענומען רוישען.

האבען מיר אנדערע וועלאסיפעדען־פאהרער גענומען נאכטהון, און מיר האבען זיך אוועקגעטראגען צווישען די אויטאמאבילען אויף דעם דריי מאל ברייטען וועג, ווי פויגעל, און נאך פיעל שעהנער און שטארקער פון פויגעל. און מיט אונז און פאר אונז האבען זיך אין ברייטע און לאנגע מחנות געטראגען די גלאנציגע אויטאמאבילען, ווי זיי וואלטען זיך אונטערגעהויבען פון דער ערד, גרייט אריבערצופליהען איינער דעם צווייטען. און די לופט ארום אונז און איבער אונז האט זיך נאך אלץ געשפיעלט מיט טאג און מיט אבענד, מיט פריהלינג און מיט ווייטקייט. און דארטען, ווייט ארויף, איז צווישען טאג און אבענד געבליבען הענגען די זון; א רויטע און ברייט־צועפענטע האט זי געקוקט אויף דעם גלאנ־ציגען אספאלט און אויף אונז.

דער וועג פאר אונז האט דא און דארטען גענומען שיינען ווי א פור־פורנער טייך. אונזערע אלעמענס פנים׳ער און אונזערע הענט זיינען פער־צויגען געווארען מיט א דינער, שפילעוודיגער רויטקייט. די פערשיעדענע פארבען פון אונזערע אלעמענס קליידער זיינען מיט אמאל געווארען לעבע־דיגער און רייכער, און אונזערע אלעמענס אויגען האבען זיך צושיינט מיט

טאָג און מיט אָבענד, מיט פריהלינג, מיט ווייטקייט און מיט זון. און מיר אלע, די פאַהרער פון דעם דריי מאָל ברייטען וועג, האָבען געריסען און געטראָגען אונזערע לאַנגע און פאַרביגע מחנות צו דער זון, צו דער גרויסער און ווייטער זון, וואָס איז נעהאַנגען פאַר אונז.

קיין מורא, קיין פלעק פון פערגאַנגענע טעג איז דאַכט זיך דעם גאַנצען טאָג ניט געווען אין מיר; עס איז, דאַכט זיך, אין מיר גאָר קיין פּלאַץ דערפאַר ניט געווען. טו ווי אַזוי זשע האָב איך אין זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אַט די צושראָקענע אונרוהיגקייט? אַט דעם פּיבי־שרעק?...

איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס איך בין פון מיין האסטיגען יאָגען זיך מיעד געוואָרען און גענומען פאַהרען לאַנגזאַמער?

צי אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב פאַר זיך מיט אַמאָל דערזעהן ביים ברעג פון וועג דעם גרויסען ווייסען מאָנומענט, וואָס מען האָט אַמאָל מיט שטיינער בעוואָרפען און אָבגעבראָכען דעם קאָפּ און די פינגער ביי איינער פון די שעהנע גראַציעס, וואָס זיצען ארום איהם? — — —

און אפשר איז דאָס טאַקע אַט די צובראָכענע גראַציע, וואָס האָט מיך אָן פּיבי'ן דערמאָנט? — — —

ווער ווייסט?! ווער ווייסט?! — נאָר אַ סך חושים זיינען אין מיר מיט אַמאָל אָפּגעטעמפּט געוואָרען, און ביסלעכווייז האָב איך גענומען ווי גליווערען פון שרעק.

איך האָב גענומען קוקען פאַר זיך בייז און ביטער, ווי זיך ראַנגלענדיג און טרייבענדיג פון זיך עפּעס, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט. באַלד אָבער האָט פאַר מיר אויפגעשיינט אַ געדאַנק, אַן וועלכען איך האָב זיך אָנגעכאַפּט, ווי איינער וואָס טרינקט זיך. און איך האָב גלייך אויסגעדרעהט דעם וועלאָסיפּעד און גענומען לויפען פון דער זון און פון דעם מאָנומענט. און האָב געקוקט פאַר זיך איבער דעם דריי מאָל ברייטען וועג ווי אַ בעפרייטער. — פאַר מיינע אויגען האָט זיך גענומען וועבען דאָס „טענים"־שפּיעל; די געלע טענים קוואדראַטען, די ווייסע געפלאָכטענע נעצען, די לייכט געקליידעטע מענער און פרויען מיט די „רעקעטס" אין זייערע הענד, — ווי שעהן, געשיקט און לייכט זיי זיינען! אַט ציהען זיי זיך מיט'ן „רעקעט" אין האַנד נאָך אַ באָל, וואָס פליהט רעכטס, און אַט לינקס, אַט זיך צוזעצענדיג און צובויגענדיג און אַט גאָר אויפשפּרינגענדיג. אַט מאַכט זיך אין דער לופט פון זייער קערפּער

אזא און אַט אַן אַנדער פיגור. און יעדע פיגור מיט׳ן „רעקעט״ אין האנד איז פול מיט פליים און ענערגישע בעוועגונג. יאָ, איך האָב ליעב דאָס „טעניס״־שפּיעל. און איך איל און טראַג זיך איצט אויף מיין וועלאָסיפּעד ארויף אהין צו די „טעניס״־שפּיעלער וואָס שפּרינגען דאָרט אום אויף די געלע קוואַדראַטען וואָס אויפ׳ן גרינעם גראָז.

איך בין אַרויף אויף אַ וועג, וואָס ציהט זיך אויף אַ געוויסער שטרעקע גלייך, און לאָזט זיך נאָכדעם לויפען מיט אַ זעהר שאַרפען אראָב־באַרג. אָפענע גראָז פעלדער, בערג, שפּיעלער, קוואַדראַטען, בלאַנ־קע, געלע, האָבען מיט אַ פּלוצלונג שרעקעדיגער איילעניש זיך גענומען טראָגען גלייך אויף מיר... איך האָב זיך מיט האסט אַ יאָג געטהאָן צום שאַרפען אראָבבאַרג. מיין הארץ און דער וועג אונטער מיר האָבען זיך מיט אמאָל אַ ריס געטאָהן. אַט—און איך ברעך דעם קאָפּ! מיט אמאָל האָט זיך נאָך דער וועלאָסיפּעד אַן עפּעס אָבגעשלאָגען, האָט אַ שפּרונג געטהאָן; עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, ווי עפּעס וואָלט זיך אין איהם צובראָכען, און גלייך דערויף האָב איך דערהערט אַ צושראָקענעם פרויען־קוויטש; איך האָב אַן איהם גלייך דערקאַנט פּיבי׳ס לעצטען פערצווייפעלטען קוויטש, און איך האָב פאַר זיך אויך גלייך דערזעהן פּיבי׳ן; מיט אַ „רעקעט״ אין איין האנט און מיט אַ באָל אין דער צווייטער. איהר פּנים איז געוועזן צוקרימט פון פערצווייפעלטען שרעק. דאָס קלייד אויף איהר איז געווען ליכטיג וויס. פּונקט ווי דאָס קלייד, אין וועלכען זי איז געווען אין יענער לעצטער נאכט. — — — — —

מיין וועלאָסיפּעד, צו וועלכען איך בין ווי צוגעוואַקסען געוואָרען, האָט מיך מיט זיין שווינדלענדיגער שנעלקייט דורכגעטראָגען פאַרביי איהר, און איז מיט מיר אוועק, ניט פיהלענדיג די ערד אונטער זיך. און ווען דער שאַרפער און לאַנגער באַרג־אַראָפּ האָט זיך געענדיגט, האָב איך מיט אַ צושראָקענעם אימפעט זיך גענומען טראָגען אַהן אויפהער אַלץ האַס־טיגער און ווייטער, ווייל פּיבים געשטאַלט האָט נאָך אַלץ געשוועבט פאַר מיינע אויגען, און איהר פערצווייפעלטער קוויטש האָט מיר נאָך אַלץ נאָכגעהילכט.

## II

פּיבי. נאָך איידער איך האָב זי געקאַנט האָט מען מיך שוין גע־שראָקען מיט איהר.

שפּאַסענדיג האָב איך זיך אַמאָל אין הויז פון דער פאַמיליע באַש אַרויסגערעדט, אַז מיר ווילט זיך אויף שטענדיג בלייבען אַליין, ווייל איך וויל אַז דער וועג פאַר מיר זאָל אויף שטענדיג בלייבען ריין און ברייט און ווייט.

די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט מיר דערויף געענטפערט פערדראָסיג און שמייכלענדיג:

— און מיר דאַכט, אַז אַט די אַלע געדאַנקען אייערע נעהמען זיך ביי אייך פון דעם, וואָס אַט ווי גרויס איהר זיינט, זיינט איהר נאָך פאָרט אַ קינד... און זיך ווענדענדיג צום פאָטער, מיט וועלכען זי איז געווען אין חבר׳שע בעציהונגען, האָט זי געזאָגט:

— דו ווייסט, פּאַפּאַ, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? מען וואָלט איהם בעדאַרפט בעקאַנען מיט פּיבי׳ן!...

דעם חבר׳שען פאָטער איהרען איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט צוגעגעבען:

— גערעכט, טאָכטער! מען דאַרף איהם טאַקע זעהן בעקאַנען מיט פּיבי׳ן. יאָ, זי וועט שוין פון איהם מאַכען אַ מענש!

און נאָכדעם פלעגט מיר, באַלד עפּעס, אויסקומען צו הערען:

— וואַרט, איהר וועט זיך בעקאַנען מיט פּיבי׳ן!

און נאָכדעם האָט שוין געטראָפען, אַז מען האָט מיר אין דער פאַ־מיליע באַש אַ פאַר מאָל פאַרגעוואָרפען פאַר וואָס איך בין ביי זיי ניט געווען יענעם און יענעם אָווענד. איך האָב דאָך צוגעזאָגט צו זיין. — און גראַד דאַן איז ביי זיי געווען פּיבי...

און איינמאָל בין איך געקומען צו די באַשי׳ס און געטראָפען אַ גרוי־סען אויטאָמאָביל פאַר׳ן אַריינגאַנג, און אין הויז — אַ טיפּיש אידישע

מיידעל, מיט שעהנע עטוואס געקרויזטע שווארצע האָר, א ווייס־בלאסער פנים, שווארצע ברעמען, און אויגען שעהנע, שעהן־צועפּענטע, נאָר גרויע... איהרע מאַניערען זיינען געווען גרויסשטעדטיש־עלעגאנטע, ענערגיש־צולאָזענע און דאָך מינוטענווייז עטוואָס פויל און פערבענקט... געפלוי־דערט האָט זי ווי א לוסטיגע שול־מיידעל, און די ווערטער זיינען ארויס־געקומען פון איהר מויל שארף, אָפּגעטאַקט און רונדיג־קליין. און צו דעם האָט זי נאָך פון מאָל צו מאָל ארויסגעלאכט מיט א לאַנגען רינגען־געלעכ־טער. דער געלעכטער האָט געקלונגען זאַנפטיג־רייך און פארביג, און איהרע גרויסע שטאָל־גרויע אויגען פלעגען זיך דערביי צועפּענען ליכטיג־ברייט און פלעגען זיך פערציהען מיט א שטראהליגער פייכטקייט. איהר געלעכטער פלעגט זי נאָך אָפט בעקרוינען מיט דעם וואָס זי פלעגט אין מיטען לאכען צוטראָגען איינע אָדער איהרע ביידע הענט צום הארצען, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט מיט דעם וועלען איינהאַלטען דעם קוואַל פון איהר לאכען.

מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאר איהר און מען האָט מיר געזאָגט, אז דאָס איז פיבי.

פיבי האָט מיר מיט א שמייכעל דערלאַנגט איהר ווייסע האַנט. נאָר איהרע גרויסע, גרויע אויגען האָבען זיך דערביי שארף און קאַלט אריינגעגעסען אין מיינע.... — קאַלט און שטאָלץ־צוריקשטויסענדיג איז געווען איהר בליק, כאָטש איהרע ליפּען האָבען צו מיר פריינדליך גע־שמייכעלט... און איך האָב דערפיהלט ווי א קעלט איז אריבער מיין לייב.

פיבי האָט מיט זיך אויך מיטגעבראכט דריי פריינד. מען האָט מיך אויך פאר זיי פאָרגעשטעלט. די אלע דריי זיינען געווען קריסטען.

אין א צייט ארום, ווען איך בין ווידער געווען ביי די באַש׳ס, האָבען זיך דאָרט אלע נייגעריג נאָכגעפרעגט, ווי עס געפעלט מיר פיבי. איך האָב געענטפערט:

— אָ, זי לאכט זעהר שעהן.

מיין גרינגשעצונג, וואָס איך האָב אויף אזא אופן ארויסגעצייגט צו פיבי׳ן, האָט אלעמען אין דער פאַמיליע באַש בעליידיגט... און זיי האָבען אויף מיר גענומען קוקען מיט בליקען, פון וועלכע איך האָב זיך גענומען פיהלען נאריש, און ווען איך בין אוועק פון זיי, האָב איך בעשלאָסען זיי מעהר קיין מאָל ניט בעזוכען.

## III

איינמאָל בין איך שפּעט ביינאַכט אַרויס פון מיין צימער און זיך אויף מיין שטייגער געלאָזט געהן איבער אַן איינגעשטילטער, לאַנגער און ווייטער גאַס. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ שוואַרצע, און די גאַס מיט איהרע עלעקטרישע לאָמפּען האָט זיך אין דער נאַכט אויס־געשיינט ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע הייל.

איך בין איבער דער גאַס לאַנג געגאַנגען און האָב, דאַכט זיך, אָהן שום געדאַנקען געקוקט פאַר זיך אויף דער ליכטיגער שטילקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר געצויגען ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע תּפילה...

פּלוצלונג האָב איך פאַר זיך דערהערט אַ עָאָס און אַ צושראָקענעם פרויען־קוויטש, און גלייך מיט דעם האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ שוואַר־צען אויטאָמאָביל מיט צוויי ליכטיגע רונד־ע לאַמטערנעס, וואָס האָבען אויף מיר געקוקט מיט זייערע בלענדענדיג געלע ליכט־שטראָמען. אין אויטאָמאָביל איז האַלב אויפגעשפּרונגען געזעסען פּיבי...

אַ פאָדערשטע ראָד האָט אין אויטאָמאָביל געפּלאַצט און פּיבי האָט זיך דערשראָקען.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ווען דער אויטאָמאָביל האָט ווי אַ פערוואונדעטע חיה זיך מיט מאַטערניש גענומען שאַרען צום טראָטואַר, האָב איך וועהמוטהיג געשמייכעלט פון אַ פאַרטיגען געדאַנק: אַז די נאַכט, די שפּעטע, שוואַרצע נאַכט, האָט אַרויפגעזעצט פּיבי'ן אויף אַ שוואַרצען אויטאָמאָביל און זי אַרויסגעשיקט מיך בעגעגענען אויף אָט דעם לאַנגען און ליכטיגען הייל. און אַז דער שאָפער איז ניט קיין מענש, נאָר אַזאַ נאַכט־גייסט, וואָס האָט שוין געוואוסט צו מאַכען אַזוי, אַז פּונקט פאַר מיר זאָל אַ ראָד פּלאַצען...

איך בין צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל. פּיבי האָט מיך אַ ווײַלע צושראָקען אָנגעקוקט מיט איהרע קאַלטע און צושראָקען־ברייט־צו־עפענטע, גרויע אויגען, נאָר באַלד האָט זי זיך פרעהליך צולאַכט, און

לאַבענדיג מיר אנטקעגען געטראָגען איהר האנד און זיך אָנהאַלטענדיג מיט איהר האנד אָן מיינער איז זי לאַבעדיג ארויסגעשפּרונגען פון אויטאָ־מאָביל. דאָס לאַכט זי פון איהר שרעק, וועלכער געפעלט איהר... און פון דעם אונערוואַרטעטען מאָדנעם צופאַל, וואָס האָט אונז צוזאַמענ־געבראַכט; זי האָט דאָך געמיינט, אַז זי וועט שוין אפשר גאָר קיינמאָל מעהר ניט זעהן מיינע ברוינע ברעמען, וועלכע איך לאָז אָפּט אַזוי בייז אַראָפּהענגען פון מיין שאַרפען שטערען. — ביי די באַש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך בין שוין דאָרט זעהר לאַנג ניט געווען, און אַז איך בין, יוויזט אויס, אויף זיי ברוגז. און איצט וועל איך זי דאָך געוויס בעגלייטען אַהיים. ניט אמת? זי וואוינט דאָ ניט וויים. און — כאָ, כאָ, כאָ — — — — ביי די באַש'ס האָט מען איהר גזאָגט, אַז איך האָב פיינד גוים, און אַז דאָס וואָס איך האָב זי דאָרט געטראָפען מיט דריי קריסטען קען פאַר מיר זיין געגוג, ניט צו האַלטען פון איהר. אָבער דאָס איז דאָך ניט גוט פון מיר, ניט טאָלעראַנט. איך דאַרף דאָך ניט פערגעסען, אַז מיר זיינען דאָך אַמעריקאַנער, פרייע אַמעריקאַנער בירגער, מיטגליעדער פון דער גרויסער און פרייער אַמעריקאַנער נאַציאָן.

פון איהר לאַכען, פון איהר האַלטען זיך און פון דעם בעלעהרענדיגען טאָן, מיט וועלכען זי האָט צו מיר גערעדט, האָב איך קלאָר פערשטאַנען, אַז די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט איהר געוויס געזאָגט אַז איך בין אַ קינד...

פון וואַנען פאָהרט זי עס אַזוי שפּעט, האָט זי ניט געפונען פאַר נויטיג מיר צו דערצעהלען, און איך האָב געטראַכט — זאָל זיין אַז זי קומט דאָס טאַקע פון דער נאַכט.

ווי אַזוי אַ אידישע מיידעל לאָזט זיך דאָס פאָהרען אַזוי שפּעט ביינאַכט אַליין, דאָס האָב איך ביי איהר ניט געפרעגט. זי אָבער האָט ביי מיר יאָ געפרעגט, פאַר וואָס איך שפּאַציר מיר ארום אַליין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און זי האָט לייכט געלאַכט פון מיר:

— אָ, דאָס איז דאָך ווייל איצט וועבט איהר געוויס אייער גרויסען געדאַנק, אַז אַלץ פאַר אייך זאָל אויף שטענדיג פערבלייבען „ריין" און „ברייט" און „ווייט" — — — גליקליך קינד!...

„גליקליך קינד" — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער. דער קלאַנג

פון איהר שטימע האָט אָבער דערביי אָפּגעהילכט אינ'ם עלעקטרישען שיין פון דער לאַנגער גאַס ווי אַ טיעפער זיפץ...

פּיבי, מיט וועלכער מען האָט מיך געשראָקען; פּיבי, וועלכע פערמאָגט אַזאַ קיימעלדיגען און שטראַהלענדיגען געלעכטער, האָט איצט געבען מיר אַ זיפץ געטהון — — — און דער אויסזעהן איהרער, און דער בליק פון איהרע ברייט־צועפּענטע גרויע אויגען מיט די קויהל־שווארצע ב־עמען האָבען זיך ביי איהר נאָכדעם גלייך געביטען אויף טיעפער און ערנסטער. איהר האַלטונג איז געוואָרען נאָך שטאָלצער, אָבער אויך אמת'ער און רוהיגער. און נאָך אַ לענגערען שווייגען און קוקען פאר זיך, האָט זי גאָר אונערוואַרטעט גענומען רעדען כמעט ווי צו זיך, אַז אידען זיינען נאָך אַלעמען פּאָרט אינטערעסאַנטער. די גוים, דאכט זיך איהר שטענדיג, פערמאָגען אין זיך אַזאַ מין סאָרט „ווילד־פלייש", וואָס קיין ציוויליזאַציאָן און קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען... די אידען, אָבער, האָבען אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס איז אייביג. אפשר איז דאָס דער געפיהל פאַר אייביגקייט — — — — — — קאָנסט פון עפּעס מיט זיי רעדען, זאָגען, קוקען אין זייערע אויגען — — — איהר ווייסט, אידען זיינען דאָך אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע פאָלק אין דער וועלט!

מיר האָבען די ווערטער איהרע געקלונגען מגושם'דיג. איך האָב אַ קנייטש געטהון מיט די אַקסלען:

— גאָט איז מיט איך, פּיבי! איהר רעדט עפּעס גאָר ווי אַ „גוטע" גויע!...

פּיבי האָט זיך אויף מיינע ווערטער אויפגעכאַפּט ווי פון פערגעסענהייט, און מיך אָנגעקוקט אַ בלאַסע... איך האָב זיך פערלאָרען, ניט ווייסענדיג וואָס דאָס בעדייט, און זי האָט מיט אַ מאָל מיר גלייך און שאַרף אַ קוק געטהון אין די אויגען אריין און געזאָגט:

— אָט ווי איהר זעהט, בין איך גאָר ניט אַזאַ שלעכטע. — — —

איך האָב פון דעם אַ ציטער געטהון, ניט ווייסענדיג פאַר וואָס און פאַר ווען. — — —

ביים געזעגענען זיך האָב איך פּיבי'ן צוגעזאָגט אַ מאָל ארויפקומען צו איהר. איך האָב דאָס איהר צוגעזאָגט, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דאָס ניט טהון.

# IV

איינמאָל, ווען איך האָב זיך אויף מיין וועלאָסיפּעד ארומגעיאָגט איבער גאסען, פּארקס און וועגען, האָב איך זיך אָנגעטראָגען אויף אַן אָפּענעם גרינעם פעלד, וואָס האָט געבלאַנקט מיט געלע „טעניס“-קוואַד־ראַטען און מיט אומלויפענדיגע „טעניס“-שפּיעלער. איך בין אראָב פון מיין וועלאָסיפּעד און זיך געשטעלט קוקען אויפ׳ן שפּיעל. און צווישען די שפּיעלער אויף איינעם פון די דאָזיגע „טעניס“-קוואַדראַטען האָב איך דערזעהן פּיבי׳ן. מיט אַ שלאַנגישער פלינקייט און בויגיגקייט האָט זי נאָכגעקוקט דעם באַל און איהם געשיקט געקלאַפּט צוריק אָט פון רעכטס און אָט פון לינקס. אָט איז זי מיט קליינע פרויען־טריט און כמעט זיצענדיג געלאָפען אנטקעגען אַ באַל וואָס איז צו איהר געפלויגען קורץ און ניעדריג, און אָט האָט זי גענומען אַן אויסגעצויגענע שפּרינגען אויף צוריק, האַלטענדיג דעם רעקעט אויפגעהויבען הויך איבערע איהר קאָפּ און איז אין דער ריכטיגער מינוט אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטען אויף צו קלאַפּען אַ הויך און ווייט־פליהענדיגען באָל. אָט איז אָבער דער באָל צו איהר אַ פליה געטהון צו הויך און איז אין גאַנצען ארויס פון „טעניס“-קוואדראט. זי האָט זיך אויסגעדרעהט אויף צו לויפען נאָכ׳ן באָל און האָט מיך דערזעהן. זי איז גלייך צוגעקומען צו מיר אַ פּער־פּלאָמטע מיט׳ן רעקעט אין האנד: — עס פרעהט זי, עס פרעהט זי זעהר וואָס זי זעהט מיך. און מיך? — יאָ, מיך פרעהט דאָס אויך, מיך פרעהט דאָס טאַקע מיט אַן אמת. — — — און איך מוז איהר זאָגען, אַז זי שפּיעלט זעהר גוט טעניס. — דאָס אָבער ווייסט זי אליין. נאָר זי האָט געהערט, אַז איך בין אַ זעהר ליידענשאַפטליכער וועלאָסיפּעד־פאָה־רער, זאָגט זי, און לעגט דערביי ארויף איהר האַנד אויף מיין וועלאָסיפּעד, ווי אַ קינד אויף אַ שפּיעלכעל, און אויך ווי אַ סימן פון גאָר נאָהענטער פריינדשאַפט. און איהר ווילט זיך זעהר אויסלערנען פאָהרען אויף אַ וועלאָ־סיפּעד; זי וואָלט זעהר וועלען דאָס קענען. נו, געוויס וועל איך איהר

דאָך פון דעם ניט אַפּזאָגען, — יאָ, געווים ניט. אַט טאַקע נאָך היינט אָבענד. און זי צולאַכט זיך, — ווייל אַז ניט, קען איך נאָך פערגעסען און ניט קומען... און דערצו איז ביי איהר אין הויז היינט גראָד דאָ א פרויען־וועלאָסיפּעד, וואָס איהרע אַ פריינדין האָט ביי איהר ניט לאַנג צוריק איבערגעלאָזט.

אין אבענד בין איך אין דער בעשטימטער צייט צוגעפאָהרען צו איהר הויז אויף מיין וועלאָסיפּעד. איהר וועלאָסיפּעד איז שוין גע־שטאַנען אין דרויסען אָנגעשפּארט אָן זייט פון די טרעפּ. ווי נאָר איך בין אראָפּ פון מיין וועלאָסיפּעד־זאָטעל, איז זי גלייך ארוים צו מיר. ביים טעניס־שפּיעל איז זי געווען אין ווייסען, און איצט איז זי געווען איבערגעטהון אין א טונקעל־ברוין קלייד. א ווארימע ליכטיגקייט האָט זיך געטראָגען פון איהר פּנים, פון איהר שמייכעל און פון די בעזונדערע צופריעדענע בויגונגען, וואָס מאַכען עלאַסטישער, אָפּגערונדערטער און שלאַנקער דעם קערפּער פון א פרוי דאַן ווען זי פיהלט זיך צו שטיפען ווי א „בייבי". זי האָט מיר געגעבען איהר שעהנע האַנד און מיך לאַבענדיג געפרעגט, צי דענק איך ניט, אז פאר איהר וואָלט געווען פיעל קליגער ניט צו נעהמען איהרע ערשטע לעקציעס אויף דער גאַס?

איך האָב צוגעגעבען, אז פאַלען איז טאַקע בעסער אויף א גאס וואָס איז פרעמד... זי האָט זיך פון דעם הילכיג צולאַכט. — וואָס איך רעכען, אַז זי וועט פאַלען?!

איך האָב געקוקט אויף איהר — ווי שעהן זי איז א לאַבעדיגע, אין'ם טונקעל ברוינעם קלייד מיט דער ווייסער, ליכטיגער האַנד ביים הארצען, און געזאָגט:

— און אז מען פאַלט צוקלאַפּט מען זיך, און עס טהוט וועה...

— געהט, איהר מיינט דאָס ניט! — האָט זי געזאָגט און גענומען איהר וועלאָסיפּעד.

— אָלרייט, איהר'ט שוין זעהן! — האָב איך געסטראַשעט.

מיר זיינען ארוים אויף א שטילער גאַס. איך האָב אוועקגעלעגט מיין וועלאָסיפּעד אָן א זייט, גענומען איהרען, און זיך געשטעלט ער־קלעהרען וואָס און ווי אזוי זי זאָל טהון. און אַז דער בעסטער מיטעל ניט צו פאַלען, איז ניט מורא האָבען פאר'ן פאַלען, ניט אין זינען האָבען,

ניט טראַכטען פון דעם. און נאָכדעם האָב איך זי ארויפגעזעצט אויפ'ן וועלאָסיפעד און איהר אָנגעזאָגט:

— איך וועל די ערשטע צייט האַלטען און פיהרען דעם וועלאָסיפעד. זי אָבער זאָל זיך האַלטען פריי, זאָל זיך אָן מיר ניט אָנלעהנען.

אָבער ווי נאָר די רעדער פון וועלאָסיפעד האָבען זיך גענומען דרעהען, האָט זי גלייך צושראָקען א געשריי געטהון און מיך ארומגעכאַפּט מיט איהרע הענט.

פיבי'ס הענט זיינען געווען גוט און לאַנג. און איהר ברוסט, צו וועלכער מיין קאָפּ איז צוגעפאַלען, האָט מיט א ווייכען און וואַרימען ציטער אָנגעריהרט מיין פּנים און איך האָב דערהערט דעם ריח פון איהר לייב.

איך האָב זי אַראָפּגעשטעלט און זיך גענומען בייזערען אויף איהר, פאַר וואָס זי פאָלגט ניט וואָס איך האָב איהר אָנגעזאָגט. איך האָב איהר נאָך אַמאָל גענומען ערקלעהרען, ווי, און ווי אזוי, אָבער וויפיעל מאָל איך האָב זי נאָר ארויפגעזעצט אויפ'ן וועלאָסיפעד, איז זי אַלץ ווידער ארויפגעפאַלען צו מיר אויפ'ן האַלז, אָדער אריינגעפאַלען צו מיר אין די הענט, און דערביי האָט זיך פון מאָל צו מאָל אָנגעריהרט די הויט פון איהר פּנים אָן מיין פּנים.

איך האָב זיך גע'כעס'ט און געערגערט.

פּלוצלונג אָבער האָט זיך פיבי מיט'ן וועלאָסיפעד ארויסגעריסען פון מיינע הענט, און זיך אוועקגעטראָגען מיט אזא שנעלקייט, אז איך בין פערציטערט געוואָרען. — — —

איך האָב גענומען נאָכלויפען, נאָכשרייען — אָבער וואו?! — — —

דער וועלאָסיפעד מיט פיבי'ן האָט זיך געטראָגען אזוי, אז איך האָב גענומען גליווערען פון שרעק.

עס טרעפט אָפט, אז אָן אָנפאַנגער רייסט זיך אָפּ און לויפט. אזוי ווי אָבער קערעווען אָדער אָפּשטעלען זיך קאָנען זיי ניט, לויפען זיי אזוי לאַנג ביז זיי שלאָגען זיך אָן עפּעס אָפּ און פאַלען... און ווי אז זי וועט זיך אָנטראָגען ביז ווייט ארויף, וואו די גאַס ווערט צוויי מאָל איבער־געשניטען פון רעלסען?! גאָט מיינער! איך האָב זיך א לאָז געטהון צו מיין וועלאָסיפעד, זיך ארויפגעכאַפּט אויף איהם און זיך גענומען יאָגען וואָס נאָר כח... מיט א מאָל אָבער איז מיר געוואָרען קאַלט און היים —

איך האָב דערהערט דעם שווערען אייזערנעם טומעל פון אַ שנעל־פליהענ־דיגער קאַר, און איך האָב באַלד פאַר זיך דערזעהן פּיבי׳ן און די העל־בעלויכטענע קאַר, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטהון גלייך אויף איהר — — — — אַ ליכטיגקייט האָט ווי אַ בלישטשענדיגע כוואַליע מיר אַ שלאָג געטהון אין די אויגען אריין און נאָך דעם איז אַלץ געוואָרען שוואַרץ און פינסטער... — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז שוין די קאַר ניט געווען, און עס איז שוין אויך קיינער און גאָר ניט געווען... איך בין געשטאַנען אליין נעבען מיין יועלאָסיפּעד און די גאַס האָט זיך פאַר מיר געצויגען לאַנג און ווייט. אַ פערשטראַהלטע פון דעם ווייסען שיין פון די עלעקטרישע לאַמפּען, האָט זיך די גאַס געצויגען דורך דער נאַכט ווי אַ לאַנגע, ווייסע הייל... איך האָב זיך מיט מיינע אויגען איינגעגעסען אין דער לאַנגער ווייט, און האָב דאָרט פאַר זיך דערזעהן פּיבי׳ן פאָהרענדיג אויף איהר וועלאָסיפּעד! — — — זי איז איצט געפאָהרען צו מיר, זיך אפילו ניט אָנהאַלטענדיג אָן רודער... און ווען זי איז אָנגעקומען נעהנטער און האָט מיך דערזעהן שטעהן אַזוי ווי אַן אריינגעגראָבענעם, האָט זי מיט איין האַנד אָנגעכאַפּט דעם רודער און די צווייטע צוגעטראָגען צום ברוסט, און האָט זיך הויך און הילכיג צולאַכט. — — — זי האָט געלאַכט און האָט זיך דערביי געהאַלטען אויפ׳ן וועלאָסיפּעד ווי אַ גוט־געניטע פאָהר־רערקע. און די ליכטיגע עלעקטרישע לאַמפּען האָבען געוואָרפען דעם שאָטען פון וועלאָסיפּעד, און פון איהר, אָט אויף רעכטס, אָט אויף לינקס...

זי איז צוגעקומען ביז צו מיר און איז דיהרעוורדיג און שעהן בויגענדיג איהר קערפּער אויסגעפאָהרען אַ ראָד ארום מיר און איז לאַכענדיג ווידער אוועק פון מיר — דאָס האָט זי געלאַכט פון מיר, וואָס איך האָב זיך געלאָזט איינרעדען, אַז זי קאָן ניט פאָהרען, און וואָס איך האָב זי מיט אַזאַ נאַאיווען ערנסט געלערענט ווי צו פאָהרען. — — —

פּיבי פלעגט שטענדיג הנאה האָבען פון איהר אייגענעם געלעכטער, און בעזונדערס גרויס איז איהר הנאה געווען, ווען זי האָט געפיהלט, אַז עס איז מאַקע דאָ פון וואָס צו לאַכען.

**איך האָב זיך ארויפגעזעצט אויף מיין וועלאָסיפּעד און האָב זי**

אַנגעיאָגט. זי האָט פּאַהרענדיג אַרויסגעשטרעקט צו מיר איהר לינקע האנד. איך האָב זי אָנגענומען מיט מיין רעכטער. זי האָט געפרעגט:

— איהר פערגיט דאָך מיר?

איך האָב אַ דריק געטהון איהר האנד און געזאָגט:

— ס'אַרא גוטע האנד איהר האָט.

ביי די באַש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך בין אַ קינד. איז איהר דעריבער איינגעפאַלען אָט דער שפּאַס.

און מיר זיינען אַזוי אַוועקגעפאָהרען, זיך האַלטענדיג פאַר די הענט און שמועסענדיג און זעהענדיג אונזערע שאָטענס פון רעכטס און פון לינקס און פאַר זיך.—און די גאַס האָט זיך פאַר אונז געצויגען ציטערדיג, שטיל און ליכטיג ווייט. — און אָט נעמט פּיבי רעדען און זאָגט:

— איהר זייט אַן ענערגישער און ליידענשאַפטליכער.

איך ציטער אויף — — — אין איהר האנד איז גוט און וואַרעם. און זי זאָגט:

— נאָר עס איז, ווייזט אויס, אמת וואָס דער אַלטער באַש זאָגט וועגען איך, אַז איהר בעזיצט די ספּעציעלע אידישע פעהיגקייט צו קאָנטראָלירען אייער אייגענע ענערגיע און ליידענשאַפט.

איך האָב זיך דערפיהלט אומבעקוועם, האָב אָפּגעלאָזט איהר האנד און געזאָגט:

— לאָמיר פּאָהרען שנעלער.

זי אָבער האָט זיך אָנגערופען לאַכענדיג:

— ניין, ריכטיג, איך מיין דאָס ערנסט, — איהר מיינט, אַז איהר וועט טאַקע שטענדיג זיעגען?

האָב איך זיך שוין צולאַכט און געפרעגט:

— איבער וועמען? איבער ווייבער? — — —

האָט זי אַ קוק געטהון אויף מיר און געזאָגט:

— יאָ.

און איך האָב געענטפערט:

— יאָ.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָנגערופען:

— ניט ווייט פון דאַנען איז דער פּאַרק! — — — — —

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — איהר ווילט אין פּאַרק?

און זי האָט געזאָגט:

— איך וויל צום פאַנטאַן, איך וויל אַ טרונק.

מיר זיינען אריין אין פּארק. ביים ערשטען פאַנטאַן, וואָס איז אונז אנטקעגען געקומען, זיינען מיר אראָפּ פון די וועלאָסיפעדען, זיי אָנגעשפּארט אָן אַ בוים. זי האָט געטרונקען, איך אויך. נאָכדעם איז זי געבליבען שטעהן פאר מיר, מיך איבער עפּעס כמעט בייז אויסגעמאָסטען מיט די אויגען. — — — איך האָב זיך ווידער דערפיהלט אונבעקוועם. באלד אָבער איז זי עטוואָס וויינער געוואָרען, איז צו מיר צו און מיט אַ מאָל פערוואָרפען איהרע הענט ארום מיין האלז, און מיך אַ קוש געטהון.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונזער פאָהרען צוריק איז געווען אַ שווייגענדיגער. און ווען איך בין געקומען צו מיר אין צימער, האָב איך אָנגעצונדען מיין גאז־לאָמפּ, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, געעפענט אַ בוך און געלייענט:

„איך בין אונטערוואָרפען אַלערליי ליידענשאפטען, דערפאר וויל זיי זיינען אַלע אין מיר, נאָר איך האלט זיי ווי ווילדע חיות אין שטייגען און צוגעבונדען, נאָר איך הער פון מאָל צו מאָל זייער רעווען. איך האָב שוין אין זיך דערשטיקט ניט איין ליעבע, וואָס האָט זיך אין מיר פערנומען: פאר וואָס? — ווארים מיט מיין טיעפסטען בעוואוסטזיין האָב איך שטענדיג געפיהלט, אז זי איז נאָך קורצער פון מיין אייגען לעבען.“

אויף מאָרגען האָב איך זיך אויפגעכאפּט און דערהערט, אז איך טראכט פון פּיבי׳ן. אז אין מיר שרייט עס: פּיבי, פּיבי, פּיבי! און מיין הארץ ווארעמט זיך דערביי, און דאָס בלוט מיינס ווארעמט זיך, און מיין לייב פיהלט אויף זיך אַ קינדישע ווארעמקייט. איך האָב געטראכט:

פּיבי איז נעכטען איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַ קאר — — — ניין, פּיבי איז נעכטען ניט איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַ קאר. עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט? — — —

און איך האָב געלאכט:

וואָס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט? אז פּיבי איז איבערגעפאָהרען געוואָרען, צי, אז זי איז צוריקגעקומען? — — —

יאָ, איך דארף דאָך היינט זיין ביי איהר. — — — ניין, איך וועל היינט ניט זיין ביי איהר.

איך האָב דאָס איהר אָבער צוגעזאָגט!

האָב איך איהר ניט געזאָלט צוזאָגען.

און איך האָב געטראכט:

שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך בּיינק נאָך ברייטע און שטאַרקע בּעוועגונגען — — — יאָ, מיר בּיינקט זיך טאַקע נאָך ברייטע און שטאַרקע בּעוועגונגען.

און עס איז ביי מיר געבּליבּען:

נאָך היינט דאַרף איך זיך זעהן מיט מיין בּעקאַנטען, וואָס איז אַנגעשטעלט אין דער אידישער פילאַנטראָפּישער פאַרם-געזעלשאַפט, ער זאָל מיר אַנווייזען אַ פאַרם, וואוהין איך זאָל קאָנען אַנקומען אַלס פאַרם-אַרבּייטער, ווייל מיינע ביינער בּענקען נאָך שווערער, וואָגיגער אַרבּייט.

איך בּין אַרויס פון בּעט, זיך אַנגעטהון, זיך גענומען איינוואַשען. וואַשענדיג האָב איך מיט אַ פּלוצלינגען שטוינען דערפיהלט, אַז דער קוש וואָס פּיבי האָט מיר נעכטען געגעבּען, וואַשט זיך ניט אָפּ, נאָר וואַשט זיך אינ׳ם פרישען וואַסער איינאיינעם מיט מיין פּנים, מיט די ליפּען. — — — איך האָב אויפגעהויבּען די אויגען צום שפּיגעל וואָס פאַר מיר און דערזעהן די רויטע ליפּען מיינע. די ליפּען האָבּען זיך אַ צופריעדענעם קנייטש געטהון, און די אויגען האָבען דערויף אַ צושמייכעלטען שטראַהל געטהון. מיט אַמאָל אָבּער זיינען מיר די אויגען פינסטער געוואָרען, איך האָב זיך גלייך אָפּגעקעהרט פון שפּיגעל. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר בּיטער אַ וויעג געטהון, ווי עס וואָלט זיך אַן עפּעס שטעכיגעס אַנגעשלאָגען:

— מיט די אייגענע ליפּען האָט זי געוויס אויך געקושט אַן אַנדערען, אפשר איינעם פון יענע גוים!...

גאָט מיינער, ווי ניט גוט מיר ווערט ביי דעם געדאַנק, אַז אַ אידישע מיידעל קען אמאָל קושען אַ גוי!

## V

מיין פריינד, אין דער אידישער פארם־געזעלשאפט, האט זיך זעהר גוט איינגעאייגענט מיט די אסימילאטאָרישע אידעען פון די פילאנט־ראָפּען פון דער געזעלשאפט. — ער האט מיך גלייך גענומען צורעדען, אז אָננעהמען א שטעלע זאָל איך נאָר ביי א קריסטליכען פארמער, ווייל איך אלס אינטעליגענטער מענש דארף אליין פערשטעהן אז ביי א קריסט איז פיעל בעסער צו ארבייטען — — — א איד, דארף איך פערשטעהן, איז א ביסעל צו קלוג; א איד וויל מען זאָל פאר איהם ארבייטען אומזיסט. און היינט ביי א קריסטליכען פארמער בין איך כאטש זיכער מיט א זונטאָגדיגען רוה־טאָג, און ביי א אידען וועל איך ניט האבען ניט קיין שבת און ניט קיין זונטאָג. און דערצו, איז צו א קריסט, אויב איך וויל, האט ער פאר מיר שוין א גוטע שטעלע — אפילו גלייך פאָהרען; אויב אָבער איך וויל דורכאויס צו א אידען, וועל איך מוזען ווארטען עטליכע טעג.

איך האָב בעשלאָסען, אז זאָל זיין א קריסט, אבי שוין פאָהרען. און דערצו נאָך האט מיך א רייז געטהון א ליידענשאפט, זיך אין דעם פאל איבערגעבען אין די הענד פון אט די נייע ערלייזער אונזערע.

אויף מאָרגען נאָך האלבען טאָג בין איך שוין געווען ווייט פון ניו יאָרק און פון פיבי'ן, ערגעץ אויף א פארם צווישען די „ווייסע בערג" פון דעם שטאאט ווערמאָנט, נאָהענט פון דעם שטילען קאָנעקטיקוט־טייך, וואס האט פאר זיך געמאכט פלאץ צווישען די בערג פון ניי־העמפשייר און ווערמאָנט.

## VI

די ווייסע בערג! די בערג פון ווערמאָנט און ניו־העמפשייר! נאָט מיינער! איך חלום דאָך נאָך ביז אויף היינט, אז עמיצער, א ווייסער, א ליכטיגער, האָט זיך דאָרט אמאָל בעוויזען, דעמאָלט ווען די ערד איז נאָך געווען רויה און וויסט און ווילד, און די וויסטע ערד איז פער׳כשופ׳ט געוואָרען פון זיין גרויסער און ליכטיגער ווייסקייט, האָט גענומען בליהען און וואַקסען, און מיט פרייד און מיט שרעק האָבען נאָכדעם בעגראָזטע און בעווילדערטע מיילען און מיילען גענומען לויפען און שפּרינגען אין הויכען און קנייטשען איינס נאָכ׳ן אנדערען, איינס אויפ׳ן אנדערען, און גענומען קוקען ארום זיך און זוכען. — זיי האָבען איהם, דעם ווייסען, שוין ניט געפונען, אָבער נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג שטעהען אויפ־געשפּרונגענע אַט די צעהנדליגע און הונדערטע בעגראָזטע און בעוויל־דערטע מיילען, קוקען פאַר זיך געהאָרבעט און געקנייטשט, געשפּיצט און געבויגען, קוקען פערציטערטע פון פרייד און שרעק און מיינען נאָך אַלץ צו דערזעהן איהם, דעם ווייסען.

און ווען מען זאָל ניט אויפהויבען די אויגען, און אין וועלכער זייט מען זאָל ניט קוקען פון דעם פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך אַ׳נעלסאָן׳ס פאַרם, וואוהין איך בין אנגעקומען אַרבייטען, זעהט מען פאַר זיך בלויז בערג, דורכאויס בערג און בערג, מיט פערשיעדענערליי פּלאַכען און שפּיצען און קנייטשען.

דער מיסטער אַ׳נעלסאָן, אַ גוי, אַ בעל־גוף, מיט אַ ראָזליכען קאָליר אין די פעטע באַקען, מיט גלייכע אַראָפּגעהאַנגענע גרויע וואָנציען, וואָס זיינען ווייזט אוים נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געווען געל, האָט מיך בעגע־גענט זיצענדיג אויף אַ טרעפּ פון דער ווערענדע פון זיין ווייס־געפאַרבטער הויז.

ער איז געווען אָנגעטהון מיט פּשוט׳ע שיך און הויזען מעשה פאַרם־אַרבייטער, מיט אַ גוטער ווייסער העמד, מעשה פּריץ, און מיט אַן אָפּגע־

טראָגענעם, ערטערווייז צוריסענעם שטרוי־הוט אויפ'ן קאָפּ. ער האָט מיך בעגריסט, צוגענומען די אָנווייזונג פון דער געזעלשאַפט, מיך געפרעגט ביי וואָס איך האָב ביז איצט געאַרבייט, און צי איך האָב שוין ווען גע־טהון פאַרם־אַרבייט, און צי איך וויים זיינע בעדינגונגען. און עס געפעלט איהם, וואָס איך, אַ איד, רעד אַזאַ גוטען ענגליש. און עס געפעלט איהם זעהר וואָס אידען האָבען זיך גענומען צו ערד־אַרבייט. און אָט די געזעל־שאַפט, וואָס וויל דערנעהענטערען „איזראַעלען“ צוריק צו גאָט'ס ערד, טהוט דערמיט אַ זעהר גוטע זאַך. יאָ, דאָס איז אַ זעהר גוטע אידעע. מיר וועט ביי איהם זיין גוט. איך דאַרף נאָר ניט זאָגען קיין ליגענס — — — עס איז אַלעמאָל בעסער צו זאָגען דעם אמת — — — — טרעפט זיך עפּעס, קומט עפּעס פאָר, אַזוי צי אַזוי, זאָל איך בעסער זאָגען דעם אמת — — — — אָבער דאָך מיינט ער פון דעסטוועגען, אַז אידען זיינען פעהיגע מענשען — זיי האָבען געגעבען די ביבעל — — — יאָ, שלאָפען אָבער וועל איך מוזען אין שטאַל, אויפ'ן בוידעם — — — ווייל אין הויז איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ. — אָבער דאָרט, אויפ'ן בוידעם, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט; פאַראַן דאָרט אַזאַ אַפּצאַמונג, וואָס זעהט אויס ווי אַ בעזונדער צימער, און אַ בעט שטעהט דאָרט. און אָט איז וויליאַמס — היר וויליאַמס! קום אַהער! — האָט ער אויסגעשריען צו אַ פערשטויבטען ארבייטער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון פעלד מיט די פערד געשפּאַנט אין גראָב־מאַשין — זאָל מעקס אויסשפּאַנען!

דער פערשטויבטער וויליאַמס האָט גלייך גענומען געהן צו אונז אַ צופריעדענער פון דעם וואָס ער האָט פערשטאַנען, אַז איך בין דאָס דער נייער אַרבייטער, אויף וועמען זיי האָבען געוואַרט. ער האָט מיך איבער־גענומען פון דעם מיסטער אָ'נעלסאָן, און מיך געפיהרט אין שטאַל אוועק־צולעגען מיינע זאַכען און מיר וויזען מיין אָרט.

## VII.

אויפ'ן בוידעם איז אויף אַן אָפּגעצאַמטען פּלאַץ געשטאַנען אַן אַלטע בעט מיט צופוילטע טעפּיכען, אַלס אונטערבעטעכץ, און אַן אָנגעשטאָפּטען זאַק מיט שטרוי פאַר צוקאָפּענס. די בעט איז געווען צוטריקענט און צופאַהרען. און איך און וויליאַמס האָבען זיך גלייך גענומען זי איבער־בינדען מיט שטריק.

וויליאַמס האָט מיר דערביי גענומען דערצעהלען, אַז ער פּרעהט זיך זעהר מיט דעם וואָס איך בין געקומען — זיי זענען איצט בלויז פיער ארבייטער. און דאַרפען וואָלט מען כאָטש נאָך פיער, ווייל אויסער דעם גרויסען שטח ערד וואָס עס איז דאָ צו בעאַרבייטען, איז נאָך דאָ איבער פופציג קיה און נאָך אמאָל אַזוי פיעל קעלבער און קעלבלעך. נאָר דער מיסטער אָ'נעלסאָן, מוז ער מיר זאָגען דעם אמת, האָט געקראָגען אַזאַ נאָמען אין די „עמפּלאָימענט"־ביוראָס, אַז זיי ווילען מיט איהם מעהר קיין עסקים ניט האָבען. און די ארבייטער וואָס ער קריגט שוין יאָ, האַלטען זיך ניט לאַנג. אָט פון לעצטען הערבסט אָן איז ער, וויליאַמס, דער איינציגער ארבייטער, וואָס איז דאָ אויסגעווען אַ גאַנצען מאָנאַט און איז נאָך פערבליבען אויף אַ צווייטען. און מען קאָן צו די ארבייטער גאָר ניט האָבען, ווייל דער מיסטער אָ'נעלסאָן איז — — — —

דאָ אָבער האָט זיך וויליאַמס מיט אַמאָל דערשראָקען און זיך גע־נומען פערדעכטיג ארומקוקען — ער האָט דערהערט טריט... אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי מעקס, אַ יונגער, לאַבענדיגער שייגעץ, נאָך כמעט אַ סקוהל־באָי. ער איז ארויף אַראָפּצוּוואַרפען היי פון בוידעם און דערווייל געוואָלט מיך אָנקוקען.

— וואָס ווילסטו דאָ האָבען ? — האָט וויליאַמס אויף איהם אויס־געשריען און אויסגעשפּיגען כמעט גלייך אויף איהם.

מעקס' שמייכעל אָבער האָט זיך פון דעם ניט געענדערט — ער איז געבליבען שטעהן מיט דער האנד אָן דעם הילצערנעם היי־גאָפּעל, וואָס

איז געווען פיעל העכער פון איהם, און שמייכלענדיג געקוקט אויף דעם צו'כעס'טען וויליאמסען און אויף דער סקריפּענדיגער בעט וואָס מיר האָבען געבונדען און געפּרעגט:

— אַט אַ דאָ וועט ער טאַקע שלאָפען? — — —

— ניט דיין עסק! געה אוועק, דו גאַרנישט! — האָט זיך וויליאַם אַליין גע'כעס'ט.

מעקס אָבער האָט ניט אויפגעהערט שמייכלען, און נאָך געמאַכט אַ בעוועגונג אונז אַרויסצוהעלפען אין דער אַרבייט.

וויליאַמס האָט איהם בייז אָפּגעשטופּט:

— געה, טהו דיין אַרבייט! קיינער בעט דיך דאָ נישט!

ווען מעקס איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מיר וויליאַמס געזאָגט, אַז מיסטער אָ'נעלסאָן האָט איהם נאָך נעכטען געהייסען צורעכט מאַכען דאָס בעט פאַר דעם אידען, וואָס קומט אַהער אַרבייטען. נאָר אַזוי ווי די מאַדאַם אָ'נעלסאָן איז דערביי אויך געווען, און ער, וויליאַמס, האָט בעמערקט אַז זי איז פון דעם ניט צופריעדען — ביי יעזוס! די מאַדאַם אָ'נעלסאָן איז אַ גוטע פרוי! — זי האָט זיך אַ ברוגז'ע אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען... און דערפאַר האָט ער, וויליאַמס, זיך ניט געאיילט, ווייל ער אַליין וואָלט אויך וועלען, מען זאָל פאַר מיר בעסער מאַכען אַ פּלאַץ אין הויז, ווייל ער ווייסט דאָך אַז אַן אַרבייטער קען אַמאָל פאַר אַזעלכע זאַכען ברוגז ווערען, און דעם אַרבייטער דאַרף מען איצט זעהר נויטיג. און וואָס איז דען דער אונטערשיעד — אַ איד צי אַ קריסט? — — — ביי יעזוס! אַלע מענשען זיינען גלייך — וואָס איז, די אידען גלויבען דען ניט אין גאָט?

ביי דער אַרבייט איז ביי מיר אַרויסגעפאַלען פון קעשענע די פאָנטאָן־פּען.

וויליאַמס איז פון דער פאָנטאָן־פּען גאָר צומישט געוואָרען. ער האָט געבעטען איך זאָל זי פאַר איהם עפענען. איך זאָל איהם ציינען, ווי זי שרייבט, איך זאָל זי איהם געבען האַלטען אין זיינע הענט. און ס'אַרא מאָדנע זאַך דאָס איז! ווי אַזוי ווערט דאָס געמאַכט וואָס זי שרייבט אָהן טינט?! און די פען איז טאַקע אַ גאָלדענע?! טאַקע פון אמת'ע גאָלד?! וואונדערבאַר! ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ זאַך, וואָלט ער שוין ניט געקומען אַרבייטען אויף אָ'נעלסאָן'ס פאַרם.

אָ, ניין! און צי וועל איך איהם געבען מיט דער פען שרייבען אַ בריעף צו זיין שוועסטער? — ער איז ניט אַבי ווער! — ער האָט אַ שוועסטער! און דזשאָן, מיט וועלכען איך וועל זיך באַלד בעקענען, איז אַן אַנגעלאָ־פּענער, גאָט ווייסט פון וואַנען. — זינט ער איז דאָ האָט ער נאָך קיין איין בריעף ניט ערהאַלטען, און צו קיינעם ניט געשריעבען, אַפילו אַ וואָרט ניט! ביי יעזוס, מיט אַזאַ מאַן איז דאָך געפעהרליך צו שלאָפען אין איין צימער. און די פאַנטאַן־פּען זאָל איך בעסער ניט האַלטען אַזוי אויבען־אויף... ער שווערט מיר אַפילו ביי יעזוס'ן, אַז ער מיינט חלילה ניט, אַז עמיצער פון די אַרבייטער איז דאָ אַ גנב, אָבער עס איז פאָרט בעסער אַז מען ווייזט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען.

שפּעטער אין אָבענד, ווען מיר זיינען אַלע געזעסען און געגעסען אונזער „סאַפּער“, האָב איך זיך בעקאַנט מיט דער מאַדאַם אָ'נעלסאָן.

ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען אין ענדיגען אונזער עסען, האָט זיך געעפענט די טיהר, וואָס פיהרט אין די בעל־הבתישע צימערען, און עס איז אַריין אַ בלאָנדע דאַמע, האַלטענדיג אויף איהר אָרעם ווייסע בעט־וועש. וויליאַמס האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און מיט אַ חניפה־דיגער פרייד זיך אָפּגערופען:

— מאַדאַם אָ'נעלסאָן, דאָס איז אונזער נייער אַרבייטער!

די מאַדאַם האָט אויף מיר אָנגעשטעלט איהרע אויגען — — — און געפרעגט מיין נאָמען, און צי איך קום טאַקע פון ניו יאָרק — און וואו האָב איך געוואוינט אין ניו יאָרק. און ווען איך האָב איהר אָנגערופען די געגענד, האָט זי פערדעכטיג מיך נאָכאַמאָל געמאַכט אָנרופען דעם נאָמען פון דער געגענד — — — און ערשט נאָכדעם מיך ווידער אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געפרעגט אין וועלכען טהייל פון יענער געגענד איך האָב געוואוינט און צי איך האָב דאָרטען אייגענע, בעקאַנטע — — — און בשעת זי האָט מיך געפרעגט אָט די אַלע שאלות, האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז ביי איהר ניט קיין נייגעריגקייט, נאָר אַ מין בענקען, אַז ווער ווייס ווען זי האָט דאָרטען — — — זי קומט, הייסט דאָס, אויך פון ניו יאָרק...

אַ בעזונדער ווייכקייט האָט זיך געטראָגען פון דער מאַדאַם אָ'נעל־

סאָן׳ס שטימע. אַזאַ ווייכקייט הערט זיך בלויז אין די שטימען פון די פרויען וואָס וויינען אָפּט אין דער שטיל.

ווען די דיענסט איז אריין אין אונזער עס־צימער, האָט איהר די מאַדאַם אָ׳נעלסאָן איבערגעגעבען די ווייסע וועש, זי זאָל ארויפגעהן צו מיר און דערמיט איבערציהען מיין בעט — — — און פאַר׳ן ארויס־געהן האָט צו מיר די מאַדאַם געזאָגט — זי האָפט, אַז איך וועל זיך דאָ פיהלען גוט.

## VIII.

אַ הייס־בלויער הימעל האָט זיך געשפּרייט איבער אַ קיהלער נאַכט. איך בין געלעגען מיט'ן פּנים ארויף. ווייך און שטיל האָבען די גראָזען געגלעט מיינע הענט, מיין נאַקען. דאָ און דאָרט האָט פון גראָז גענומען אַרויס'שרייען: * Whip-poor-will! Whip-poor-will! Whip-poor-will!

די געשרייען זיינען געווען מעלאַנכאָליש, פערטרויערט און האָבען זיך ווידערהאָלט קורץ, אונערוואַרטעט און קרעפטיג־קנאַלענדיג: „וויפּ־פּור־וויל!“ — „וויפּ־פּור־וויל!“ — „וויפּ־פּור־וויל!“

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דער וויפּ־פּור־וויל־פויגעל, איינער פון דעם מין גאָטסאַקער פויגעל וואָס געפינט זיך נאָר אין די מזרח־געגענדען פון צפון־אַמעריקאַ. דאָס זיינען פויגלען, וועמעס טאָג עס פאַנגט זיך אָן אַ פּאָר שעה נאָך זון־אונטערגאַנג, און וועלכע מען זעהט כמעט קיינמאָל ניט. מען הערט זיי בלויז. און אויף וועלכע אינ־דיאַנער און ניגערס גלויבען, אַז דאָס זיינען אַזעלכע גלגולים, גייסטער און פאַראויסזאָגער.

איינער פון דעם סאָרט פויגלען האָט זיך פּלוצלונג פון ערגעץ אַ באַרג ניט ווייט פון אונז מיט אַמאָל הילכיג צושריען: האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ! — — — און יעדעס מאָל אַלץ העכער און שרעקעדיגער. און כאָטש איך האָב, דאַכט זיך, גוט געוואוסט, אַז דאָס זיינען פויגלען, פון דעסטוועגען האָב איך געטראַכט, אַז דאָס זיינען אַזעלכע שטיק פון דעם קליינעם בלאַסען און שטענדיג־לאַכענדיגען מעקס. אַז דאָס שפּיעלט ער זיך איצט מיט זיך אַליין, שפּרינגט אַרום אין גראָז, בעהאַלט זיך אויס אונטער שטרויכען און פעלזען און שרייט אין דער נאַכט אַריין:

Whip-poor-will! Whip-poor-will! און האַ—האַ—האַ!

אָדער גאָר: Willie-com-go! Willie-com-go! (**

---

*) שמויס, אָרעמער וויליאַם! שמויס, אָרימער וויליאַם!!

**) וויליאַם־קום־געה! וויליאַם־קום־געה!

ווילִיאַם איז פאַרביינגעגאַנגען, אַ לאַנגער, אַ שוואַרצער און שטיל, ווי אַן אויפגעשפּרונגענער שאָטען.

דזשאָהן, אַ שטאַרק געבויטער דייטש, מיט אַ בלאָנדער באָרד און בלויע אויגען, איז געזעסן נעבען מיר, און מיר דערצעהלט, אַז ער איז אויך אַ ניו יאָרקער, אַז ער האָט דאָרטען צוויי געליעבטע, נאָר מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פון ניו־יאָרק אויף פינף יאָהר — איין יאָהר איז ער אָפּגעזעסען אין שטאַדטישען געפענגניס, נאָכדעם האָט מען איהם ערשט פערבאָטען צו זיין אין ניו־יאָרק סטייט. זיי זיינען אפשר גערעכט — האָט ער צוגעגעבען — אָבער שולדיג איז אין דעם זיין פאָטער — ער איז געשטאָרבען און איהם איבערגעלאָזט זעקס און פערציג טויזענד דאָלאַר, און ער, דזשאָהן, איז דאַן געווען אַ יונגער באָי, אַ סטודענט פון שטאַדטישען אוניווערזיטעט, — יאָ, יאָ, איך מעג איהם גלויבען, — ער אָט דער פאַרמער, וועמען איך זעה איצט נעבען מיר, איז אַן אינטעליגענטער מענש, האָט געלערענט אַנאַטאָמיע, פיזיקע — און אַז אַנאַטאָמיע געדענקט ער נאָך ביז היינט. אַז אָט דער ביין פון האַנד הייסט „אולנאַ“, אָט דער „ראַדיוס“ און אָט זיינען די „קאַרפּוס“, און ער האָט זיך גענומען אויסרעכענען זייערע נעמען איינס נאָכ׳ן אַנדערען. ער געדענקט זיי שוין אַפילו ניט אין גאַנצען, אָבער איך קען דאָך זעהן, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענש. נאָר איבער די געלד, וואָס ער האָט דאַן נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט אַריינגעקראָגען אין זיינע הענד, איז ער אַריינגעפאַלען אין שלעכטער קאָמפּאַניע. אָבער ער איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט! „געפייקט“, „גענעמבעלט“, געהאַט אַ „פייט“ מיט מעקענזי׳ן, מיט מעקענזי׳ן אַליין! אָט איך קען דאָס זעהן פון זיין גראָבען פינגער אין זיין רעכטער האַנד — דער פינגער איז ביי איהם פון דאַן אַן צובראָכען. איך דאַרף דאָס נאָר ניט דערצעהלען ווילִיאַמס׳ען, ווייל אַזוי האָט ווילִיאַמס מורא צו איהם צוצונעהן נאָהענט, ווען אָבער ווילִיאַמס זאָל זיך דערוויסען אַז ער האָט נאָר אַ צובראָכענעם פינגער אין דער רעכטער האַנד, וואָלט ער מיט איהם נאָר אַנדערש גערעדט. — — —

דזשאָהן׳ס רייד האָבען זיך פאַר מיר געמישט מיט׳ן אָבענד און מיט די מעלאַנכאָלישע און כעס׳דיגע געשרייען, און איך האָב דערביי געקוקט אין הימעל און געזעהן איבער מיר מיליאָרדען קליינע און גרויסע שטערען. די שטערען האָבען ליכטיג און שאַרף געקוקט אויף מיר און

אויף די בערג און בערג, וואָס זיינען אַזוי רייך פאַנאַנדערגעוואָרפען אונטער דעם ברייט־צושפרייטען הימעל — — — און איך האָב דערביי געטראַכט פון אַ סך זאַכען און אויך פון דעם, אַז פאַר דער מאַדאַם אַ׳נעלסאָן וואָלט געווען גוט צו האָבען אַ מאַמע, אָדער צו זיין אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענע טאָכטער, צו וועמען מען קאָן רעדען — — ווייסע, עטילע פרויען — אָט ריידען זיי דאַכט זיך קלוג און שמייכלען פרעהליך, און ווי נאָר זיי פערמאַכען הינטער זיך די טיהר קאָן זיין צואוויינען זיי זיך גלייך. — — —

ביסלעכווייז בין איך צואוועבט און צומישט געוואָרען מיט די בערג, מיט די שטערען, מיט׳ן הימעל — — — איך האָב קוים געהערט דזשאָהן׳ס „גוט־נאַכט“ און נאָכדעם שוין גאָר ניט געהערט. — — — פיבי קוקט ארויס פון אַ פענסטער. איהרע שטאָל־גרויע אויגען זיינען גרויס און ברייט צועפענט און די ווייסלען פון איהרע אויגען גלאַנצען און שיינען ליכטיג ווייס — — — פיבי קוקט ניט ארויס פון אַ פענ־סטער, פיבי קוקט ארויס פון הימעל — — — און איהרע שוואַרצע עטוואָס געקרייזטע האָר פאַלען אַראָפּ פון איבער איהר שעהנעם, וויינ־רונדען אַקסעל און גרייכען פון הימעל ביז צו דער ערד און גרייכען ביז מיין האַנד, ביז מיין נאַקען, ביז מיין פּנים. — — —

עמיצער פּאַרעט זיך ביי מיין זייט קעשענע — — — דאָס אייזענדרעל וואָס האָט אָנגעהאַלטען מיין פאַנטאָן־פען אין דער קעשענע האָט אַ שאַרפען „פּיטש“ געטהון און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — — — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און האָב זיך דערשראָקען פון דעם, וואָס איך בין ניט ביי זיך אין מיין היימישער בעט, נאָר אויף אַ בעגראָזטער ערד. צווישען בערג און הימעל און שטערען — — — וויליאַמס איז גע־שטאַנען איבער מיר אַ צומישטער... ער וועקט דאָס מיך איך זאָל ארויס־געהן צו זיך שלאָפען — ער וויל ניט איך זאָל מיך פערקיהלען...

ערשט ארויפקומענדיג צו זיך אויפ׳ן בוידעם, האָב איך זיך דער־מאָנט אָן וויליאַמס׳ן — — — האָב אַ טאַפּ געטהון מיין זייט־קעשענע און ניט געפונען מיין פאַנטאָן־פען.

איך בין שוין כמעט געווען איינגעשלאָפען אין מיין סקריפּענדיגער

בעט, ווען איך האָב דערהערט עמיצענס טריט איבער'ן בוידעם — — — די היי שארט זיך... איך האָב צועפענט ברייט די אויגען, געקוקט פאַר זיך און דערזעהן אַ שווארצע פיגור — — — די פיגור דערנעהנטערט זיך לאַנגזאַם — — — אַט איז זי אריבער די שוועל פון מיין אַפּצאַ־מונג — — —

— ווער איז ?! — האָב איך אויסגעשריען.

— דאָס בין איך, וויליאמס; גלאַט אַזוי — — —

— וואָס איז ?! — האָב איך איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען זיין צוטומעלטקייט.

— גאָר ניט. ער וויל נאָר וויסען ווי מיר שלאָפט זיך. און איך זאָל ניט פערגעסען, אַז מאָרגען פּונקט פיער אַ זייגער וועט ער מיך אויפ־וועקען צו דער ארבייט.

— גוט; אַ גוטע נאכט.

ווען וויליאמס איז ארויס בין איך אראָפּ פון מיין געלעגער און אויפגעזוכט אַ זיכערען פּלאַץ פאַר דעם ביסעל געלד וואָס איך האָב געהאַט.

ווען איך האָב אויף מאָרגען געזאָגט וויליאמס'ען, אַז איך האָב ניט די פּען, האָט ער זיך אַזש פאַר'ן קאָפּ געכאַפּט:

— שטייטש, אַזאַ פּען! אַן אמת'ע, אַ גאָלדענע! ער האָט מיך אָבער געוואָרענט, איך זאָל זי ניט האַלטען אויבען־אויף. ביי יעזוס'ען, ער מיינט ניט צו זאָגען, אַז עמיצער האָט זי ביי מיר גע'גנב'עט. אַט זענען דאָך דאָ דזשאָהן, פיליפּ, מעקס. ביי יעזוס'ען, אַז ער מיינט גאָר ניט צו וואַרפען אַזאַ פערדאכט אויף עמיצען. איך האָב זי געוויס פערלוירען אין גראָז וואו איך בין נעכטען איינגעשלאָפען. ער אַליין וועט זי מיר העלפען זוכען, ווייל עס איז ניט לייכט צו געפינען אַזאַ זאַך אין גראָז. מען קאָן אמאָל אַזאַ זאַך אָפּזוכען אַ גאַנצען זומער, און דאָס ערשט אין הערבסט געפינען — — — קאָן זיין אַז איך ווייס גאָר ניט צי איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אויפ'ן גראָז. יאָ, איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אין גראָז. ער געדענקט גוט דעם פּלאַץ. און ער וועט מיר איהם ציינען

און ער וועט מיר דארט העלפען זוכען. זיכער. וואס הייסט, אזא גוטע זאך, אזא טהייער שטיקעל גוטס.

און אפט, שוין לאנג נאכדעם, פלעגט זיך וויליאמס פון צייט צו צייט דערמאנען אן מיין פען פון „אמת'ען גאלד" און פלעגט מיך טרייסטען און צוזאגען אז ער וועט זי פאר מיר זוכען.

# IX

פון דער דיענסט בין איך געוואָהר געוואָרען, אז די מאדאם אַ'נעלסאָן איז, ווי איהר ווייזט זיך אויס, א פראנצוויזישע און דער מיסטער אַ'נעלסאָן — אַן איירישער חזיר (די דיענסט האָט זיך אזוי אויסגעדריקט, כאָטש זי אליין איז אויך געווען אַן אירישע) און אז עס איז אויף דער מאדאם א רחמנות.

— א רחמנות אויף דער מאדאם? פאר וואָס? — האָב איך געפרעגט.

אָבער אויפ'ן אָרט פון צו ענטפערען, האָט די דיענסט צו מיר א מאַך געטהון מיט דער האנד און געזאָגט:

— בעסער פרעג נים!

און וואָס מעהר מיר פלעגט אויסקומען צו זעהן די בלאָנדע מאדאם אַ'נעלסאָן, אלץ מעהר פלעג איך זעהן, אז א ידריקענדע שווערקייט קוקט אַרויס פון איהרע אויגען.

גאָר אָפט פלעגט זי מיך פרעגען צי איך בענק ניט אהיים... און א בעזונדערער, האָפנונגסלאָזער ציטער פלעגט דערביי פערבענקט אַרויס־קלינגען פון איהרע ווערטער. און דערביי פלעגט זי נאָך אָפט צוגעבען, אז זי מיינט אהיים, אין דעם „אַלטען לאַנד", וואו איך האָב מיינע עלטערען... און ווי לאַנג האַלט דאָרט אָן דער ווינטער? — — — און פרעסט זענען דאָרט גרייסע? ווייסע? און אז עס פאַלט דאָרט אוים א שניי, איז דאָס אויף לאַנג, אויף זעהר לאַנג. — — — זי האָט וועגען דעם געלעזען.

און איינמאָל, ווען צו מיר איז אָנגעקומען א בריעף פון דער „אַלטער היים", האָט מיר די מאדאם אַ'נעלסאָן איהם אריינגעטראָגען אויף א טעלער צום טיש, וואו מיר, די ארבייטער, האָבען געגעסען, און ווען איך האָב דעם בריעף געעפענט, האָט זי מיך געבעטען איך זאָל איהר איהם ווייזען — — — זי וויל זעהן ווי דער אידישער שריפט זעהט אוים...

# צ

די אַרבייט איז געווען אונערטרעגליך שווער. אָהן אַ וועלכען עס איז רוה־טאָג. — טאָג־איין, טאָג־אויס פּלעגט מען זיך דאַרפען אויפהויבען פיער פאַרטאָג און אַרבייטען שווער, אָהן אָפּרוה, ביז זיעבען־אַכט אין אָבענד. פון שבת און זונטאָג האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

דער אַרבייטער פּיליפּ האָט זיך איין זונטאָג צובונטעוועט און ניט געוואָלט אַרבייטען, ווייל ער וויל כאָטש איין זונטאָג אין צוויי וואָכען. וויליאַמס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט איהם אָפּגעגעבען גערעכט. צו מיר אָבער האָט ער געזאָגט אַזוי, אַז אויך מיסטער אָ'נעלסאָן זאָל הערען:

— פּיליפּ איז אַ הונד, אַ טרעמפּ. ער איז אָנגעקומען אהער אַ הונגעריגער. איצט האָט ער זיך אָנגעגעסען, וויל ער שוין מעהר ניט אַרבייטען.

ווען מיר זענען אַלע אַריין אין עס־צימער פאַר אונזער אָנבייסען, איז אָ'נעלסאָן צו צו פּיליפּ'ען און איהם געהייסען אַז ער זאָל שוין אוועק פון זיין פאַרם, און בעצאָהלען וועט ער איהם אויך ניט, ווייל ער איז זיין צייט ניט אויסגעווען, און ער זאָל זיך אויך ניט זעצען צום טיש, ווייל ער האָט שוין אָנגעזאָגט דער דיענסט, זי זאָל איהם קיין עסען ניט געבען.

פּיליפּ האָט גענומען טענה'ן, אָבער אָ'נעלסאָן האָט זיך אויף איהם צושריען, אַז ער זאָל שווייגען און זאָל גלייך אַוועק פון דאַנען. אויב ניט לאָזט ער איהם אַרעסטירען.

— אַרעסטירען! מיך?! פאַר וואָס?! — האָט פּיליפּ גענומען שרייען.

— דו האָסט ביי מיר צובראָכען אַ דישעל, און דו דאַרפסט ביי מיר אָפּאַרבייטען אַ גאַנצען חודש, ביז דו וועסט מיר אויסצאָהלען דעם שאָדען!

— דאָס איז אַ ליגען! ניט איך האָב צובראָכען דעם דישעל!

— ווער דען האָט?

— וויליאמס האָט!

וויליאמס איז דערויף אויפגעשפרונגען און אָנגעצונדענער מיט געשרייען: „דו פערדאַמטער, דו פערדאַמטער טרעמפּ!“ און ער איז מיט זיין פויסט פערפאָהרען פיליפּ'ען גלייך אין פּנים אריין.

געענדיגט האָט זיך מיט דעם, וואָס פיליפּ איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אַ פערבלוטיגטער, און איז אַהן אַ סענט געלד און אַ הונגעריגער אוועק אליין אויפ'ן שטויביגען ווייסען וועג, וואָס ציהט זיך צווישען די גרינע בערג. און דער מיסטער אַ'נעלסאָן האָט אידים נאָכגעשריען, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו ווייזען אויף וועלכען עס איז פּלאַץ פון זיין גוט! ווייל ער וועט איהם דערשיסען ווי אַ משוגע'נעם הונד!...

און צו אונז האָט זיך אַ'נעלסאָן געווענדעט:

— און איהר, „באָיעס“, דאַרפט זיך ניט זאָרגען. מאָרגען קומען מיר אָן נייע צוויי ארבייטער — איך האָב אַ בריעף ערהאַלטען. און דער פוילענצער איז מיר איצט סיי ווי סיי געוועזען אַן איבעריגער.

דער קליינער מעקסיל, וואָס האָט יעדען טאָג געהאַלטען אין איין ווערען אַלץ בלאַסער, האָט צופריעדען געקוקט אויף קריעג און געשלעג, און מיט פערגעניגען געשמייכעלט, פונקט ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט פאַר איהם פאָרגעקומען ערגעץ אויף „מואווינג פּיקטשורס“ אָדער אין אַ וואָדעוויל — — — דזשאָהן האָט אויסגעקוקט צו זיין גלייכגילטיג, נאָר איך בין פון דעם פערדאַמט ערנסט געוואָרען. וויליאמס האָט זיך זיעגרייך אוועקגעזעצט צום טיש און האָט קוקענדיג צו מיר גענומען ריידען:

— ער איז דאָס ווערט! ער איז דאָס ווערט געוועזען, דער פערדאַמטער!...

איך האָב איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען:

— דו האָסט ניט געהאַט קיין רעכט צו שלאָגען!

— וואָס? וואָס מיינסטו?! — — —

איך האָב אריינגעוואָרפען וויליאמס'ען גלייך אין פּנים אריין:

— ווייל דו האָסט צובראָכען דעם דישעל, ניט פיליפּ. און מיסטער אַ'נעלסאָן ווייסט דאָס, און איז נאָך ערגער פון דיר!

וויליאַמס איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט מיר ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, און ער האָט זיך געווענדעט צו דזשאהנען:

— היר דזשאהן! וואָס זאָגסטו נאָר צו איהם, צו דעם — — — — דעם — — — סאָציאַליסט! (ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זאָגען שיני).

דזשאהן אָבער האָט גאָר אונערוואַרטעט אויף איהם אויפגעהויבען אַ פּאָר אָנגעצונדענע אויגען און אויסגעשריען:

— האַלט דיין פּיסק, דו „קרוק!"

וויליאַמס האָט זיך דערפיהלט צוקלאַפּט. און אַ דערשראָקענער און צוטומעלטער איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען פון בענקעל. מעקס האָט זיך צולאַכט. איבערהויפּט האָט איהם הנאה געטהון, ווען וויליאַמס האָט זיך צוקוויטשעט, כמעט ווי אַ הונד, און איז אַזוי קוויטשענדיג אַוועק פון עס־צימער, אונז פערקלאָגען פאַר מיסטער אָ'נעלסאָן.

דער מיסטער אָ'נעלסאָן האָט אונז וועגען דעם גאָר ניט געזאָגט; אדרבא, ער איז נאָך געוואָרען פריינדליכער.

אין אָבענד האָט ער מיך פריינדליך געפרעגט, וואָס איז מיין מיינונג וועגען דעם ווייץ־פעלד, וואָס ער האָט דאָרט רעכטס.

איך האָב איהם שארף און בייזלעך געענטפערט:

— מיין מיינונג איז, אַז דאָרט וואַקסט ניט קיין ווייץ, נאָר שטרוי...

ער אָבער האָט ביי מיר פערטרויט געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען דיין עצה?

— איבעראַקערען דאָס פעלד! — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, גערעכט! — האָט ער צוגעגעבען — ווייל די שטרוי וואָס איז שוין אָנגעוואַקסען וועט זיין אַ גוטע מיסטיגונג פאַר דער ערד. און נאָך דעם וועט מען דאָרט קאָנען פערזייען קאַרטאָפּעל. אפשר וואָלט מען דאָס נאָך מאָרגען געטהון?

אָ'נעלסאָן האָט גוט געוואוסט, אַז מאָרגען קען מען דאָס ניט טהון, ווייל מיט די פערד זענען מיר פערנומען אויף אַ צווייטען פעלד, און אַז מען קען ניט, און אַז עס האָט קיין זין ניט אוועקצוּוואַרפען יענע ארבייט אין מיטען צוליעב דעם פעלד. נאָר דער גאַנצער געשפּרעך זיינער האָט בלויז געהאַט דעם צוועק זיך ארויסצואווייזען פריינדליך און פערטרויט צו מיר. — ווייל וואָס טהוט ער אַז די מאָרגעדיגע צוויי ארבייטער קומען

ניט אָן? — — — אָן עהנליכען געשפּרעך האָט ער נאָכדעם געהאט מיט דזשאהנען און אפילו מיט דעם קליינעם מעקסיל!

אין אבענד, איך האָב זיך געהאט נאָר וואָס אויסגעטהאָן אויף צו געהן שלאָפען, און האָב שוין אויסגעשטרעקט מיין האנד אויף אויסצולעשען דאָס לעמפּעל, איז צו מיר אריינגעקומען וויליאמס:

— דזשאהן מיינט, אז ער, וויליאמס, דארף פאר איהם מורא האָבען ניט אין זיין לעבען! דזשאהן מיינט, אז אויב ער האָט זיך געשלאָגען מיט מעקענזי'ן, דארפען שוין אַלע פאר איהם מורא האָבען. ניט אין זיין לעבען!

— וואָס ווערטו איהם טהון? — האָב איך געפרעגט זיך לעגענדיג אין בעט.

— וואָס איך וועל טהון? ווארט ס'ט שוין זעהן! איך קאָן דזשאהנען בעסער פאר אייך אַלעמען! איך וויים, אז ער האָט א שלעכטען טעמפּער! אז ער קאָן מיט א מאָל משוגע ווערען! און דעריבער האלט איך מיט זיך שטענדיג — אַ זעהסט וואָס! — און וויליאמס האָט זיך שנעל צו־געבויגען צום כאָליעווע און פון דאָרט ארויסגעכאפּט א לאַנגליכען מעסער און אן אויפגעקאָכטער געגומען שרייען: „אַ! זעהסט וואָס! זאָל ער נאָר וועלען צוגעהן צו מיר, און איך צושנייד איהם מיט'ן מעסער: אָט אזוי! — איבער'ן פּנים! איבער דער נאָז! איבער די אויגען! איבער'ן האַלז! איבער'ן בויך — איבער'ן בויך, גאָט פערדאמט! איבער'ן בויך! איך עפען איהם דעם בויך!!!" — — — — —

און וויליאמס האָט דערביי זשעסטיקולירט מיט'ן מעסער אין האנד און דאָס פּנים איז איהם געוואָרען פול מיט ווילד־גערייצטע בלוטען. ער האָט שוין, ווייזט אויס, געוואָלט אין איין וועג אויך מיך אָנשרעקען. איך האָב איהם אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דו ביזט נאַריש.

— וואָס מיינסטו, איך בין נאַריש?

— אַ מאַן טהוט ניט אזוי.

— יאָ, אָבער ביי יעזוס, איך וועל זיך ניט לאָזען!...

— אָבער, דו ווערסט מיר ענטשולדיגען, וויליאמס, — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען, — איך בין מיעד און וויל שלאָפען.

— אָ יאָ, געוויס! ס'איז ציים. אַ גוטע נאַכט. ער האָט נאָר געוואָלט..

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

— זאָגסטו דיין תפילה פאַר'ן שלאָף, וויליאַמס?

— מיין תפילה? מיין תפילה? ס'הייסט? געוויס! — ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט פערפעהלט צו זאָגען זיינע תפילות.

איך האָב איהם געבעטען ער זאָל זיין אַזוי גוט און פאַר מיר אויס־לעשען דאָס לעמפּעל. ער האָט דאָס געטהון. עס איז געוואָרען פינ־סטער. איך האָב איהם אין דער פינסטערניש נאָך אַ מאָל געוואונשען אַ גוטע נאַכט, ער זאָל געהן טהון זיין תפילה און זעהן, אַז מען דאַרף בעסער זיין אַ גוטער מענש. און געזאָגט האָב איך איהם דאָס דערפאַר, ווייל ניט ווילענדיג האָבען זיך מיר כמעט דעם גאַנצען טאָג געטראַכט פּיבי'ס ווערטער: אַז אין די גוים, דאַכט זיך, איז דאָ אַזאַ מין סאָרט ווילד־פלייש, וואָס קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען.

איך בין געבליבען אַליין און געטראַכט פון פערשיעדענע זאַכען. און פון פּיבי'ן, און פון דער אידישער פאָרם־געזעלשאַפט מיט זייערע אידעען, און וואָסערע מאָדנע כחות עס זיינען אָט די אידעען וואָס בילדען זיך אַזוי מאָדנע אויס ביי מענשען! און ווער וועט זאָגען, ווער פון אונז איז גערעכט? דאָס לעבען וועט דערווייזען? און ווי, ווען דאָס לעבען וועט טאַקע דערווייזען ווי זיי ווילען? וועט דאָס דען הייסען אַז זיי זענען גערעכט? גאָט מיינער! וועט דאָס דען הייסען, אַז זיי זענען גערעכט. ווען מיר וועלען פערלוירען געהן צווישען די קריסטען, צו וועלכע מיר האָבען פערבלאָנדזשעט? — — —

מיינע געדאַנקען האָבען זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב מיט צועפּענטע אויגען שטום געקוקט פאַר זיך אין דער פינסטערניש — — — און פון די בערג, פון אונטערשטרויכען און פעלזען האָבען מיט אַ מין בייזער און געהיימניספאָלער פער'עקשנ'טקייט געשריען די ווי־פור־וויל'ס און די הא־הא־הא'ס. איינער פון זיי האָט גאָר גענומען שרייען: „הו אר יו? הו אר יו? הו אר יו?" (ווער ביזטו?) און עפּעס אַזוי איינגעגעסען, מעלאַנכאָליש און גייסטערהאַפט, אַז עס איז געווען שווער צו גלויבען, אַז דאָס שרייען אַזוי פויגעל. אפשר זענען דאָס גאָר אַזעלכע חיות? — און אפשר טאַקע דער קליינער, בלאַסעל מעקסיל. — — —

# XI

אויף מאָרגען האָט די מאדאם אַ׳נעלסאָן געפונען אַ געלעגנהייט מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס, און מיך ארויסגעפיהרט אויף דעם, אז איך האָב געדאַרפט ענטפערען צו מיר געפעלען קריסטען.

די פראַגע האָט זי ביי מיר געפרעגט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען. דאָס האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב געזאָגט:

— קריסטען זענען אין דער צייט פון זייער תפילה שעהן.

— אין דער צייט פון זייער תפילה?! — האָט זי מיך פערוואונ־דערט איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— ווען איהר זעהט ווי אַ קריסט פאַלט צו דער ערד און צלמ׳ט זיך, קריגט איהר ניט קיין ווידערגעפיהל?...

— ניין! — האָב איך געענטפערט, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפ־געררייצט פון דעם, וואָס די מאדאם פרעגט ביי מיר אַזעלכע שאלות און דערצו נאָך מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען. — וואָס פאַר אַ סוד וויקעלט זיך דאָ פאַנאַנדער?! — וואָס וויל זי דאָ פון מיר דערגעהן? — — —

מיט אַמאָל האָט די מאדאם אַ׳נעלסאָן אויפגעהויבען איהרע אויגען און גענומען קוקען אין מיין פּנים, מיט אַ כמעט דערשראָקענער שאַרפ־קייט... און פּלוצלונג געפרעגט:

— ווי, *למשל*, ווען אייערע אַ בעקאַנטע, צי אַ שוועסטער, וואָלט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסט?

די פראַגע האָט מיך ביטער אַ בריה געטהון אין הארצען. — איך האָב פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבּי׳ן, איהרע דריי קריסטליכע בעקאַנטע, און איך האָב זיך פערלוירען: — וואָס איז דאָס?!... ניט אַנדערש, אז די בלאָנדע מאדאם, וואָס קוקט מיך איצט אַזוי שאַרף אָן, ווייסט אַלע מיינע סודות!... איך האָב זיך מיט כעס אַ הויב געטהון און בייז גע־ענטפערט:

— ווען מיינע אַ בעקאַנטע וואָלט געהייראַט מיט אַ קריסט, וואָלט איך זי צונויפגעדרעהט ווי אַ קנויל און זי אַ שליידער געטהון דעם קריסט, ווי אַ שפּיי אין זיין קריסטליכען פּנים אַריין!

די מאַדאַם אַ'נעלסאַן האָט פון מיין ענטפער שיעור ניט צוזאַמענ־געבראָכען. די אויגען זענען ביי איהר פערגלייווערט געוואָרען. — — — יאָ, איך בין יענעם מאָל געווען שלעכט צו איהר.. איך בין געווען זעהר שלעכט צו איהר... נאָר איך האָב זיך אָבער ניט געקאָנט העלפען. — שולדיג איז געווען מיין אויפרעגונג און מיין ניט וויסען קלאָר, וועגען וואָס עס איז איהר דאָ געגאַנגען. אָבער איהר פּלוצלונגע פערגלייווערטע שרעק, איהרע פּלוצלונגע טרערען אין די אויגען — דאָס קאָן איך נאָך ביז היינט ניט פערגעסען.

זי האָט צו מיר מעהר ניט גערעדט. און אַ צוויי־דריי טעג האָב איך זי איבערהויפּט ניט געזעהן אַרויסקומען פון הויז. און נאָכדעם פלעגט זי מיך שטענדיג אויסמיידען...

נאָר איינמאָל נאָכמיטאָג איז צו מיר אויפ'ן פעלד געקומען צו לויפען מעקס און מיר איבערגעגעבען אַ בעפעהל פון דער מאַדאַם אַ'נעל־סאָן, אַז איך זאָל געהן איינשפּאַנען די פערד אויף צו פאָהרען צום באַהן, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זייער טאָכטער קומט מיט'ן נאָכמיטאָגדיגען צוג.

ווען איך בין אָנגעקומען צום שטאַל, האָט שוין אויף מיר געוואַרט די מאַדאַם אַ'נעלסאָן, אַ פרעהליכע און אַן אויפגעראַמטע. — זי בעט מיך, איך זאָל פריהער אויספּוצען דאָס פערד „קיידי" — דאָס פערד איז טאָקע דער טאָכטער'ס; דאָס איז איהר רייט־פערד.

איך בין געווען צופריעדען וואָס די מאַדאַם אַ'נעלסאָן האָט זיך מיט מיר איבערגעבעטען און רעדט צו מיר פריינדליך. און איבערהויפּט פון דעם וואָס זי זעהט אויס צו זיין אמת'דיג גליקליך... איך האָב „קיידי'ן" אויסגעפּוצט און פערשלייערט ווי אַ כלה. נאָכדעם האָב איך נאָך גע־פונען צייט, און אויף שנעל אויסגעוואַשען די קאַרעטקע און אויסגעפּוצט דעם שפּאַן. מעקס האָט מיר אַרויסגעהאָלפען. און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיג צו פאָהרען, האָט ער פערצויגען די פאָהן פאַר'ן הויז. די פאָהן האָט אויפגעפלאַטערט ווי אַ פרעהליכער אָנזאָג און האָט זיך לעב־האַפטיג גענומען בויגען און קנייטשען אין דער זוניגער טאָג־לופט. —

ווי שעהן עס איז אַ גרויסע פאָהן אויף אַ הויכען פאָהן־שטעקען! און ס'אַראַ גוטער אינגעל אַט דער מעקס'על איז!

פאַר'ן ארויפזועצען זיך האָב איך זיך דערמאָנט און געפרעגט ביי דער מאַדאם אַ'נעלסאָן צי זי האָט אפשר ערגעץ נאָך אַ פאָהן? זי האָט מיר מיט אַ שטאַרקער צופריעדענהייט געענטפערט — יאָ, און איז אויף גיך אַריין אין הויז און מיר פון דאָרט אַרויסגעטראָגען אַ נאָך ניט געניצטע פאָהן און אויך די שעהנע וועגגערשע בייטש, מיט וועלכער בלויז אַ'נעלסאָן פאָהרט אמאָל ארויס אין שטאָדט.

דאָ איז מיסטער אַ'נעלסאָן אויך אַרויס, זיך אומגעקוקט, דערזעהן דעם פאַראַד וואָס מען מאכט דאָ און דעם פליים מיט וועלכען איך עסק זיך און זיינע ברעמען האָבען זיך בייז אַראָפּגעצויגען איבער זיינע גרויבלויע אויגען. זיין ראָזלעך פנים מיט די גרויע וואָנסען האָט זיך אַ שאַרפען ציה געטהון אַראָפּ. — — —

איך האָב ניט פערשטאַנען וואָס דאָס הייסט און האָב מיט צוטרמעלטע בליקען אַ קוק געטהון אויף דער מאַדאם. — — —

זי אָבער האָט זיך מיט קונציגע בליקען און מיט אַ בעזונדער קלוגען פרויען־שמייכעל אַ וועגד געטהון צו איהם!

— אַלעקס; מען מוז צוגעבען, אז ער איז אַ פיינער מאַן, — האָט זי איהם געזאָגט וועגען מיר. און צוגעגעבען: — ניט אַזוי, אַלעקס?!...

דער שמייכעל האָט איהר צוגעגעבען אַ געוויסען ווייבליכען רייץ און האָט געווירקט...

— אַ יאָ, ער איז אַלרייט! — האָט ער צוגעגעבען און אויך גענומען שמייכלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צום סטאַנציע זיינען מיר אָנגעקומען פונקט אין צייט, און די טאָכטער איז געוועזן — פּיבי — — — — — — — פּיבי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּיבי האָט זיך ארומגענומען מיט דער מאַמע'ן, זיך דריי מאָל צוקושט, און ווי נאָר זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגענומען און זיך דערזעהן, זיינען זיי גלייך ווידער צוגעפאַלען איינס צו אַנאַנדער און זיך פון דאָס ניי געקושט. און ווען פּיבי האָט דערזעהן, אַז די מאַמע ווײנט, האָבען

זיך אויך ביי איהר די אויגען אויפגעגלאַנצט מיט טרעהרען און זיי האָבען זיך ווידער צוקושט.

איך בין צוגעקומען איבערנעהמען די פעקלעך. פיבי האָט זיך אומ־געקוקט — — — אויף א רגע בלויז האָב איך געזעהן ווי פיבי איז צו־טומעלט געוואָרען און ברייטער צועפענט איהרע גרויסע, שוואַרץ־גרויע אויגען. נאָכדעם האָב איך געהערט ווי די מאַדאם אַ׳נעלסאָן האָט איהר געזאָגט, אז איך בין זייערער אַן ארבייטער, א איד — — — און אז דעם פלאג האָב איך דאָס אריינגעשטעקט אין קאַרעטע פון איהרטוועגען. ביי די רייד בין איך אָנגעקומען זיי העלפען זיך אריינזעצען. האָט מיר פיבי געדאַנקט און קוקענדיג אויפ׳ן פלאַג געזאָגט, אז עס איז זעהר שעהן פון מיר. — — — —

אויפ׳ן וועג אהיים האָב איך געהערט ווי די מאַדאם אַ׳נעלסאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי פיבי׳ן אויף דעם און יענעם און אויך אויף דער פאַמיליע באַש.

## XII

דעם אבענד פון פּיבּי'ס קומען בין איך געלעגען אויפ'ן גראָז. נעבען מיר איז, ווי געוועהנליך, געזעסען דער בלאָנדער דזשאהן און מיר צום צעהנטען מאָל איבערדערצעהלט פון דעם „פייט" מיט מעקענזי'ן, פון זיינע געליעבטע, פון זיין רייזע קיין אויסטראליען. ער איז געפאָהרען קיין אויס־טראליען אלס מאטראָס, דאָס הייסט ניט אלס פּשוט'ער מאטראָס, נאָר אלס לאָצמאַן. ווייל דער לאָצמאַן, מיט וועלכען מען איז ארויסגעפאָהרען, איז אויפ'ן וועג פּלוצלונג קראנק געוואָרען, און ער, דזשאהן, איז דאָך אַן אינטעליגענטער מענש, האָט איהם דער קאַפּיטאַן געזאָגט: דו, דזשאהן, ביזט אַן אינטעליגענטער מענש, וועסטו איצט פערנעהמען די שטעלע פון לאָצמאַן — ניִלעס. ניִלעס איז אויפ'ן דריטען טאָג געשטאָרבען, און מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין ים. איז ער, דזשאהן, געבליבען לאָצמאַן. און דער קאַפּיטאַן פלעגט איהם אלע מאָל לויבען און זאָגען: איך זעה, דזשאהן, אז דו ביזט טאַקע אַן אינטעליגענטער מענש.

נאָר איינמאָל, — עס איז געווען נאכט, — איז מיט אמאָל געוואָרען אזא שטורעם, אז דער גאנצער ים איז אויפגעקאָכט געוואָרען און איז גלייך פערגאָסען געוואָרען ווי מיט אויפגעשלאָגענע איי־ווייסלען, טאַקע ווי מיט אמת'ע איי־ווייסלען!... און די שיף — הייליגער מאָזעס! — זי האָט גענומען שפּרינגען אויף וואסער־בערג און אין וואסער־גריבער, ביז זי איז צובראָכען געוואָרען אין שטיקער. און וואָסער א שרעק! — נאָר אזא אינטעליגענטער מענש ווי ער האָט דאָס געקענט אזוי לאנג אויס־האלטען. — זיעבען טעג און זיעבען נעכט האָט ער זיך געהאלטען אויף אַן אָבגעבראָכענעם שטיק, ביז א שיף איז אָנגעפאָהרען און האָט איהם דערזעהן. און הייליגער גאָט! ס'ארא שרעק עס איז! זיעבען טעג און זיעבען נעכט! — — — — —

איך בין געלעגען אויפ'ן גראָז, געקוקט אויפ'ן שטערנדיגען הימעל,

אויף דזשאהנ׳ען, אויף זיין בלאָנדער באָרד און אויף די בוימער פון די בעוועלדערטע בערג וואָס ארום אונז און איבער אונז.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דזשאהן׳ס אויסגעטראַכטע מעשיות, פונקט ווי ער וואָלט זיי מיר צום ערשטען מאָל דערצעהלט, פונקט ווי היינט וואָלט נאָר ניט פאַרגעקומען. נאָר די געשרייען פון די נאָוטסאַקער פויגלען האָבען מיר געריצט און געקיהלט די בלוט. און איך האָב געטראַכט:

דאָס הייסט, — אז איך בין נערוועז; דאָס הייסט, אז פּיבי׳ס משונה׳דיגער אָנקומען אהער אין די בערג, אלס א טאָכטער פון אַ׳נעלסאָן האָט מיך נישקשה׳דיג צורודערט.

און איך האָב געטראַכט: די פויגלען שרייען היינט ווי משוגעים, וואָס האָבען זיך ארויסגעריסען פון ערגעץ א דול־הויז... און דער געשריי פון דעם האַ־האַ־פויגעל איז ווי פון איינעם, וואָס טרינקט זיך — — — יאָ, עמיצער טרינקט זיך איצט אין דער נאַכט ניט ווייט פון אונז; רייסט זיך פון מאָל צו מאָל ארויס אויף דער אויבערפלעך, כאַפּט אין איילעניש דעם אָטהעם: — הא, הא, הא, הא, הא! און ווערט גלייך ווידער ארונ־טערגעזונקען. און איך האָב זיך געטרייסט: זאָל זיין, אז אָט די פּער־שיעדענע געשרייען קומען נאָר פון דעם קליינעם, בלאָסען מעקסעל. זאָל זיין, אז דאָס שפּיעלט ער זיך דאָס אזוי מיט זיך אליין. בעהאַלט זיך אוים, און לאָזט ארוים אָט די פערשיעדענע אויסגעשרייען, אָט פון דאָ, און אָט פון דאָרט — — — — —

און איך האָב געלאַכט:

די מעשה מיט פּיבי׳ן איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, נאָר דאָ איז אזא געגענד — פויגלען שרייען ווי מענשען. — — —

און דזשאהן, דזשאהן איז א גוטער. אָט זיצט ער דאָך נעבען מיר און דערצעהלט מיר אזוי גוטע זיינע מעשיות. נאָר די מאַדאַם אַ׳נעלסאָן איז א סענטימענטאַלע אידענע, און דער אַלטער באַש מיט די גרויסע ברילען אויף דער גרויסער נאָז, איז איהרער א פריינד, וואָס גלויבט נאָך ביז היינט אין „אויסמישען זיך“, אָדער ווי ער האָט זיך פּאַר מיר אַמאָל מיט פייער צו׳פּאַטעוועט: „מיר דאַרפען געהן אנטקעגען אָט דעם גרויסען היילינגען גייסט, וואָס זיין קלייד זענען די פאַהנען פון אַ ל ע פעלקער“. און די סענטימענטאַלע אידענע האָט נאָך מן הסתם א נאָמען

געגעבען איהר טאָכטער פּיבי, ווייל עס איז פאַראַן אַ ליעד פון אַ מאָרגען־פויגעל וואָס הייסט פּיבי — „איהר טאָכטער וועט דאָס דעם נייעם מאָרגען וועקען" — — — און נאָך ביז היינטיגען טאָג דאַרף אָט די אידענע בענוצען קונציגע בליקען און אַזאַ מין תאוה־שמייכעל, ווען זי וויל אַז איהר מאַן זאָל זיין גוט צו איהר. און עס איז איהר שווער צו פערשטעהן, ווי אַזוי אַ איד קאָן אָהן עקעל צוזעהן ווי אַ גוי פּאַלט אויף די קניען, קושט די ערד און צלמ'ט זיך.

אין דער אייגענער צייט בין איך אָבער אויך געווען גאָר אַן אַנדערער, נעבען וועמען עס איז געזעסען די מאַדאַם אַ'נעלסאָן. איך בין געווען איהר פּאָטער. מיינע אויגען זיינען געווען נעווענדט צו איהר:

„מיין קינד! איך האָב געזאָגט דיין מאַמע: — האָסט אַ קינד, אַ טאָכטער, ז'ארפסטו איהר דערצעהלען מאַמע־מעשיות, מעשיות ווי די וואָס דו האָסט פון דיין מאַמאַ געהערט. און זי רעדט גאָר אַ פרעמדען לשון, לאָזט זיך דאָס אין אַ פרעמדער כלי ניט איבערגיסען, — קאָן דאָס חלילה ברענגען צו אַן אומגליק, קאָן דאָס חלילה ברענגען צו אַ גרויסען אומגליק. — — — —

און איך בין געווען איהר זיידע און אפשר איהר עלטער־עלטער־זיידע. ניט ווייט פון מיר איז געלעגען מיין וואַנדער־שטעקען, און פערשטויבט איז געווען מיין קלייד. נאָר קלאָר די גרויע האָר פון מיין באָרד און פון די גרויסע ברעמען וואָס זיינען געהאַנגען אריבער מיינע אויגען. און אַן אייביגער, שוואַר־פערהאַרטעוועטער וועה איניינעם מיט אַן אייביגע ליכטיגקייט און זיכערקייט האָט ארויסגעקוקט פון מיינע אַלטע אויגען — — — און איך האָב זי געטרייסט מיט מיין זיין נעבען איהר. נאָר אַליין בין איך געווען ניט געטרייסט. — — — — —

דזשאָהן'ס שטימע האָט גענומען קלינגען מיעד, און אָט איז ער גאָר אנטשוויגען געוואָרען, געטראַכט אַ ווײַלע. נאָכדעם האָט ער גאָר אונ־ערוואַרטעט ביי מיר מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט אַ פרעג געטהון:

— און מאָרגען וועסטו ערהאַלטען אַ בריעף? — — — — —

דאָס האַרץ אין מיר האָט אַ ציטער געטהון. איך האָב איהם אָנ־געקוקט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט. — קאָן זיין...

— און וויליאמס זאָגט, אז ער וועט, — האָט מיר דזשאהן גענגנ־פערט מיט א שמייכעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונערטרעגליך שווער און ווארעם און גוט זענען די בליקען און דער שמייכעל פון א מענשען, וועמעס הארץ איז פון ווערים צוגעסען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אָנגערופען:

— פאר וואָס שרייבסטו ניט ערגעץ? — דערמאָן זיך אָן עמיצען. שרייב, וועט מען דיר ענטפערען.

ביי דזשאהנ׳ען האָבען די אויגען מיט א מאָל אויפגעשיינט הייסער און גלאַנציגער:

— שרייבען? וואָס, געוויס. זיכער! מאָרגען שיקט ער אַרויס דריי בריעף. דריי. געוויס. איהם וועט מען ענטפערען. אָ, אָ, אָ, — וועט מען ענטפערען!

נאָר עפּעס האָט ער מיר שוין מעהר ניט געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, האָט ער זיך אויפגעהויבען און שמייכלענדיג געזאָגט: „א גוטע נאכט!" — און איז אוועק.

ווען דזשאהן איז אוועק, האָב איך זיך דערפיהלט אַליין און מיעד.

— — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען, זיך געלאָזט געהן צום שטאָל, צו מיין געלעגער. צוקומענדיג צום טיהר, בין איך געבליבען שטעהן א ווײלע — פון שטאָל ארויס האָט זיך געהערט דאָס געזונטע קייען פון די עטליכע פערד, וואָס זענען דאָרט געשטאנען, און זייער צופריעדענער פאטשען מיט די עקען און בייטען די פיס. נאָר איך האָב זיך געשראָקען:

עמיצער איז אין שטאָל. נאָך אויסער די פערד — — — פּיבי!

און איך בין אויף זיך אין כעס געוואָרען:

„וואָס פאר א נערוועזע שטיק!"

און איך האָב א שפּאר געטהון דעם טהויער און בין אריין, אינ־איינעם מיט א פאס דרויסענדיגער נאכט־ליכט, וואָס האָט זיך א לעג געטהון אויף קאָפּ פון שטאָל.

דער שטאָל־ריח האָט מיר א שלאָג געטהון אין פּנים אריין, דאָס קייען פון די פערד האָט זיך דערהערט פרישער און שארפער. איין

פערד האָט קייענדיג אויסגעדרעהט צו מיר זיין קאָפּ, מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען. — — —

אין שטאָל איז קיינער ניט געווען, נאָר ווען איך האָב גענומען געהן אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען צו מיין געלעגער, האָב איך פאַר זיך דערזעהן פּיבּי'ן — — — זי האָט זיך הילכענדיג צולאַכט, זיך אָנהאַלטענדיג מיט איין האנד ביים האַרצען. פונקען האָבען מיר אַ פליה געטהון פון די אויגען. נאָר איך בין געגאַנגען גלייך אויף איהר — — — ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דאָס דאַכט זיך מיר בלויז, ווייל איך האָב געוואוסט אַז אין אמת'ען איז דאָ איצט קיינער נישטאָ.

איך בין אַרויף צו זיך, זיך אויסגעטהון, זיך אַריינגעלעגט אין בעט און פערמאַכט די אויגען. — — —

די נאַכט איז ליכטיג, דער הימעל איז כמעט ווייס. די בערג הויבען זיך אין דער ווייסער נאַכטיגער ליכטיגקייט. און איך געה אין דער ליכטיגקייט איבער די בערג, האַלט מיין וואַנדער־שטעקען אויף די אַקסלען, און אַנטקעגען, פון ערגעץ, דאָרט ווייט אַרויף, בעווייזט זיך דער גרויסער הייליגער גייסט — אַ ריעז אין אַ לאַנגען מאַנטעל, געמאַכט פון אַלע פעלקער'ס פאַהנען — — — און איך געה אין דער ווייסער ליכטיגקייט אַנטקעגען דעם ריעז און קום אַלץ נעהנטער און נעהנטער. אָט בין איך שוין נאָר נאָהענט פון איהם. פּלוצלונג אָבער גיט דער ווינד אַ בלאָז איין עק פון זיין פאַהנען־קלייד, און איך דערזעה, אַז דער ריעז האָט נאָר ציגענע פיס. — — —

איך האָב אַ ציטער געטהון, זיך אַ וויעג געטהון, צועפענט ברייט מיינע אויגען — — — —

פינסטער, נאַכט, און אַ שווערער „היי און שטאָל" ריח. — — — —

# XIII

דאָס וואָס די מאַדאַם אָ׳נעלסאָן איז בלאָנד, דער מיסטער אָ׳נעלסאָן געל, און פיבי איז דוקא געבוירען געוואָרען אַ ברונעטקע, איז מיר בעזונדער געפעלען געוואָרען. און אין מיר איז דערפאַר אויפגעוואַקסען אַ בעזונדער שעהנער און ליכטיגער געפיהל פאַר פיבי׳ן. נאָר ווען פיבי איז צו מיר איינמאָל צוגעגאַנגען, דאַן ווען איך האָב געהאָדעוועט די יונגע הינטלעך (איך האָב די קליינע הינטלעך זעהר ליעב געקראָגען, נעבען איינע פון די שטאַלען האָב איך פאַר זיי אויפגעקלאַפט אַ בעזונדער הייזעל, און יעדען מאָל ווען איך פלעג קומען עסען פלעג איך זעהן אַז אויך זיי זאָלען ניט בלייבען הונגעריג) — און געוואָלט מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס, האָב איך גראָב געענטפערט:

— מיס אָ׳נעלסאָן, איהר שטערט מיר אין דער אַרבייט!

פיבי האָט זיך אויף אַ ווײַלע צולאַכט. באַלד אָבער איז זי געבליבען שטעהן, האָט אויף מיר געגומען קוקען, ווי זי וואָלט ניט געווען זיכער צי דאָס בין איך.

איך פון מײַן זײַט האָב אויף איהר געקוקט פרעמד און אָנגעבלאָזען... זי איז פון מיר גלײַך אַוועק, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט...

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אַז איינמאָל פאַרנאַכט מיר האָבען שוין געהאַט אויסגעמאָלקען די קיה, זיי פערטריבען אויף נאַכט אין די בערג, און מיר, די אַרבייטער, זײַנען שוין געגאַנגען צו דער הויז זיך אײַנוואַשען, איז צו מיר אַרויסגעקומען פיבי און מיך געבעטען, איך זאָל פאַר איהר אָנזאָטלען איהר פערד. איך בין איװעק אין שטאַל און זיך גענומען אָנזאָטלען איהר „קיידי“. זי איז מיר נאָכגעגאַנגען און מיר גענומען אַרויסהעלפען. ווען דאָס פערד איז שוין געווען אָנגעזאָטעלט, האָב איך דאָס גענומען פאַר׳ן צוים און געוואָלט אַרויספיהרען פון שטאַל פון איהרט וועגען.

.. ניין, ניט נויטיג, — האָט זי געזאָגט. — זי וויל זיך אַרויפזעצען אויפ׳ן פערד גלייך, באַלד, דאָ אין שטאַל.

איך האָב זי גענומען אונטער׳ן האַנד אַרויסצוהעלפען איהר אַרויף אויפ׳ן פערד.

איהר האַנט איז גוט און רונד און שעהן. — — —

ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבען מיט איין פוס אויפ׳ן אייזען פון זאַטעל, האָט זי זיך אונגערן אַ וויכגע געטהאָן און איז אַראָפּגעפאַלען צו מיר אין די הענט. — — —

איך האָב זיך ענטשולדיגט.

זי האָט געקוקט אויף מיר און געלאַכט. — — —

ביים צווייטען מאָל האָט געטראָפען דאָס אייגענע, און פיבי האָט זיך נאָך קלינגענדער און שעהנער צולאַכט.

ביים דריטען מאָל איז זי מיר ווידער אַריינגעפאַלען אין די הענט... איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם וועלאָסיפּעד און דער קאַר וואָס האָט זיך אַ יאָג געטהאָן אויף איהר. איך האָב זיך דער־שראָקען און בין אין כעס געוואָרען און געזאָגט:

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך, מיס אַ׳נעלסאָן! איהר קענט ניט פאָהרען, טו וואָס זשע האָט איהר געהייסען זאָטלען?!

זי האָט גלייך אויפגעהערט לאַכען, האָט אויף מיר שטאַלץ אַ קוק געטהאָן, כמעט מיט פעראַכטונג, און האָט זיך גלייך אַליין אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן זאַטעל און איז שנעל אַרויס פון שטאַל, און איז אַוועק.

## XIV

די בערג זיינען שעהן, די בערג זיינען רייך. אָבער מיר האָט אָנ־געהויבען ווערען ענג צווישען זיי — — — איך האָב זיך אומגעקוקט, אז וואו נאָר איך זאָל ניט אויפהויבען מיינע אויגען שלאָגען זיי זיך אָפּ אָן בערג — — — די בערג מיט זייערע הויכע רוקענס זיינען פאר מיר געשטאַנען ווי ווענט און האָבען פאר מיר פערשטעלט דעם רוים, די וויטקייט.

מיר האָט זיך גענומען דאכטען, אז ווען איך זאָל ועלען ריכטיג אויסשפּרייטען מיינע הענט, וואָלט איך ניט קאָנען איבער די בערג. — מיינע הענט וואָלטען זיך אָפּגעשלאָגען אָן אָט די טייוועלשע בערג און בערג. מיר האָט זיך פערגלוסט ערד־ארבייט ?! איך האָב זיך פערבענקט נאָך שווערע און שטארקע בעוועגונגען ! אָבער דאָס איז דאָך אויך געווען פערבונדען מיט מיין בענקען נאָך רוים און וויטקייט, נאָך פרייע, וויטע און אָפענע פעלדער, וואָס זאָלען זיך שטענדיג שפּרייטען פאר מיינע אויגען און זאָלען מיר געבען די מעגליכקייט זיך איבערצופילען מיט וויטקייט און רוים. און דאָ בין איך גאָר ארייננעפאלען אין א פאסטקע פון בערג, און דערצו נאָך פיבי ! — — —

גאָט מיינער ! ווי אזוי האָט זיך גענומען פיבי אהער ? — — —

וואָס איז דאָס פאר א מיידעל ?

פון וואַנען האָט זי זיך גענומען ?

ווי קומט זי גאָר איבערהויפּט צו זיין א טאָכטער פון דער הויז ?

און וואָס איז דאָס פאר א הויז ?

וואָס זיינען דאָס פאר א מענשען, וואָס נאָכדעם ווי איינער ארבייט ביי זיי אָפּ א צייט שווער און ביטער, בעצאָהלט מען איהם ניט, און מען לאָזט איהם אפילו ניט אָפּעסען, און מען צושלאָגט איהם נאָך ביז בלוט, און מען ווארפט איהם ארויס ווי א הונט ? — — —

און וואָס איז דאָס געווען פאר א מענש, וועלכער איז אַוועק א

צובלוטיגטער אויף דעם ווייסען שטויביגען וועג צווישען די בערג און האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט? — — —

עס פלעגט מיר די מאמע דערצעהלען מעשיות פון „ניט־גוטע" — און די בערג, די וועלדער, די פויגעל, די הויז, די מענשען, די שטאַלען און די בהמות אפילו האָבען מיר ביסלעכווייז גענומען אויסזעהן ווי די „ניט־גוטע" פון יענע מעשיות...

און מיט געלעכטער און מיט שרעק האָב איך גענומען טראַכטען, אז איך בין אהער פערפיהרט געוואָרען — — — און אפשר טאַקע איבער פּיבי'ן, אָדער דורך פּיבי'ן — דאָס האָט פּיבי פאַר מיר אזא נעץ פערשפּרייט. — — — — —

איך האָב גענומען טראַכטען, אז מען דאַרף זיך זעהן אַרויסרייסען פון דאַנען.

זאָל זיין צוריק קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק זיינען דאָך דאָ מיינע ליעבסטע, לאַנגע גאַסען, וואָס ציהען זיך אַוועק גלייך און ווייט אויף מיילען. — — —

עס איז געוועזען אבענד, נאכט. די „גאָוטסאָקער" פויגלען האָבען ווי רוחות אָדער פערשטעלטע געשריען אין דער נאַכט. פערבענקט, האָפנונגסלאָז, שאַרף און בייז. אייניגע פון זיי האָבען ווי געטריבען פון זיך מיט געשרייען: טהו אַוועק! טהו, טהו, טהו אַוועק! אַנדערע ווידער האָבען ווי חוזק'דיג נאָכגעשריען: „ווילי־קאַם־גאָ! ווילי־קאַם־גאָ!" ווילי־קאַם־גאָ!" און דער האַ־האַ־האַ־פויגעל האָט געשריען ווי אַ משוגענער, אָדער גאָר ווי איינער וואָס טרינקט זיך, — ווי איינער וואָס מאַכט נאָך, כלומרשט ער טרינקט זיך.

ווי אַלע מאָל, האָט זיך אויך דעם אָבענד אָפּטער ווי אַלע אַנדערע געשרייען געהערט דער ווי־פּור־וויל געשריי. נאָר היינט האָבען די געשרייען עמיצען עקשנות'דיג און ביטער געשמיסען. — — —

איך בין אַ מיעדער געלעגען אין מיין סקריפּענדיג בעט, די ווילדע פויגעלשע געשרייען האָבען מיך אויפגעהויבען און געוואָרפען הויך איבער די בערג און טהאָלען. — — —

מיין האַרץ האָט זיך גענומען רייצען און וואַרעמען, און איך האָב דערהערט ווי עס דאַוועגט, זאָגט און בעט: — „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!"

מיינע ברעמען האָבען זיך גלייך צונויפגעשלאָסען, אָבער דאַכט זיך אויף ווארעם־פערטרערטע אויגען. מיינע ליפּען זיינען ווי פון עפּעס אָנגעריהרט געוואָרען און זיך צועפענט, און אינאיינעם מיט זיי האָבען דאַכט זיך אויך צועפענט אַלע מיינע אָדערען, אַלע מיינע ביינער און האָבען גענומען תפילה'דיג מיטזינגען: „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!"

מיר איז אָבער נאָך ניט געווען בעשערט אַזוי גיך ארויסצורייסען זיך פון אַ'נעלסאָן פּארם.

## XV.

מאָרגען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, גענומען מיי, שטעקען, און בין מיר ארויס פון שטאָל צונויפזאַמלען די בהמות.

די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אויף איבער־נאַכט אראָפּגעלאָזען אויף די בערג און זיי פערדעקט מיט זייערע געדיכטע פאַלדען, זיינען ווי פון עמיצענס הענד געצויגען געוואָרען ארויף.

דאָ און דאָרט האָבען זיך די וואָלקענס פאַנאַנדערגענומען און בעוויזען דעם אָדער יענעם טהייל פון די בערג, אויף וועלכע עס זיינען שוין געפאַלען די שטראַהלען פון דער יונגער זון.

איך בין געגאַנגען אויף די בערג, צווישען וואָלקענס, בוימער און זון־שיין.

איך בין ארויף אויף דעם צווייטען גרויסען בארג, וואָס איז בע־וואַקסען מיט וואַלד, בין ארויס אויפ׳ן אָפענעם פעלד וואָס געפינט זיך אויפ׳ן סאַמע קאָפּ פון בארג און האָב זיך מיט׳ן פעלד פערנומען צו יענער זייט פון וואַלד וואוהין עס פערקלייבען זיך אָפט עטליכע פון די בהמות. פּלוצלונג אָבער האָט עפּעס פאַר מיר א שפּרונג געטהאָן, און איז געבליבען שטעהן צווישען די בוימער. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מיינענדיג אַז דאָס האָט זיך א בהמה איבער עפּעס א סיבה א יאָג געטהאָן און איז מיט א מאָל אַזוי ראַש שטעהן געבליבען. איך האָב זיך אומ־געקוקט און פאַר זיך דערזעהן ניט קיין בהמה, נאָר צוויי יונגע געלע הירשען מיט ווייסע בייכער. זיי זיינען געשטאַנען צווישען די בוימער ווי איינגעגראָבענע און געקוקט אויף מיר מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט ריינע און גרויס־צועפענטע אויגען. — — —

איך האָב געמאַכט א טראָט צו די הירשען, האָבען זיי זיך גלייך אָפּגעריסען און אָפּגעשפּרונגען — — — איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָבען זיי זיך אויך באַלד אָפּגעשטעלט און האָבען זיך ווידער אויס־געדרעהט מיט׳ן פּנים צו מיר און מיך אָנגעקוקט. — — —

ווילדע, פרייע הירשען! עמיצער האָט געזאָגט: „אַ ווילדער הירש וואָס בלאָנדזשעט ארום דאָ און דאָרט היט אוים די מענשליכע נשמה פון טרויער". זאָל ער זיין געבענשט פאר דעם שעהנעם אמת.

יונגע צאַפּעלדיגע הירשען! איינער מיט הערנער, איינער אָהן הערנער.ביידע אַלץ איין גרוים און הויך, ביידע רויטליך־געל און וויים־בייכיג. ביידע האָבען פיעלייכט צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען אַזוי ניט ווייט פון זיך אַ מענשען דערזעהן. ווי אונשולדיג, ווי אויפ־ריכטיג און דאָך ווי קלוג זיי האָבען געקוקט אויף מיר, און מיך אָנגע־קוקט!

ביז די הירשען האָבען זיך געפונען אויף דעם בעוועלדערטען באַרג האָבען זיי מיך אויף אַ רגע ניט אָפּגעלאָזען פון די אויגען. ווי נאָר אָבער איך האָב זיי ארויסגעטריבען אויף די בערג, וואָס זיינען גרין בעגראָזט און גלאַט, האָבען זיי זיך אַ יאָג געטהאָן פון מיר און גענומען פליהען אַזוי, אַז מיינע בליקען האָבען קוים געקענט נאָכלויפען נאָך די פּאַסען פון זייערע לייבער. זיי האָבען זיך כמעט שווימענדיג געטראָגען איבער באַרג און טהאָל און בערג. — — —

איך האָב צונויפגעזאַמעלט די בהמות און זיי גענומען טרייבען אהיים, און דערזעהן אַז ביי איינער פון זיי איז דער אייטער צובלוטיגט, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך ביי מיר צונויפגע־קנייטשט פון מיטפיהלענדען וועה.

ווען איך האָב די בהמות געבראַכט אהיים און אָנגעוויזען אויף דער בהמה, האָט מיר וויליאַמס גלייך דערצעהלט בסוד, אַז דאָס מוז זיין די ארבייט פון אַ היימישען. און דערביי האָט ער מיך אַליין דורכדרינגענדיג אָנגעקוקט... איך האָב אויף איהם מיט פעראַכטונג אַ קוק געטהאָן און איהם איבערגעלאָזט. ער אָבער האָט מיך נאָכדעם געכאַפּט און מיר ערקלעהרט, אַז איך בין אַ נאַר, ווייל איהם, אדרבא, וואונדערט, פאַר וואָס די ארבייטער שניידען דאָ ניט איבער די העלזער פון די בהמות. ווייל אַזעלכען ווי אַ'נעלסאָן דאַרף מען אָנלערנען, ווייל אַז ער קריגט אריין אַן ארבייטער וויל ער פון איהם ארויספרעסען די נשמה. ווייל דער אַ'נעלסאָן איז אַ פערדאַמט שלעכטער מענש. און צי ווייס איך, אַז אַ'נעלסאָן האָט איהם שוין צוויי מאָל געגעבען צו פערשטעהן, אַז דעם קליינעם מעקס דאַרף מען צובלוטיגען אַזוי, אַז ער זאָל אוועק פון

פארם? — — — ווייל זינט א'נעלסאן האט צוגעקראגנען די נייע צוויי ארבייטער האט ער זיך ארומגעזעהן, אז דער „קיד" איז ניט ווערטה די געלד. א'נעלסאן האט איהם געזאגט, אז ער וואלט דאס אליין געטהאן, נאר ער האט מורא, אז איהם קען מען נאך פאר אזא זאך ארעסטירען. און אזוי גלאט אפזאגען מעקסען קאן ער ניט, סיידען ער בעצאהלט איהם פאר'ן גאנצען מאנאט, ווייל ער איז צו איהם געשיקט געווארען פון אזא געזעלשאפט.

— יא, אבער פאר וואס ביזטו דאס דער, ווען ער האט דאס אנגעבאטען? — האב איך ביי איהם געפרעגט.

וויליאמס גרויע, וואסערדיגע אויגען זיינען אויף א ווייל צוטומעלט געווארען — — — באלד אבער האט ער זיך געכאפט און אויפ'ן ארט פון ווערען אין כעס אויף מיר, האט ער גאר מיט א בעזונדער אינטימער שטילקייט אין קול געזאגט צו מיר:

— ער האט דאס געזאגט צו יעדען פון די ארבייטער, צו יעדען, — אויסער דיר, ווייל ער איז א פערדאמט שלעכטער און כיטרער מאן! ביי יעזוס! אזא מאן ווי דער א'נעלסאן דארף זיין ארעסטירט, וואלט גע־דארפט זיין אין פריזאן, גאט פערדאמט! — פאר וואס האט ער דאס אונז געזאגט? — ער וויים אז עמיצער פון אונז וועט זיך וועלען אויס־פיינען און וועט דאס טהאן פאר איהם... יא, איך קאן איהם גוט, איך וויים וואס ער מיינט, קיינער קאן איהם ניט אזוי גוט ווי איך, וויליאמס.

איך מיט וויליאמס'ען האבען אנגעבונדען און געגעבען עסען די בהמות אין איין שטאל, און פון דער צווייטער שטאל האבען זיך געטראגען דזשאהן'ס צורייצטע קולות — ער מיט אן אנדער ארבייטער האבען זיך דארט געפארעט מיט די „האלבע" בהמות.

דזשאהן'ס קולות האבען זיך פון דארט געטראגען צורייצט און בייז, פונקט ווי ער וואלט זיך דארט געקליבען צו דער'הרג'ענען די בהמות מיט דעם ארבייטער.

די לעצטע טעג איז אונזער בלאנדער ריעז, דזשאהן, מיט אמאל ווילד געווארען.

שולדיג אין דעם איז געווען דאס, וואס ער האט ניט געקראגען קיין ענטפער אויף די בריעף וואס ער האט ארויסגעשיקט. ער האט שוין זיך אליין געהאט איינגערעדט, אז ער וועט זיכער קריגען א בריעף — א, א,

וועט ער קריגען אַ בריעף! די לעצטע פּאָר טעג אָבער האָט ער שוין מעהר פּאַר קיינעם ניט גערעדט וועגען דעם. — נאָר אַלץ פּאַראיינס זיך מיט אַלעמען געקריעגט און געזידעלט.

אַ בייזער האָט דזשאהן פערלאָזען זיין שטאָל און איז אריין צו אונז בעטראַכטען די צובלוטיגטע בהמה. די בהמה, זי איז געוועזן איינע פון די וואָס מעקס פלעגט מעלקען, איז מעקס אויף צוגעקומען און איז גע־בליבען שטעהן פאַר דער בהמה און פאַר דזשאהנען אַ בלאַסער, מיט׳ן מילך־עמער אין איין האנד, מיט׳ן בענקעלע אין דער צווייטער און האָט געשמייכעלט. האָט דזשאהן אויפגעהויבען זיין בייזען קאָפּ און האָט זיך צושריען:

— דו פוילער נישט! וואָס שטעהסטו דאָ און לאַכסט?!

האָט מעקס אויף איהם שמייכלענדיג אַ קוק געטהאָן און געענטפערט, אַז ער לאַכט ניט...

האָט איהם דזשאהן דערפאַר גלייך דערלאַנגט אין פּנים אריין. —

מעקס איז געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג קלאָר וואָס מיט איהם איז דאָ פאָרגעקומען. נאָר אַט האָט ער דערפיהלט בלוט אויפ׳ן פּנים, האָט ער געלאָזט פאַלען דעם עמער מיט׳ן בענקעלע, אַ שמיר געטהאָן מיט דער האנד און דערפיהלט, אַז דאָס פּנים איז נאַס, בלוט — — — און ער האָט זיך צושריען ווי אַ וויינענדיג קינד.

וויליאַמס האָט צו מיר גלייך אַ ווינק געטהאָן מיט אָנגעצונדענע אויגען, ווי ער וואָלט זאָגען: „אַט איז דאָס! זעהסט?!" באַלד אָבער איז וויליאַמס עפּעס ווי צומישט געוואָרען און איז אויף צוגעלאָפען צו מעקסען, איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָלנער און איהם מיט אַ קלאַפּ ארויס־געוואָרפען פון טהיר! — — —

נאָכדעם האָט מיר וויליאַמס ביי יעזוסען געשוואָרען, אַז ער האָט גאָר ניט געמיינט, נאָר ער קען איהם ניט פערטראָגען.

דזשאהן האָט נאָכדעם קיינעם פון אונז ניט געקענט קוקען אין פּנים אריין.

מעקס איז מיט אַ קוויטשעדיגען געוויין אַוועק צום הויז טראָגענדיג דעם פערבלוטיגטען פּנים פאַר זיך. פּיבי איז איהם ארויס אנטקעגען. עס איז נאָך געווען פריה, אָבער זי איז שוין געווען צוגעקליבען און אָנ־געטהאָן ווי אַ שטאָדטישע ליידי. זי האָט איהם אָנגענומען אונטער׳ן

האַנה, איז מיט איהם צוגעגאנגען צום הויז, האָט ארויסגעטראָגען וואסער און איהם געהאָלפען זיך איינוואשען. ער האָט דערביי דורך טרעהרען צו איהר גערערט און דערצעהלט.

מיסטער אָ׳נעלסאָן איז ארוים פון הויז, אַ קוק געטהאָן אויף מעקסען און אויף פּיבי׳ן. — — — פּיבי האָט אויך אַ קוק געטהאָן אויף איהם — — — דאָס זיינען געווען בליקען פון אַ טאטען מיט אַ טאָכטער, וואָס זיינען צווישען זיך גאָר ניט היימיש, וואָס זיינען זיך, ווייזט אוים, שטענ־דיג אין עפּעס חושד. — — —

אָ׳נעלסאָן האָט פון דער וויטענס אַ פרעג געטהאָן, ווער עס האָט דאָס געטהאָן, נאָך אַ מאָל אזא מאָדנעם קוק געטהאָן אויף דער טאָכטער און איז אוועק צו די בהמות.

---

פּיבי האָט צו מיר ניט גערעדט, און מיך אויסגעמידען זינט דעם מאָל וואָס זי איז ארויסגעפאָהרען רייטענדיג פון שטאָל. די מאדאם אָ׳נעלסאָן פלעגט זיך אָבער ביי יעדער געלעגענהייט גאנץ פריינדליך ווענדען צו מיר. דעם פריהמאָרגען בין איך צו אָנבייסען נראד אריין אין הויז פריהער פון די איבעריגע ארבייטער, און האָב זי געטראָפען אין קיך. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך איבערגעביטען מיט די גוט־מאָרגענס, האָט זי מיר געזאָגט:

— אַ שעהנער מאָרגען דער היינטיגער מאָרגען.

— יא, — האָב איך געענטפערט. — היינטיגער מאָרגען איז ווירק־ליך געווען אַ שעהנער, און דערצו האָבען מיך נאָך היינט בעגעגענט אַ פּאָר יונגע געלע הירשען.

— טאַקע! — האָט זי אויסגעשריען.

איך האָב איהר גענומען דערצעהלען וואו און ווי אזוי.

און זי האָט מיר דערפאַר אויך דערצעהלט, אז אָ־דאָ ניט לאַנג צוריק האָט זיך אַ מאַמע־הירש געשפּיעלט מיט אַ פּאָר נאָך גאָר יונגע קינדער־הירשען, ניט ווייט פון פענסטער פון איהר הויז. און אז עס איז געווען אַן אמת׳ער וואונדער צו קוקען ווי אזוי זיי האָבען זיך געשפּיעלט און געווארעמט געגען דער זון. און דערווייל אזוי רעדענדיג האָב איך זיך דערמאָנט, אז אין אַ געוויסען פּלאַץ אין וועלדעל, וואו אַ פּארקאַן פון שפּיציגע דראָטען טהיילט אָפּ אָ׳נעלסאָן׳ס פארם, זיינען מיינע הירשען

אַריבער גלייך ווי דאָרטען וואָלט גאָר קיין פּארקאַן ניט געווען. מיר איז דאָס געוואָרען פערדעכטיג. ווען איך בין געגאַנגען דעם צווייטען מאָל צונויפנעהמען די בהמות, בין איך צוגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ אין וועלדעל און האָב אויסגעפונען, אז דער פּארקאַן איז אומגעוואָרפען — די פּלעקער, אויף וועלכע די שפּיציגע דראָטען זיינען געווען פערצויגען, זיינען אונטערגעפוילט געוואָרען און אומגעפאלען און זיינען דאָ און דאָרט געבליבען אָנגעשפּארט אָן אַ בוים אָדער אָן אַ פעלז. אין איין פּלאַץ זיינען די דראָטען געווען פערבלוטיגט, און דער סליאַד בלוט, וואָס האָט זיך פון דאָרט געצויגען, האָט קלאָר דערצעהלט, אַז די בהמה האָט צו־ריסען דעם אייטער אָן די דראָטען. איך האָב דערוויי‌ל ווי ניט איז אונטערגעשפּארט דעם פּארקאַן, ווייל דער פּלאַץ איז געווען זעהר אַ געפעהרליכער. — עטליכע שפּאַן פון דעם פּארקאַן האָט זיך דער פעל־זיגער באַרג אָפּגעריסען צום טייך, און ווען אַ בהמה וואָלט פון דאָרט אַראָבפאלען, וואָלט זי צובראָכען און צוריבען געוואָרען אין אַ קופּע פלייש. איך האָב עס נאָכדעם דערצעהלט אַ'נעלסאָנ'ען און האָב איהם צוגעזאָגט, אַז אין אָבענד, ווען מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט דער אַרבייט, וועל איך נעהמען אַ האַק און וועל געהן אַהין צוריכט מאַכען דעם פּארקאַן.

## XVI.

פאַרנאַכט. גרויסע, בלויע שטיקער נעבעל האָבען זיך גענומען הויבען פון דער גרינגער ערד ווי אונטערגעשאָסענע פויגלען.

איך האָב פערלעגט א האַק אויפ'ן אַקסעל, אָנגעטהאָן מיין גרויסען שטרויענעם הוט, און זיך געלאָזט אין די בערג, אהין צו דעם אומגעוואָר־פענעם פּאַרקאַן.

ביי מיר איז געווען קלאָר, אַז היינטיגער אָבענד איז דער לעצטער, וואָס איך פערברענג צווישען די בערג. מאָרגען ענדיגט זיך מיין מאָנאַט, און מאָרגען פאָהר איך אַוועק פון דאַנען. און איך האָב דעריבער מיט א בעזונדער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף די קנייטשען און פאַלדען פון די בערג, און אויף דער פאַרנאַכטיגער לופט, וואָס האָט זיך מיט א טיעפען און שווערען בענקען געצויגען פון באַרג צו באַרג, פון וואַלד צו וואַלד; און אויף די שטיקער נעבעל וואָס האָבען זיך פון אַרום און אַרום פון אונטער מיינע פיס געהויבען און צוריקגעפאַלען און זיך גלייך ווידער געהויבען, זיך געצויגען און זיך בעהעפט, איין שטיק מיט דער צווייטער און מיט דער דריטער און זיך נאָכדעם מיט מעהר כח גענומען קנייטשען און הויבען.

ווען איך בין אַרויף אויפ'ן באַרג און צושיקט מיינע בליקען צו די בערג פון נאָהענט און ווייט, האָבען זיך שוין אין דער לופט אַרומגע־טראָגען דורכזיכטיגע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געקנייטשט ווי גרויסע און דורכזיכטיגע שטיקער זייד מיט נאָך ניט קיין דערוועבטע ברעגען — — — און דער נעבעל האָט זיך שוין ווי א רויך גענומען הויבען פון דער ערד. ווי א רויך האָט ער זיך גענומען אַרויסשפּאַרען פון די וועל־דער — — — און ניט איך בין איצט געשטאַנען אויפ'ן באַרג מיט דער האַק אויפ'ן אַקסעל, נאָר עמיצער א גרויסער איז אויפגעגאַנגען פונ'ם רויכיגען נעבעל. געווען איז ער הויך און שטאַרק געבויט. לאַנג איז געווען זיין באָרד און גרוי זיינע האָר, גרויס און ווייט זיינע אויגען, און

זיכער און קלאָר זיינע בליקען. און דער נעבעל אָרום איהם האָט זיך אָראָפּגעקלאָזט ביז צו דעם זוים פון זיין קלייד, ביז צו די סאַנדאַלען פון זיינע פיס. און דער נעבעל איז אַרום איהם געבליבען שטעהן אין אַ ברייטען רינג. — — — — — — — — — — — — —

און אַט בין איך שוין אין וועלדעל, האָק מיט מיין האַק גלייכע, יונגע בוימעלעך. און מיין יעדער האַק הילכט אָפּ צוריק מיט אַ פאַרנאַכטיגער טיעפקייט דריי, פיער און פינף מאָל פון דריי, פיער און פינף פערשיע־דענע פלעצער. און פון יעדען פלאַץ קומט דער ווידערקלאַנג צוריק מיט אַן אַנדער אָפּקלאַנג און דאָך מיט דעם איינענעם טאָן. אַט קלאַפּ איך שוין די פריש אָנגעהאַקטע פלעקער צום פּארקאַן און הער אַלץ מיין יעדען קלאַפּ אָפּקלינגען דריי, פיער און פינף מאָל צוריק. — — — אַט בין איך שוין באַלד פאַרטיג מיט דער אַרבייט, אָבער איידער איך קלאַפּ אַריין דעם לעצטען פלאָקען, דערהער איך — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל און האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון מיר — — — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל — — — אָבער איך האָב זיך ניט אויסגעדרעהט, ניט אומגעקוקט און האָב מיר ווייטער געטהאָן מיין אַרבייט.

און אַט בין איך שוין פאַרטיג געוואָרען מיט מיין אַרבייט. עס איז שוין געוואָרען פינסטער, פינסטערלעך. עס האָבען זיך שוין געהערט די ווי־פּור־וויל־געשרייען. איך האָב מיר צוריק פערלעגט די האַק אויפ'ן אַקסעל און זיך געלאָזט געהן אהיים. אָבער ווי נאָר איך האָב געמאַכט אַ פּאָר שפאַן, האָב איך פאַר זיך גלייך דערזעהן פיבי'ן, אין אָבענד, צווישען די בוימער אין אַ טונקעלעם קלייד, מיט לויכטענדיגע אויגען.

איך בין געבליבען שטעהן. מיר האָבען זיך אָנגעקוקט. — — —

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— איהר האָט זיך דאָ היינט געיאָגט נאָך הירשען?

זי איז געווען בלאַס, צושראָקען. נאָר איהרע וואונדערבאַר־גרויס־צופּענטע אויגען האָבען געקוקט שאַרף און ליכטיג־שעהן. איך האָב געקוקט אויף איהר און זיך דערמאָנט — עמיצער האָט געזאָגט: „גיב זיך איבער אין פאַרקאָ'ס הענד פרייוויליג, און זאָל זי אַריינוועבען אין דעם פאָדעם פון דיין לעבען וואָס איהר וועט זיך וועלען".

איך בין ניט געווען צופריעדען פון דעם פּלוצלונגדיגען געדאנק, און דאָך האָב איך אַראָפּגעלאָזט די האַק פון מיין אַקסעל און האָב צו איהר געענטפערט: „יאָ!“ און האָב זיך צוגעזעצט אויפ׳ן גרויסען שטיין, וואָס איז געוואַקסען פון דער ערד צווישען די בוימער, ניט ווייט פון מיר.

פּיבי איז צוגעקומען און האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטיין נעבען מיר. — — — — — — — — — — —

## XVII.

מיינע פערלאַנגען זיך אַרויסצורייסען פון דעם פּלאַץ איז, איבער דער בענגעניש אין וועלדעל, אָפּגעלעגט געוואָרען פון טאָג צו טאָג. כמעט יעדען טאָג פלעג איך זיך נאָכדעם טרעפען מיט פּיבי'ן אויף דעם זעלבען אָרט אין וועלדעל, כאָטש איך פלעג זיך מיט אלע מיינע כחות רייסען. כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט פערגעסען צו רעדען מיט איהר פון „וויכטיגע ענינים“ און פון רוים און פון ווייטקייט און פון דעם, אז דער מענש בעזיצט אַ סך שלעכטע כחות, וואָס ווענדען אָפּ זיינע בליקען פון דעם רוים און פון דער אמת'ער ווייטקייט. פּיבי אָבער איז שטענדיג געוועזען קלוג און רייך אויף איינפאַלען און איך בין אלץ מעהר און מעהר אַנגעבונדען געוואָרען אָן אונזערע בענגענישען און פלעג מיט אַ ציטער־דיגער אונרוהיגקייט וואַרטען אויף זיי.

אויף דער וועלט זיינען דאָ גוים און אידען! — ניין, דאָס האָבען מיר גאָר ניט געדענקט און ניט געוואָלט געדענקען. נאָר איינמאָל האָט זי ביי מיר געפרעגט, וואָס איך האָב געהאַט צו איהר „אָרעמער מאַמע“? איהר אָרעמע מאַמע האָט איינמאָל איבער מיר געוויינט... דריי טעג האָט זי געוויינט און איז פון הויז ניט אַרויס — — — אָך יאָ, איך בין דאַן געוועזען שולדיג. איך וויים דאָס אליין, אָבער איך האָב דאָך אַזוי ווייניג געוואוסט, ווער איהר מאַמע איז און וואָס זי האָט פון מיר געוואָלט האָבען מיט איהרע שאלות. — — — אָבער די וועלט איז אַ מעשה וואָס דערצעהלט זיך פאַר דער אייביגער אונענדליכקייט און מיר אלע זיינען קינדער פון דער מעשה; בייזע קינדער, גוטע קינדער, און מיר שפּיעלען זיך אַלע אויפ'ן ברעג פון אונענדליכקייט, אויפ'ן ברעג פון רוים און ווייטקייט.

צי אין ליעבע איז דאָ רוים און ווייטקייט?

יאָ, געוויס.

נאָר אינאיינעם מיט דער ליעבע ווערען אָבער אויך געבאָרען פיינד־

ליכע כחות וואָס טויטען ביפּלעכוויז אָפּ דעם רוים און די ווייטקייט פון דער ליעבע.

דעריבער דאַרף מען זעהן זיין געהיט. מען דאַרף שטענדיג זיין אויף דער וואַך. — — — —

ליעבע, דאָס איז אַ ברייטער און ווייטער טייך. אמאָל אויך אַ גרויסער און שטורמדיגער ים. און מענשען מיט קליינע כחות יאָגען זיך שטענדיג צום נאָהענטסטען ברעג. מיר אָבער פיבי! פיבי! — — —

און פיבי פלעגט דערביי אויף מיר קלוג קוקען און זיך איינהערען ווי מען הערט זיך איין אין די פּלוידערייען פון אַ קינד וואָס מען האָט ליעב — — — אָפט פלעגט זי מיט מיר אויך מיטפּלוידערען

— רוים און ווייטקייט! — האָב איך אמאָל אויסגעשריען און זי דערביי ארומגענומען מיט מיין לינקער האנד, און די רעכטע האָב איך אויסגעשטרעקט פאר זיך אין דער ווייטער נאכט, וואָס האָט זיך מיט אַ בעזילבערטער בלויקייט געשפּרייט איבער די בערג:

— רוים און ווייט, פיבי! קום נאָמיר פליהען! — — —

— און אז איך וועל לאנג ניט קענען מיטפליהען?

— וועסטו דאנקען פאר דעם, וואָס ביזט כאָטש אַ ביסעל מיט־געפליגען.

— און די וואָס קענען זיך גאָרניט אויפהויבען?

איך האָב זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט:

— זאָלען זיי פאַלען, זאָלען זיי בעסער פאַלען!

און מיר זיינען ביידע געשטאַנען אויף אַן אָפענעם בארג איינס נעבען אַן אנדער, און די נאכט האָט זיך פאר אונז געצויגען נאקעט, גרויס און ליכטיג ריין.

פיבי האָט מיט מיר געקוקט אין דער נאכט, געטראַכט אַ ווײלע און געפרעגט:

— און ווי אז פליהענדיג מיט דיר וועל איך פאַלען, — וועסטו פליהען ווייטער?

איך האָב געענטפערט:

— עס פאַלען בלויז די וואָס האָבען מורא, אז זיי וועלען פאַלען.

זי אָבער האָט פער'עקשנ'ט איבערגעפרעגט:

— און אז איך וועל פאַלען, וועסטו פליהער ווייטער?... יאָ? — —

און איך האָב געקוקט פאַר זיך אין דער טיעפער בלויקייט פון דער ווייס־בעזילבערטער נאַכט און האָב געענטפערט:

— יאָ.

זי האָט געפרעגט:

— און איך?

— און דו?

און זי האָט געענטפערט:

— איך וועל דאַנקען דערפאַר, וואָס איך בין כאָטש אַ ביסעל געפלויגען.

## XVIII.

איינמאָל פאַרנאַכט האָב איך אויף פּיבי'ן געוואַרט און זי איז ניט געקומען. איך האָב גענומען ווערען אונגעדולדיג. די צייט האָט זיך גענומען ציהען בייז און לאַנג. איך האָב גענומען הויבען דעם קאָפּ. זיך איינגעקוקט צווישען די בוימער, זיך צוגעהערט. — ניטאָ — — — — איך האָב גענומען ווערען אַלץ אונרוהיגער, האָב זיך אָבער געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דערפאַר ווען זי וועט קומען וועל איך זיך מאַכען ברוגז. און עס איז דאָך אַזוי שעהן דער קינדערשער ברוגז פון צוויי דערוואַקסענע מענשען:

— עפען אויף דיינע אויגען.

— איך וויל ניט.

— פאַר וואָס ווילסטו ניט?

— ווייל איך וויל ניט.

— ווילסט ניט זעהן פּיבי'ן?!

— איך בין ברוגז.

— פאַר וואָס ביזטו ברוגז?

— פאַר גאָר ניט.

— וואָס הייסט פאַר גאָר ניט?!

— גאָר ניט.

— מיינע אויגען ווילען דאָך אָבער אַזוי שטאַרק קוקען אין דיינע. נא זעה ווי שטאַרק זיי ווילען — — — איך וועל דיר דערפאַר אַזוי לאַנג קוקען אין דיינע אויגען, אַזוי לאַנג — אַט וועסט זעהן.

און דערביי האַלזט מיך פּיבי און קושט מיך און זי פּרעסט זיך צו מיר און פּרואווט מיט איהרע פינגער מיר עפענען די אויגען:

— עפען אויף! עפען אויף! אַז ניט נעהם איך וויינען.

— — — אָבער שאַ, זעה נאָר, גיב נאָר אַ קוק. זעה וואָס איך וועז דיר דאָ — — — גיב מיר אַ קוש, זאָל זיין בלינדערהייד. — — —

איך ציה אוים מיינע ליפּען. מיין קוש אָבער פאַלט אויף אַ שטיין, וואָס זי האָט מיר אונטערגעטראָגען — — — זי צולאַכט זיך און איך עפען ניט ווילענדיג מיינע אויגען, כאַפּ זי אַן פאַר׳ן האַנד און זאָג :

— נישקשה, נישקשה, אַ שטיין וואָס דיינע הענט האָבען געהאַלטען, מעג מען קושען, מעג מען קושען.

פיבי לאַכט נאָכדעם לאַנג און מיינע הענד מיט איהרע לאַנגען רינגען געלעכטער. און לאַכענדיג ציטערט זי און פלאַטערט אין מיינע הענט און איך ווער דערביי פערבלענדעט פון איהר און פון איהר געלעכ־טער.

אין דעם געלעכטער פון אַ פרוי, וואָס קאָן לאַכען, ליגט נאָך אפשר מעהר ליכט און קראַפט ווי אין די פּאָעמען פון די גרעסטע וועלט־דיכטער.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט און זיך פערשפּיעלט מיט געדאַנקען וועגען פיבי׳ן. אָבער פיבי איז נאָך אַלץ ניט געקומען. איך האָב זיך גענומען דערמאָנען און טראַכטען, אַז די לעצטע טעג האָט פיבי עפּעס אויסגעזעהן פערדעכטיג. — — פערשיעדענע נאַרישע געדאַנקען האָבען מיר גענומען קריכען אין קאָפּ. מיין אונרוהיגקייט האָט גענומען וואַקסען און שטייגען, האָט מיך גענומען הויבען העכער פון מיר, האָט מיך גענומען טראָגען אין דער לופטען. — — —

גאָט מיינער! וואָס איז דאָ געשעהן! — — — איך האָב זיך אויפ־געהויבען פון שטיין, אויף וועלכען איך בין געזעסען, זיך אומגעקוקט צווישען די בוימער — אהער, אהין — מיין פריינד! פיבי! פיבי! פיבי מיין חלום! מיין הירש! פיבי!

מיט אַמאָל אָבער האָב איך אַזש אויפגעציטערט פון כעס — צום טייוועל! ווי ווייניג מען קען זיך אויסהיטען פון פרויען! וואָסערע מיט־לען זי האָט אָנגעווענדט, און ווי שטאַרק זי האָט מיך, דעם איינגע־עקשנ׳טען, פּאַרט פערפּלאָנטערט! מעהר ווי דאָס, קען זיין, האָט זי גאָר ניט געוואָלט. — — — און איצט קען זיין שטעהט זי דאָ ערגעץ אונטער אַ בוים און קוקט מיט פערגעניגען צו ווי איך דרעה זיך דאָ ארום משוגע׳נערווייז.

כאַ, כאַ, כאַ! וויפיעל שעלמע, וויפיעל שלאַנגישע קלוגשאַפט עס ליעגט אין יעדער פרוי. זיי לאַכען פון אונז דאַן ווען מיר זיינען פער־ליעבט, און זיי נוצען אונז אוים אויב זיי ווילט זיך דאָס, און אַזוי לאַנג

ווי זיי גלוסט זיך דאָס. און ס'אַרא עזלען מיר זיינען! ווי מיר לאָזען זיך דאָס אויסניצען, און וואָס פאַר אַן אידיאָטישע האוואיעס מיר מאַכען נאָך דערביי: — „דעם שטיין וואָס דיינע הענד האָבען געהאַלטען מעג איך קושען!“ — ס'אַרא אידיאָט איך בין, גאָט מיינער! און וואָס — איז מיר מיט אַמאָל איינגעפאַלען, — אַז זי ווייסט אַלץ וואָס איך טראַכט און זי לאַכט פאַרט פון מיר?... כאַ, כאַ, כאַ, ס'הייסט: וואָס אַז איך בין ביי איהר ניט מעהר ווי אַ מויז, וואָס זי האָט שטיפענדיג אריינגעוואָרפען אין אַ ניט פולער פאַס וואַסער און שפּיעלט זיך מיט מיר — איצט שווים איך אַרום אַהין, אַהער, בריה זיך אַרויסצוקריכען פון פאַס, אָבער ווי נאָר איך פּרואוו זיך אַרויסהויבען, רייס איך זיך אָפּ אַלע מאָל און פאַל אריין נאָך טיעפער, און זי קוקט דערויף מיט פערגעניגען און לאַכט דערויף מיט איהר טייוועלשען געלעכטער...

ניט ווייט פון זיך האָב איך דערזעהן דעם געקושטען שטיין. האָב איך זיך אויפגעהויבען, בין צוגעגאַנגען און איהם מיט פּעראַכטונג אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן מיט'ן פוס. דער שטיין אָבער האָט זיך קוים אַ ריהר געטהאָן פון אָרט. האָב איך זיך אָנגעבויגען, איהם אַ כאַפּ געטהאָן און מיט כעס אַ שליידער געטהאָן אַהין צום געפעהרליכען ברעג פון בארג. אין אַ ווייל׳ע אַרום האָט זיך דערהערט ווי דער שטיין פאַלט ראַש פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען. האָט זיך ביי מיר אַ שטאַרקער ריס געטהאָן אין הארצען און אַ שוידער איז מיר אריבער מיין לייב, פּונקט ווי איך וואָלט מיט מיינע הענט עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך אַראָבגעוואָרפען פון יענעם געפעהרליכען ברעג. — — — באַלד האָב איך דערפיהלט ווי עמיצער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד. איך האָב ווידער אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, האָב זיך אויסגעדרעהט און פאַר זיך דערזעהן פיבי'ן. — — —

פיבי איז געשטאַנען נעבען מיר, מיך געהאַלטען אונטערן האַנד, נאָר איך האָב זי כמעט ניט דערקאַנט. עפּעס אַ מין שטילע און ליכטיגע לויטערקייט האָט פון איהר איצט אַרויסגעקוקט — — —

— וואָס האָט געטראָפען, פיבי?

— גאָר ניט.

און איהר שטימע האָט געקלונגען ווייכער און מיט עפּעס אַ מין רעליגיעזער רוהיגקייט.

— וואָס איז מיט דיר, פּיבי? — — —

— גאָר ניט.

דער גרינער טהאָל האָט זיך אַראָבגעלאָזען פונ'ם אַנטקעגנענדיגען וואַלד, זיך אַראָבגעבויגען פון דעם וואַלד'ס באַרג, זיך געקאַטשעט און געצווייגען אַרויף ביז צו אונזערע פיס. פּיבי'ס פיס זיינען שעהן, זיינען אין קליינע סאַמעטענע שיכלעך און איהר קלייד איז ליכטיג, ווייס, און איז גענעהט רייך און נאָך דער לעצטער מאָדע. און ניט זי אַ שטעל אַ פוס, פּרעסט זי זיך אַרוים ענערגיש, שלאַנק און שעהן. און אַזוי איז זי אין גאַנצען. און דאָס, אינאיינעם מיט דער ווייטקייט און שטילקייט, וואָס האָט איצט אַזוי רוהיג און זיכער אַרויסגעקוקט פון איהר פּנים, פון איהרע גרויסע פערטראַכטע אויגען, האָט איהר צוגעגעבען עפּעס אַזוינס וואָס האָט מיך גערייצט.

איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: „איז דאָ ניט עפּעס אַ נייער איינפאַל?“...

איך האָב זי אָנגענומען פאַר'ן האַנד, האָט זי אַ ציטער געטהאָן, אַ קוק געטהון אויף מיר און איז בלאַס געוואָרען.

איך האָב געפרעגט:

— האָסט אפשר היינט געפאַסט, פּיבי? — — —

אויף דעם האָט זי מיר ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף מיר, און נאָך פיעל ווייטער פון מיר — — —

און אַז מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט האָט זי שטיל איינגענורעט איהר קאָפּ אין מיר — — — —

אַ ווייסער נעבעל האָט זיך גענומען שפּאַרען פון וואַלד אַרוים, זיך גענומען הויבען פון טהאָל אַרויף.

— ווייסט — האָב איך געזאָגט — דער נעבעל איז ווייס.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט.

ערגעץ, ניט ווייט פון אונז, האָט זיך צושריען דער ערשטער וויפּ־פּור־וויל, און אָט נאָך איינער — — —

דער נעבעל פון וואַלד האָט זיך גענומען צונויפגיסען מיט'ן נעבעל פון טהאָל. דער טהאָל האָט זיך גענומען אָנפילען, אויסגלייכען. דער טהאָל איז געוואָרען פול ביז אַרויף מיט'ן ווייסען נעבעל. מען וואָלט איהם געקאָנט אַריבערשווימען — — —

— ווייסט וואָס מיר האָט זיך נעכטען גע׳חלומ׳ט — האָט זי זיך אָנגערופען.

— וואָס ? — האָב איך געפרעגט.

— מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין דיין יונגע ווייב. און עס איז נאַכט, און איך ליעג אין בעט איינע אַליין. אין צימער איז פינסטער. אינ׳ם אַנדערען צימער ברענט אַ ליכט . דו שפּאַנסט דאָרט אַרום מיט דיינע שווערע טריט הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און איך ליעג, און וואַרט. ציטער און וואַרט. פון יעדען טראָט דיינעם גיעב איך זיך אַ נייעם צאַפּעל. אַ נייע קעלט גיט זיך אַלעמאָל אַ לאָז איבער מיין צוואָווארעמטען לייב. און איך ליעג אַלץ און טראַכט... מיט אַמאָל איז פאַר מיר אַלץ קלאָהר געוואָרען — — — איך בין אויפגעשפּרונגען פון בעט, האָב אויף זיך אַרויפגעוואָרפען די ווייסע דעק. האָב אויפגעעפענט די טהיר צו דיר און בין אַריבערגעטראָטען די שוועל. דו אָבער האָסט מיך ניט בעמערקט, און ביזט זיך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ צוטראַגענער פון איין וואַנט צו דער צווייטער. — מיין פריינד ! — האָב איך צו דיר אויסגעשריען — דיר שטערען די ווענד, דיר איז דאָ ענג. דו דאַרפסט האָבען דעם רוים, די ווייטקייט. דו דאַרפסט אַז דיין אויג, דיין געדאַנק זאָלען זיך קאָנען טראָגען אין דער אונענדליכער ווייטקייט אַריין. פערלאָז די ווענד, עפערלאָז מיך. פערלאָז אַלץ צוליעב דעם גרויסען און ווייטען. הויב זיך אויף העכער פון אונזערע איינגענע אַקסלען, און טראָג זיך אַוועק ווי אַן אָדלער. טראָג זיך אַוועק ! — — — —

דו האָסט דאַן אויסגעשטרעקט צו מיר דיינע הענד — צי דערפאַר ווייל דו האָסט זיך גערעכענט פאַר שולדיג געגען מיר, צי דיך האָט אפשר גערייצט דאָס וואָס איך בין געשטאַנען פאַר דיר אַ באָרוועסע, אַ צושוויי־בערטע, בלויז אין אַ ווייסער דעק איינגעהילט. איך אָבער האָב זיך אַ ציה געטהאָן אויף צוריק. איך האָב ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט מיך מעהר אָנריהרען. אונטער מיר אָבער האָט זיך געעפענט אַן אָבגרונד, און ווי נאָר איך האָב זיך אַ ציה געטהאָן אויף צוריק האָב איך גענומען פאַלען אין אַ טיעפען, שוואַרצען אָבגרונד — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גערערדט האָט זי ווי פאַר זיך, טראַכטענדיג, און עס האָט זיך ניט נעמערקט דער אָנפאַנג פון איהר רעדען, און עס האָט זיך ניט געפיהלט

דער אויפהערען, — אַט ווי אַ ווייכער זיידענער שנור פון וועלכען מען זעהט בלויז דעם מיטען — — — און פונקט אויף דעם זעלבען אופן האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום דערזאָגט:

דאָס וואָס איז געפאַלען אין דעם אַבגרונד איז דעם אַבגרונד'ס, און דאָס וואָס איז נעבען דיר איז דיינס — — —

כמעט ווי אָהן אינטערעס האָב איך דאָס אַלעס צוגעהערט:

— אַט דאָס הייסט דאָס איז דער רוים, די ווייטקייט! — האָב איך גענומען טראַכטען. און איך, זי, די בוימער, די בערג און אַלץ אַרום איז איצט אין נעבעל פערוויקעלט — — — און מען זעהט איצט גאָר ניט. און מען ווייסט איצט גאָר ניט — — — אַזוי איז אָפט ביי אַ שטילען אָפּגעזונדערטען מענשען אין קאָפּ ווען ער זיצט שטיל, אַליין און טראַכט דאַכט זיך פון גאָר ניט, נאָר אַ סך געדאַנקען און רעגונגען רייסען זיך און וועקען זיך און קאָנען נאָך ניט זאָגען וואָס זיי ווילען, און ווער זיי זיינען — — —

עמיצער קוקט איצט אויף דער פערנעבעלטער ערד, ווי אויף זיין אייגענעם טראַכטען. עמיצער האָט דאָס איצט ביז אויפגעריסען זיין אייגענעם שאַרבען און קוקט פערשטומט אויף זיין אייגענעם טראַכטען, וואָס איז איצט טיעף און סודות'דיג פערנעבעלט. — — —

און איך, און זי, מיר האָבען זיך ערגעץ בעגעגענט, זיך אַבגעשטעלט איינער געגען צווייטען — — — זיך באַלד גענומען ראַנגלען, זיך גענומען אַבשטויסען און קושען, אַרומנעמען און זיך אָפּרייסען צום אַנטלויפען. ביז — פּלוצלינג! — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ רוהיגע און דרימעלדיגע שטילקייט? איז דאָס דער רוים? צי אפשר איז דאָס גאָר אַזאַ מין חלום אָהן פערלאַנגען?

איך האָב דערפיהלט ווי אַ נעץ פון געדאַנקען און פערלאַנגען האָבען זיך אין מיר מיט אַמאָל שאַרף איבערגעריסען, און איך האָב אויפגעהויבען מיין האַנד און זי אַרויפגעלעגט אויף איהרע האָר. איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ בעזונדערע ליידענשאַפט צו גלעטען איהרע האָר. זי האָט פון דעם אַ ציטער געטהאָן און דערשראָקען געפרעגט:

— וואָס איז?!

און איך האָב געענטפערט:

— דיר איז קאַלט?

— קאַלט — האָט זי געזאָגט און אָפּגעזיפצט.

איך האָב געמאַכט אַ בעוועגונג אויסצוטהון מיין ראָק און איהם אַרויפוואַרפען אויף איהר. זי אָבער האָט מיך ניט געלאָזט. זי האָט אָנגע־כאַפּט איין עק פון ראָק און זיך אין איהם איינגעדרעהט, אַזוי אַז זי האָט זיך איינגעפּרעסט אין מיר — — —

איך האָב דערפיהלט איהר וואַרעמקייט און האָב געטראַכט: „גוט, גוט. גוט אַזוי.“

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שטאַרק און ריזיג פעסט. און מיין האַנד האָט דאָך קינדיש געגלעט איהרע האָר, איהר פּנים — ס'אַרא גלאַטע הויט! ס'אַרא אונענדליכע וואַרעמקייט! בעליידיגונגען וואָס מען האָט מיר פון מאָל צו מאָל אין פּנים געוואָרפען, די וואונדען וואָס זיינען פון דעם אין הארצען געוואָרען, האָבען זיך איצט גענומען וואַרעמען און היילען. שאלות וואָס האָבען מיך שטענדיג געמוטשעט, כאָטש איך האָב זיי קיינמאָל ניט געוואוסט, און ווייס נאָך ביז היינט ניט. ווי אַזוי זיי אָנצורופען, האָבען פון איהר וואַרעמקייט זיך אָבגעשיידט און זיינען אַוועק פון מיר. „מיין פריינד! מיין ליעבער פריינד!“ — האָב איך אויסגערו־פען, — דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען. דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען! און ס'אַרא רונדקייט! ס'אַרא עלאַסטישע רונדקייט! פּרעס זיך איין שטאַרקער אין מיר. פּרעס זיך איין מיין פריינד! איך האָב דאָך נאָך קיינמאָל ניט אָנגעריהרט דיינע בריסט. און זיי וואַרטען דאָך דערויף אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. און ווי היים עס שלאָגט דיין אָטהעם! כאַ, כאַ, ווי נאַריש מיינע אומגעלומפּערטע הענד זיינען, און ווי קלוג דיינע בריסט, ווי קלוג! כאַ, כאַ, כאַ, ווי קלוג!

און אָט האָב איך זיך אַ בויג געטהאָן און מיר זיינען ביידע אומגעפאַ־לען אויפ'ן פייכטען גראָז. איך האָב גענומען ווערען אַלץ ווילדער און ווילדער. פּלוצלינג אָבער האָב איך זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט.... און באַלד דערויף האָב איך אויסגעפּלאַצט אין אַ משונה'דיג פוסטען לאַכען, ווי אַ רוח וואָלט פון מיר אַרויסגעלאַכט:

— כאַ, כאַ, הייסט דאָס, אָט וואָס! דו ביזט פּשוט געפאַלען אויף אַ פּלאַן, פּילייכט, הייסט דאָס, קאָן מען פערנאַרען דעם נאַרישען בחור אויף אַזאַ אופן? — — ווי קלוג! ווי שעלמיש קלוג! כאַ, כאַ!

איך האָב זי גענומען אַרויסלאָזען פון מיינע הענד, זי אָבער האָט אין

איהר אויפרעגונג, זיך נאָך אַלץ געפּרעסט און געהאַלטען אָן מיר.

— לאָז אָפּ, דו נאַרישע מיידעל! עס איז דיר אויך דעם מאָל ניט געלונגען!

איך האָב זי אָפּגעוואָרפען פון זיך, זי איז געבליבען ליגען שטיל, אַליין. האָט מן הסתם אַליין געשלונגען די כוואַליעס פון איהר ליידענשאַפט. דער נעבעל איז געוועזן אַזוי געדיכט אַז איך האָב קוים געקענט זעהן די קאָנטורען פון איהר אויסגעצויגענעם קערפּער. און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען לאַנג. לאַנגזאַם, שווער און לאַנג.... מיר האָט זיך גענומען דאַכטען אַז אַזוי וועט זיך עס שוין ציהען אייביג....

נור אָט האָט זיך בעוויזען די לבנה, ווי עמיצענ׳ס אַן אויג וואָס האָט זיך פּלוצלינג ברייט צועפּענט — — — דער נעבעל איז מיט אַמאָל געוואָרען ליכטיג, ווייס און דורכזיכטיג. און אין דער פערנעבעלטער, ווייסער נאַכט האָבען זיך גענומען ווייזען בוימער, בערג, וועלדער. און דאָס גרויסע אויג האָט זיך מיט כעס און שטוינען געעפּענט אַלץ גרעסער און גרעסער — — —

איך האָב דערהערט ווי זי הויבט זיך אויף פון גראָז און געהט. — זאָל זי געהן! — האָב איך געטראַכט — זאָל זי געהן! — — —

זי איז אַוועק ערגעץ דאָרט אַרויף, און איז שטעהן געבליבען און שטעהט — — —

אין אַ ווייל׳ע אַרום האָב איך אויפגעהויבען די אויגען, און דערזעהן אַז זי שטעהט אויפ׳ן געפעהרליכען ברעג פון באַרג.

אַ שלאַנקע אויפ׳ן ברעג פון באַרג אין איהר ווייסען קלייד. און אין אָט דער מיט אַמאָל אויף מיילען און מיילען ווייט און ווייס געוואָרענער נאַכט, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ זעהונג.

איהר פּנים איז געווען געווענדעט צו מיר.

און מיר האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל אַ שטאַרקען ריס געטהאָן. איך האָב זיך שנעל אויפגעהויבען, זי האָט הפּנים בלויז אויף דעם געוואַרט. וויל באַלד דערויף האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ ווילדען קוויטש און זיך אַראָפּגעוואָרפען פון באַרג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געבליבען שטעהן אויף מיין אָרט, גלייך ווי איך וואָלט געוואָרען אויסגעגאָסען פון אייזען — — —

זי איז שוין ניט געווען, נאָר אינ'ם ווייסען נעבעל, איז נאָך לאַנג געשטאַנען איהר קווימש, וואָס האָט זיך צושפּאָלטען אויף רעכטס און אויף לינקס אין צוויי שאַרפע שניידענדיגע פּאַסען — — — איך האָב געוואוסט אַז זי פאַלט דאָס איצט פון איין שאַרפען שטיין אויפ'ן צווייטען, דער קאָפּ קאָן זיין איז נאָך צובראָכען געוואָרען אָן ערשטען שטיין. ליגען אָבער קאָן זי אויף יענעם שטיין ניט בלייבען. און די הויך איז א שווינ־דעלדיגע, און אויף די אָבגעבראָכענע שטיינער וואָס ליגען דאָרט ביים פוס פון בארג, וועט אראָפּפאַלען שוין ניט פיבי, נאָר א מאַסע רויע פלייש. און איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— זאָל פאַלען, דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען. דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען זאָל בעסער פאַלען, זאָל דאָס בעסער פאַלען....

— — — — — — — — — — — — — — — —

# XIX

אויף מארגען, ווען די זון האט זיך דורכגעשלאגען דורך די וואלקענס, וואס האבען פערטרונקען די בערג און די טהאלען און האט זיך אריינגעשפיגעלט אינ'ם שטילען קאנעקטיקוט טייך א רונדע, א פולע, און עס האט אויסגעזעהן ווי א גאלדען אינגעלע געהט אום אין דעם שטילען און לאנגען וואסער, איז צו מיר געקומען פיבי — — — איך בין געזעסען אויפ'ן שטיין, דעם קאפ אין די הענד געלעהנט און פיבי איז צו מיר געקומען און האט זיך צוגעזעצט צו מיר. איך האב ניט אויפגעהויבען דעם קאפ פון די הענד. איך האב נור געזעהן דעם זוים פון איהר קלייד, און די שווארצע שיכלעך פון איהרע פיס. אויף דער ערד פון וואלד האבען זיך צולעגט די שאטענס פון די בוימער. שאטענס און שאטענס האבען זיך צופלאכטען אין א געדיכטער דיקער נעץ איבער דעם וואלד'ס ערד. — —
איך האב זיך דערמאנט אין דעם נעכטיגען אבענד, און אין אלץ וואס ס'האט נעכטען געטראפען. און אין איהר לעצטען קוויטש וואס האט נאך אלץ געהילכט אין מיינע אויערען, און האב געפיהלט אז דער קוויטש וועט שוין קיינמאל ניט אויפהערען. אז ער וועט מיך שטענדיג פערפאלגען. און אז דאך זיצט איצט פיבי נעבען מיר, גלייך ווי עס וואלט מיט איהר גאר ניט פארגעקומען. — איינס פון דיביידע מאל מוז דאך געוויס זיין א חלום? יא. אבער וועלכער פון די ביידע מאל איז א חלום? איצט? אבער אט זיצט זי דאך נעבען מיר. אט זיצט זי דאך נעבען מיר.

מיר האט זיך געוואלט אויפהויבען דעם קאפ א קוק טהאן אויף איהר ווייס בלאסען פנים, אויף די שווארצע געקרויזטע האר, אויף דער פערטראכטער רוהיגקייט און ווייטקייט, און אפשר אויך פרעמדקייט, מיט וועלכע איהרע אויגען האבען געוויס געקוקט אין דער מינוט. אבער צו וואס? אט זעה איך דאך דאס סיי ווי סיי!... און איך האב זיך דערמאנט אין איהרע נעכטיגע ווערטער:

„אין אפגרונד איז דעם אפגרונדס, און דאס וואס איז דיינס, איז

געבען דיר"... און אַט האָב איך דערפיהלט איהר גוטע, ווארעמע האנד ארום מיין נאקען —

עמיצער האָט געזאָגט — דיהרסטו זיך אַן אַן דעם לייב פון א פרוי, דיהרסטו זיך אַן אַן גאָט'ס קלייד. גאָט'ס קלייד האט זיך אין מיר אָנגע־ריהרט, גאָט'ס קלייד. און ס'ארא ווארעמקייט! ווי ליעב עס איז דיין וואַרעמקייט, גאָט! זיי געבענשט גאָט! זיי געבענשט! — — — — — —

אַט דאָס איז מיין גאַנצע דערצעהלונג — פּיבי.

און וואָס איז נאָכדעם געוואָרען מיט דער אונגליקליכער מאדאם אַ'ז'וּלמאַן?

מיר אָבער ווילט זיך שוין מעהר ניט דערצעהלען.

נאָר איין זאַך נאָך: —

אַט אין דעם ערשטען פריהלינגס טאָג פון יאָהר, ווען איך האָב זיך אויף מיין וועלאָסיפּעד געגומען יאָגען פון דעם ווייסען־מאָנומענט, איבער דעם דריימאָל ברייטען וועג צו די געלע טענים קוואדראַטען און געטריבען פון שרעק האָב איך זיך פערצווייפעלט אראָפּגעיאָגט פון יענעם שארפען און לאַנגען אראָפּ־בארג, און האָב פאר זיך פלוצלינג דערזעהן פּיבי'ן, און דערהערט איהר פערצווייפעלטען קוויטש, וואָס איז געווען פּונקט ווי איהר לעצטער קוויטש אין יענער נאַכט. בין איך נאָכדעם לאַנג און ווייט גע־פאָהרען אויף מיין וועלאָסיפּעד אָהן אַן אָפּשטעל. מיר האָט זיך אַלץ גע־דאכט, ווען איך זאָל זיך אָפּשטעלען, וועט מיך אָניאָגען פּיבי. ווען איך זאָל בלויז אויסדרעהען מיין קאָפּ, וועל איך פאר זיך דערזעהן פּיבי'ן. נאָר אַט בין איך אויף זיך אין כעס געוואָרען, בין אראָפּ פון וועלאָסיפּעד, און זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין אָפּרוהען — — — נאָכדעם האָב איך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיך אומגעקוקט, און פאַר זיך קיינעם ניט געזעהן — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען פון אָרט, גענומען דעם וועלאָסיפּעד אויף צו פאָהרען אהיים מיט אַן אַנדער וועג. איך האָב אָבער מיט דעם אַנדערען וועג ניט געקאָנט פאָהרען. עפּעס איז געווען אין מיר, און ארום מיר, וואָס האָט מיך ניט דערלאָזען צו פאָהרען מיט דעם אַנדע־רען וועג, און מיך געצוואונגען פאָהרען צוריק אויף דעם אייגענעם וועג. און אַט בין איך געקומען צוריק צו יענעם בארג. איך בין אראָפּ פון וועלאָ־סיפּעד, און זיך געלאָזט צופוס ארויפגעהן דעם בארג. עס איז געווען

נאכט. לבנה׳דיג און שטיל. און ווען איך בין צוגעקומען נאהענט צום פלאץ, וואו איך האב פריהער פיבי׳ן געזעהן, האב איך זי אויך איצט דערזעהן — — — זי איז געשטאנען און געווארט אויף מיר — — —

— האסט דאך דא געקאנט דער׳הרג׳עט ווערען ? — האט זי צו מיר שטיל און פערטרויט געזאגט. ווען איך האב זיך אויסגעגלייכט מיט איהר.

אויף איהר ברוסט איז אויף א קייטעל פון האלז אראבגעהאנגען א מאסיווער צלם — איך האב דאס ביי פיבי׳ן ביז דאן קיינמאל ניט געזעהן. די ברעמען פון מיין שטערען האבען זיך א ציה געטהאן צו די אויגען. זי האט דאס בעמערקט, ארויפגעלעגט איהר האנד אויפ׳ן צלם און זיך צולאכט :

— דאס איז די מתנה וואס איהר טאטע האט איהר געגעבען דאן ווען זי איז קאנפירמירט געווארען. איך האב געקוקט אויף איהר ווייסער האנד, וואס זי האט נערוועז געהאלטען אויפ׳ן צלם, און מיר האט זיך געדוכט אז דער צלם בריהט איהר די פינגער — — — זי האט דערזעהן מיינע בליקען און האט זיך היסטעריש צולאכט. מיט איהר לאנגען רינגען געלעכטער. און לאכענדיג האט זי אויך די צווייטע האנד צוגעטראגען צום הארצען — — — מיר האט זיך שוין מעהר ניט געדאכט אז דאס האלט זי אזוי צו דעם קוואל פון איהר לאכען. מיר האט זיך געדאכט אז זי דריקט איצט א גיפטיגע שלאנג צום הארצען. די שלאנג בייסט און עסט איהר הארץ, נאר פיבי דריקט זי נאך פעסטער צו זיך און לאכט — —

טרערען האבען זיך געשטעלט אין מיינע אויגען — כאטש איך האב דאך אזוי ליעב שלאנגען ! — ווי שעהן עס איז צו קוקען אויף זייער גלאנ־ ציגען שטיינער געוועב. ווי שעהן דאס געוועב פון זייערע לייבער שרעקט און גלאנצט — נאר טרערען האבען איצט אנגעפילט מיינע אויגען — — און דורך פערטרערטע אויגען האב איך געזעהן — פיבי שווינדט פון מיר. אט איז זי אויפ׳ן פעלד, און אט אויפ׳ן בארג. אט איז זי אויף דעם בארג, און אט אויף יענעם. און אט איז זי אי אויפ׳ן פעלד, אי אויף די בערג און האלט איהרע הענד אויפ׳ן הארצען, און לאכט אלץ אהן אויפהער און לאכט.

איך האב זיך געריהרט פון ארט, בין ארויס אויף דעם דריימאל ברייטען וועג. איינער אליין בין איך איבער אט דעם דריימאל ברייטען וועג געגאנגען, און מיט דער האנד געפיהרט דעם וועלאסיפעד. א בלויע נאכט.

און אַ בלוי בעזילבערטער הימעל. און דער וועג איז אַזוי ברייט. און די געגענד — האַלב ווילד און ווייט. און אַלץ זעהט דאָ אויס ווי אַ מעשה. — די ווייסע פיגורען פון. דעם גרויסען מאָנומענט פּרעסען זיך איצט אַרויס פון דער נאַכטיגער בלויקייט ווי אַ מעשה. און די ריעזיגע גרויסע שטאָדט וואס הויבט זיך אָן גלייך נאָך דעם ברייטען וועג, די שטאָדט מיט איהרע ריעזיג־הויכע און לאַנגע גאַסען, מיט איהרע מויערען־גיגאַנטען, וואָס רייסען זיך אַרויס איבער דער גרויסער שטאָדט און קוקען צו דעם נאַכטיגען הימעל מיט זייערע טויזענדער ליכטיג בעלויכ־טענע פענסטער; די שטאָדט מיט איהרע פערשיעדענע מיליאָנען מענשען, וואָס לויפען נאָך אַרום, וואָס שלאָפען שוין, וואָס האַלטען זיך ערשט אין לייגען — איז אַ מעשה. און פאַר די אַלע מענשען וואס ווייסען דערפון ניט, — ווייס איך. און מיין יעדער טראָט וואָס איך טהו איצט — איז אַ מעשה. און די פערשפּעטיגטע אויטאָמאָבילען, וואָס טראָגען זיך איצט אין איילעניש דורך פערביי מיר, שטערען מיט גאר ניט דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאַראַן אַ בערגיגע געגענד, וואו עס שפּרינגען אום הירשען, און וואו פויגעל שרייען ווי מענשען — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ פאַלט איצט אויף די קניע אַ גוי מיט'ן נאָמען וויליאַמס און צלם'ט זיך — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאַראַן אַ מאַראַם אַ' נעלסאָן, וואָס ווען זי זעהט ווי איהר אייגענער מאַן פאַלט אויף די קניע צו טהאָן זיין נאַכט־תפלה, פילט זי זיך איבער מיט אַ געפיהל פון עקעל, און טהיילט נאָכדעם מיט איהם פאָרט איהר בעט — איז דאָס אַ מעשה. און פיבי. וואָס יאָגט זיך איצט אַרום אין דער נאַכט איבער באַרג און פעלד, און דריקט צום האַרצען איהר טאַטענ'ס צלם, ווי אַ ניפּטיגע שלאַנג, ווי אַ שטעכיגען דאָרן, און לאַכט אַזוי היסטעריש און לאַכט — דאָס איז אַזאַ מעשה, אַ מעשה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און קאָן זיין אַז ערגעץ שלעפערט דאָס איצט אַ מאַמע איין איהר קינד מיט דער געשיכטע פון אַ לאַבענדיגער מיידעל פיבי, וואָס בלאָנד־זשעט אום דורך די נעכט איינע אַליין מיט אַ וועהטאָגדיגען געלעכטער, און מיט אַ שווערען צלם אויפ'ן האַלז.

און די מאַמע דערצעהלט: אויף די בערג אַנטקעגען דער לאַבעדיגער מיידעל בעוויזט זיך אַ גרויסער ריעז, איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון

אַלע פעלקער׳ס פאָהנען. דערזעהט איהם די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און זי נעהמט איהם אָן פאַר א היילינען און לאָזט זיך נעהן צו איהם. דער ווינד אָבער גיט א וועה דעם עק פון זיין מאַנטעל, און עס בעווייזען זיך א פּאָר טייוועלשע פיס. דערשרעקט זיך די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און נעמט פון שרעק לאַכען נאָך וועהטאָגדיגער. זי כאַפּט זיך מיט די הענד צום הארצען, צום צלם, אָבער עס איז שוין ניט מעהר קיין צלם, נאָר א שלאַנג, א גיפטיגע שלאַנג. דאַן ווערט דער מיידעל׳ס געלעכטער אזא, פון וועלכען עס ציטערען אזש אויף קליינע קינדער אין די וויעגען. און די שלאַנג ווערט אַלץ גרעסער און בייזער. און די שלאַנג שלינגט זי איין.

שלאָף איין מיין קינד, מיין הארץ, שלאָף איין — ניט שרעק זיך פאַר די בערג, פאַר דער נאַכט, פאַר דעם לאַכענדיגען מיידעל, און פאַר דעם גרויסען ריעז מיט די ציגענע פיס.

שלאָף איין מיין קינד, מיין טאָכטער, שלאָף איין — דאָס איז בלויז א מעשה, א מעשה.



# גאט בעהיט און בעשיץ

און ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי
נאָהענט ניט געזעהן די שטראַהלען פון
גאָטס כבוד, ווי דעמאָלט, ווען איך בעט:
„גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד",
דעריבער בעט איך אַזוי אָפט און בעט:
גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! —
— — — — — — — — — —

ווייט ארויף איבער'ן ים האט זיך געזעצט די זון.
איך האָב זיך נאָר וואָס געבאָדען.

נאָכ'ן באָדען האָב א ך מיט אפעטיט געגעסען ברויט מיט קעז און געטרונקען ביר. דערנאָך בין איך ווידער צוגעגאנגען צום ברעג.

ביי מיינע פיס איז דער ים. הונדערטער, טויזענדער מענער און פרוי־ען שווימען אום, טומלען און באָדען זיך ביי דעם גרויסען, לאנגען ברעג. זייערע נאסע, קלוג־געניי־הטע באָד־קליידער קלעפּען זיך צו זייערע לייבער. פון דעם שיין פון דער אונטערגעהענדיגער זון ווערען די פארביגע קליידער נאָך פארביגער און גלאנצען, ווי אטלעס און זייד. איך נעם מיט די אויגען זוכען פריינד, בעקאנטע, וואָס באָדען זיך נאָך. אזוי שטעה איך א ווייל‏ע און פיהל: מיין לייב איז קאלט און שטארק אָנגעצויגען. מיין לייב פיהלט נאָך אויף זיך דעם טעם פון דעם געזאלצענעם וואסער. עס גיט א בלאָז א ווינטעל און מאכט מיך ווידער פיהלען, ווי איך שטעה נאָך אין וואסער, ווי איך ווער אויפגעהויבען און שווים.

מיר איז קאלט. נאָר דאָס עסען און דאָס ביר נעמען מיר שוין וואָרי־

מען די בלומען. אָט דערזעה איך די מיידעל מיט'ן געדיכטען רויטען קאָפּ האָר. מיין רויטע מיידעל וואָס איך האָב ערשט געלערנט און געלערנט די קונסט פון שווימען. זי איז אלע מאָל אזוי גערן געגאנגען צו מיר אויף די הענד, און דערביי אזוי קינדעריש און הילכיג געלאכט. — ס'ארא מאָדנע הויט־קאָליר זי האָט! — לויטער־ווייס, און דאָך עטוואָס גאָלדיג־רויט! און ווי שען עס הענגען לאַנגע ברעמען אריבער קלאָרע בלויע אויגען!

מיר ווילט זיך ארויסרופען די מיידעל, זי אוועקזעצען נעבען זיך.— ווער האָט דיך געבוירען אזא קלאָרע, א גאָלדענע!? ווער האָט דיך געבוירען מיט אזוינע לאַנגע ברעמען און אזוינע בלויע אויגען?! פּלוצלונג דערמאָן איך זיך אבער אָן דיר און אָן איהם... איך ציטער אויף:

— אַה, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

עס הויבען זיך אויף מיינע אויגען. דער לאַנגער ברעג, מיט זיין טונקעלן פּאָס פון טויזענדער מענער און פרויען שווימט מיט אמאָל אָב ווייט אונטער מיר. פאַר מיינע אויגען איז דער אונענדליכער ים. איבער איהם הויבען זיך, ווי שווערע פעלזען, גרויסע, בלויע כוואַליעס, מיט ווייסע שנייאיגע רוקענס, מיט ווייסע שנייאיגע שפּיצען. און איבער זיי וויגט זיך די גרויסע פאַרנאַכטיגע זון. די כוואַליעס שפּרייטען זיך פאַר מיינע אויגען אלץ ווייטער און ווייטער. די זון פאַרבט זייער בלויקייט און ווייסקייט, מיט גאָלד און גאָלד. איך שפּיר: א וואַרימע פייכקייט פילט מיר אָן די אויגען. איך ווייס נישט — פון גליק, צי פון וועה, — קינד! אַך גאָט בעהיט דיך און בעשיץ דיך, קינד!

---

א מעשה פון איינעם, וועמען מען האָט געשענקט א גאָלדענע זון. ער האָט די גאָלדענע זון א שליידער געטאָן אָן דער ערד. די זון איז זיך אין שטיקלעך צעפלויגען. איצט געהט ער ארום זיין גאַנצען לעבען און זוכט די זון, און קלייבט שטיקלעך זון, און וואו נאָר ער קעהרט זיך, און וואו נאָר ער ווענדט זיך, זעהט ער פאַר זיך אין שטיקלעך זיין זון, זיין גאָלדענע זון.

---

פרויען ווייסען נישט פון ליעבע. עס האט א פרוי ליעב איהר געליעב־טען נאר, ביז זי מיינט, אז ער איז פאר איהר דער בעסטער.

---

דיין מאמען — און איך האב פערשטאנען: — אויך דיר, האט זיך געוואלט, איך זאל זיין רייך, א ניט — כאטש א דאקטאר. האב איך גע־שמייכעלט, און אזוי שמייכלענדיג איהם איינמאל פארגעשטעלט פאר דיר:

— „מיינער א פריינד, וואס האט א רייכען טאטען. און... — דא האב איך לענגער צעצויגען מיין שמייכעל — היינט, מארגען ווערט ער דאקטאר."

פון אנהויב האסטו זיך צו איהם, ווי צו אלע אנדערע, פערהאלטען קלוג און אויסגערעכענט. ביז עס האט געטראפען, איהר האט זיך ביידע געבאדען אין דעם אייגענעם וואסער, וואס ליגט איצט ביי מיינע פיס. נאכדעם האט איהר געגעסען און געטרונקען אט דא אין רעסטאראן. א זיסע מידקייט האט זיך גענומען שפרייטען איבער דיין לייב. די גלידער האבען זיך גענומען ציהען, ווי זיי וואלטען זיך ערשט איצט פון וואסער געהויבען, ווי זיי וואלטען זיך וועלען איבערציינגען, אז זיי זיינען שוין נישט מעהר אין וואסער. און דו האסט מיט א שמייכעל צו איהם גע־זאגט:

— מיר דאכט, איך וואלט איצט גאר וועלען כאפען א דרעמעל.

— אויב איהר ווילט — ענטפערט ער געהיט — איז דאך איבער אונז א האטעל.

— א האטעל?! — פרעגסטו איבער, גלייך ווי דו וואלסט נישט פערשטאנען, וואס ער זאגט.

— יא — ענטפערט ער — אט דא גלייך איבער אונזערע קעפ. איבער'ן רעסטאראן. אט די טרעפ פיהרען גלייך אריין אהין.

דו פערמאכסט די אויגען, ווי זיי וואלטען זיך ביי דיר אליין צו־נויפקלעפען... ווי דו וואלסט נישט הערען, וואס ער רעדט. מיט פער־מאכטע אויגען גיסטו א שמייכעל, ווי פון שלאף, ווי פון א זיסען דרע־מעל. און ער איז צו דיר צוגעגאנגען און האט דיך אזוי ווי שטיל אויפגע־

וועקט, דיך געזנומען אונטער דיין שענער רונדער האנד. מיט׳ן זעלבען שמייכעל אויף די ליפּען האסטו געעפענט די אויגען און ארויף מיט איהם אין האַטעל. דאַרטען האסטו זיך גלייך געוואלט לעגען אין בעט.

— איג׳ם קאַרסעט! ? — פרעגט ער פערוואונדערט.

אַ ווײַלע האט איהר זיך איבערגעקוקט. נאָכדעם האַט ער זיך אַב־געקעהרט צום פענסטער. דער פענסטער האַט אַ ליכטיגער ארויסגעקוקט אויפ׳ן ים, אויף די מענשען, אויף די כוואַליעס. ער האַט אראָבגעצויגען דעם טונקעלען פאַרהאַנג איבער׳ן פענסטער. די לופט אין צימער איז גע־וואָרען שוואַרצליך־גרוי. דו ביזט אין דער טונקעלהייט געבליבען שטעהן ווייט הינטער איהם. און אין אַ ווײַלע ארום האַט זיך איבער׳ן צימער דער־הערט דער זיידענער שאָרך פון דיין קלייד. — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ניט נאָר דאָס. ער האָט מיר אויך נאָך אנדערע איינצעלהייטען דער־צעהלט. — ווייל ער האָט זעהר ליעב צו דערצעהלען פון זיינע „גליקען“. ער האָט, אמת, גלייך צוגעגעבען, אז ער איז זיכער, אז מיר ועט, חלילה, ניט איינפאַלען, אז די מיידעל איז איינע פון אונזערע בעקאַנטע....

אָבער יעדעס מאָל, ווען איך הער פון איהם די מעשה, און נאָך מעהר, ווען איך הער פון איהם פיעל אנדערע, עהנליכע מעשיות, ציטער איך אויף און בעט:

— גאָט! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

איך רוף דיך „קינד“. איך וויים, ווי דו דאַרפסט שמייכלען פון דעם וואָרט. דו, אזא שטאָלצע. אָט זעה איך דיך איצט פאַר זיך, ווי נאָך אין יענעם זומער — אין דיין לייכטען זיידענעם קלייד מיט די דינע ברוינע פּאַסען; צוויי ברייטע לאַצען פערצויגען מיט אַ ווייס געוועב שפּריי־טען זיך ביז דיינע ווייך־רונדע אַקסלען און מאַכען פריי דיין שענעם האלז און דאָס גריבעלע, וואָס צווישען די צוויי אביסעל ארויסגעפּרעסטע ברוסט־ביינער, וואָס געבען דיין האלז. און דער קלוגער ענערגישער אויסדרוק פון דיינע אויגען. ארום די קניהען הענגט אויף פּעטלעס אַ ווייסער זייד־דענער שאָרף; די עקען פון שאָרף נעמען ארום די פּיס און זענען צו־גויפגעבונדען אין אַ באַנד ביי דער לינקער פוס. — עס איז דאַן געוועזן

אזא מאָדע. און אַלע שלאַנקע מיידלעך זענען ארומגעגאנגען, ווי געפּענ־טעטע, און זענען דורכדעם נאָך ציטערדיגער און שלאַנקער געוואָרען. און דו שטעהסט פאַר מיר — דיין יעדער קעהר, דיין יעדער בויג איז קלוג און אויסגערעכענט. און איך, איך רוף דיך „קינד"! און בעט: „גאָט, בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!"

---

דו ביזט קלוג און אויסגערעכענט. און ווייל כמעט יעדע מיידעל, בעזונדער יעדע קלוגע מיידעל, ווארט אויף א מאַן, וואָס זאָל זיך „לוי־נען", ווי א הונגעריגע שלאַנג אויף איהר קרבן, בין איך דיך אָפּט חושד, אז דאָן, דאַן האָסטו דאָס איהם פערנאַרט. און ווייל איך ווייס, אז אויך ער איז דיך אין דעם חושד, דעריבער ציטערט אזוי מיין הארץ און בעט: גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! און ווייל דו האָסט נישט געוואוסט, אז דו, די שטאָלצע, וועסט בלויז רייכער מאכען דעם צעטיל פון זיינע „גליקען", בעט איך אזוי שטארק און בעט: — גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

---

אָפּטמאָל, אז איך דערמאָן זיך אָן דיר, אין יענעם שענעם קלייד מיט די גרויסע לאַצען, וואקסט אין מיר אוים א געפיהל, ווי איך וואָלט עפּיס מיאוס'עס אין זיך איינגעשלונגען. דער געפיהל בלייבט אין מיר לעבען אויף א צייט, און איך מייד דיך אוים צו טרעפען חדשים און חדשים. ביז עס טרעפט, עס זאָגט צו מיר מיינער א פריינד, — ער האָט דיך וועןן בעגעגענט, — דו זעהסט אוים זעהר שלעכט, בלאַס, נערוועז, געעלטערט — — — — דאַן ווערט מיר מיט אמאָל שווער מיין הארץ, און ביס־לעכווייז, ביסלעכווייז ציטערט אין מיר אויף איינגאנצען מיין ליעבע צו דיר און צעבליהט זיך ציטערדיג־פּריש און נייגעבוירען. און מיר דאכט— עס פערשפרייטען זיך מיינע הענד, און איך בעט און רוף: — קינד! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

עמיצען מיינעם א בעקאַנטען האָסטו בעגעגענט, און רעדענדיג האָסטו א פּאָר מאָל דערמאָנט מיין נאָמען. אוןביידע מאָל האָסטו דער־

ביי צוגעגעבען, אז דו האָסט מיך שוין אזוי לאַנג, אזוי לאַנג ניט גע־זעהן! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל איך וויים, אז דו האָסט דאָס געטהאָן מיט דעם קלוגען מיין, אז יענער זאָל דאָס מיר דערצעהלען, שמייכעל איך — — — כאָטש מיר ווערט דערפון דריקענד־שווער...

און אויף מאָרגען, איך כאַפּ זיך אויף גאַנץ פריה און פיהל — איך בין מאָדנע גוט אויפגעלעגט. איך פרעג: — וואָס איז מיט מיר? ! וואָס האָט מיט מיר געטראָפען? — אך יא — היינט דארף איך דיך טרע־פען! יאַ היינט — דערמאָן איך זיך, ווי אָן א זאַך, וואָס פערשטעהט זיך פון זיך אליין — — — — כאָטש איך בין, דאכט זיך, זיכער אז איך האָב וועגען דעם גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט.

איך געה אראָב פון בעט. איך מאַך פאר זיך א וואַנע. וואסער! איך האָב אזוי ליעב וואסער! מיין לייב הויבט זיך און בויגט זיך, ציהט זיך און שפּיעלט זיך אינ׳ם פרישען וואסער. דאָס וואסער רוישט און רעדט און שוימט און זינגט און קושט מיין לייב. און אָט דרעה איך אָב ביידע קראַנען און בלייב א ווייַלע רוהיג און הער זיך איין ווי עס מישען זיך די שטראָמען, ווי מיין לייב ריהרען אָן, אָט א ווארימער און אָט א קאַלטער שטראָם. מיינע אויגען זענען ברייט צועפענט און — — — — — איך דערמאָן זיך פּלוצלונג, — איך האָב דיך ערשט געזעהן! — — — — ערשט — מיט עטליכע מינוט צוריק. א פּאָר מינוט, איידער איך האָב זיך אויפגעהויבען פון בעט. דו ביזט געזעסען צופוסענס אויפ׳ן ברעג פון בע־טעל און האָסט עפּיס פעריכט. דאָס איז געווען דיינס א קלייד. ווען דו האָסט דערזעהן, אז איך האָלט אָפען די אויגען, האָסטו צו מיר א גוטען, נעטרייען שמייכעל געטאָן. מיט דיינע ביידע הענד האָסטו אויפגעהויבען דאָס קלייד פאר די קורצע ארבעל — דאָס איז געווען דאָס זיידענע קלייד מיט די ברייטע לאַצען, מיט׳ן שאַרף אויף די פּעטלעס... דאָס קלייד האָט אויסגעזעהן אלט און אָבגעקראָכען...

נאָך דער וואַנע בין איך אוועק צו דער ארבייט.

צו דער ארבייט האָב איך פערשפּעטיגט, אבער מען האָט מיר קיינע בעמערקונגען נישט געמאכט, און איך האָב א גאַנצען פאַרמיטאָג געאַר־

בייט זעהר צופרידען און פלייסיג. ביי דער ארבייט האָב איך אלץ גע־טראַכט און געשמייכעלט וועגען דיר. צו מיטאָג בין איך אוועק צוריק צו מיין אלטען רעסטאָראַן, וואו מיר פלעגען זיך אלע מאָל טרעפען. מיין קעלנערין האָט זיך מיט מיר זעהר דערפרעהט. זי האָט זיך פשוט פער־בענקט נאָך מיר. אויף איהר ווארט זאָל איך איהר גלויבען, אז זי האָט נאָך מיר געבענקט. איינמאָל האָט זי מיין קאָפּ מיט די האָר, ווי ביי א „פּיאַנאָ־שפּיעלער", אפילו אין חלום געזעהן. און פארוואָס בין איך אזוי לאַנג נישט געוועזן?

איך ענטפער איהר שמייכלענדיג: — ווייל איך האָב געוואוסט, אז ווען עס וועט אוועקגעהן אזוי פיעל צייט, וועל איך דיך מיט אמאָל אויף אזוי פיעל שענער טרעפען.

— אָ, איהר מיינט דאָס נישט. — זאָגט זי שמייכלענדיג.

— זיכער, — איהר קוקט איצט אוים א סך, א סך שענער, ווי פריי־הער — זאָג איך.

און זי ענטפערט מיר לאַכענדיג — יאָ, ווען אייער „ליידי פריינד" וואָלט דאָס געהערט!

— איז וואָס וואָלט געוועזן?

— זי וואָלט געוואָרען בלאַס און רויט, ווי אלעמאָל...

— איהר זעהט זי דאָ אָפט? — פרעג איך.

— ניין, נאָך אייך איז זי אהער בלויז נאָך א פּאָר טעג אריינגעקו־מען, נאָכדעם האָב איך זי שוין מעהר נישט געזעהן — און איהר ווייסט, וואָס איך האָב שוין געטראַכט?

— וואָס? — פרעג איך אלץ שמייכלענדיג.

— אז איהר האָט שוין מיט איהר חתונה געהאַט.

— נאָר?... — פרעג איך — און אלץ מיט אזא טאָן, ווי איך וואָלט זיך געשפּיעלט מיט איהר ווי מיט א קינד.

— נאָר — ענטפערט זי, שוין ווערענדיג ערנסטער — אָט דאָ לעצ־טער צוריק איז זי אהער אריינגעקומען, און זי זעהט אוים אזוי שלעכט, אז מיר האָט גענומען באַנג טון פאַר איהר. זי האָט זיך געזעצט ביי אן אנדער טיש און האָט די גאַנצע צייט זיך אומגעקוקט אויף די אנדערע

טישען און אויפ'ן טיר — — האָב איך שוין פערשטאַנען — פערענ־דיגט מיר די קעלנערין שוין ווידער מיט א שטיפערישען, נאַר פיעלדיי־טיגען שמייכעל — אז דאָ איז צרות...

און דערווייל, אזוי רעדענדיג מיט דער קעלנערין, האָב איך איהר איבערגעגעבען מיין בעשטעלונג. איך בין נישט געווען שטארק הונגעריג און האָב אלץ געקליבען נאַשערייען. א פּאָר נאַשערייען האָט מיר מיין צופרידען־שמייכלענדיגע קעלנערין אונטערגעזאָגט, און מיר דערמיט בעוויזען, אז זי געדענקט נאָך גוט מיין געשמאַק. איך בין פון דעם געבלי־בען צופרידען, בעזונדערס, ווען זי האָט זיך צולעצט עפּיס אזוי פּלוצלונג און מיט פרייד צו כאַפּ געטאָן — „יאָ, היינט איז דאָך דאָ „קרעמבערי־פּודינג" !

— טאַקע ? — האָב איך אויסגעשריען א צופרידענער — נו, איז „קרעמבערי־פּודינג" אין סמעטענע און — — —

— און — כאַפּט זי אונטער — טרויבען־סאָק.

— הורא ! — פאַר דיר. — האָב איך אויסגעשריען.

און ווי נאָר די קעלנערין איז אוועק, האָב איך מיט אמאָל און אינ־גאַנצען ווידער גענומען טראַכטען פון דיר, און פון דיר. וועגען דעם, ווי דו האָסט זיך דערנידעריגט און געקומען אהער אין רעסטאָראַן מיך זוכען. דיין שטאָלץ איז מיר דאָך טייער. בעסער בויג איך מיין קאָפּ, אייד־דער דו דיינעם. בעסער בויג איך מיין קאָפּ צעהן מאָל, איידער דיין שע־נער, שטאָלצער קאָפּ זאָל איינמאָל געבויגען ווערען.

דו האָסט דען נישט געוואוסט, אז אויב דו טרעפסט מיך נישט, וועט מיר די קעלנערין דערפון דערצעהלען ? צי אפשר ביזטו אומיסטען געקומען מיט דער אויסרעכענונג ? — — — ביזט אפשר פריהער עטליכע נעכט נישט געשלאָפען, זיך מוטשענדיג און טראַכטענדיג — „צי איז דאָס מעגליך, אז איך האָב דיך שוין מעהר נישט ליעב ?" און אזוי טראַכטענ־דיג און זיך מוטשענדיג, ביזטו מיט אמאָל, און גאָר ווי אָהן דיין ווילען אריינגעפאַלען אהער אין רעסטאָראַן און דערביי געטראַכט : „אפשר טרעף איך איהם פּאָרט." און איך שטעל מיר פאָר, ווי שווער דו האָסט גע־ליטען : אך, קינד ! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד ?

איך האָב אָבגעגעסען. די שווערמוטיגקייט, וואָס האָט זיך אויף מיר געזאָלט ארויפרוקען, איז פערשוואונדען דורך די געשמאַקע שפּייזען און דורך די צופרידענע בעגריסונגען פון עטליכע פריינד, וואָס זענען אָנגעקומען און האָבען זיך געזעצט ביי מיין טיש אָדער נאָהענט צו איהם.

איך האָב גענומען מיין טרויבען־זאַפט און אריינגעגאָסען דעם רויטען זאַפט אין א ניט פולער גלאָז קאַלטע וואַסער, וואָס מיין קעלנערין האָט מיר צו דעם צוועק דערלאַנגט, און האָב אויסגעטרונקען דעם גוטען, קאַלטען טרונק און בין א צופרידענער ארויס אין גאַס.

אין גאַס האָט געבלאָזען א ווינט און האָט בייז געריסען די שילדען, וואָס זענען צעהאַנגען איבער די מויערן. איך האָב מיך דערפיהלט גוט פון דעם בייז־צערייצטען ווינט — כאַטש נעם און צעשפּרייט די הענט און לאָז זיך אריין אין זיינע שווערע כוואַליעס און גלעט זיי! — ווינט! ווייסט? — איך געה זיך איצט בעגעגענען מיט איהר, און טרעף איך זי נישט אין גאַס, רוף איך זי אראָב דורכ׳ן טעלעפאָן — וואָס וועל איך זאָגען? — היינט אויף דער נאַכט שפּיעלט מען דאָך די אָפּערע, וואָס זי האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז זי וואָלט זי וועלען הערען נאָך אמאָל. די אָפּערע, ביי וועלכער איהר רונדער אַקסעל האָט זיך אזוי ווארים און ליעב געפּרעסט אָן מיינעם. איהר שענער קאָפּ האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגען אין איין זייט, און עטליכע איינציגע אָבגעשטאַנענע האָר האָבען לייכט אָנגערירט מיין פּנים... און דערנאָך, געהענדיג אהיים, האָט זי אַלץ ווי אין פיבער גע׳טענה׳עט:

— הייסט דאָך דאָס, אז עס איז פאָרט דאָ ליעבע! אמת׳ע, אייביגע, ליעבע. און דערביי האָט זי ארייגעלעגט איהר האַנד אין מיינער און זיך אָנגעפּרעסט אָן מיר מיט דער זיכערער איבערצייגונג פון אמת, שטענדיג און אייביג... און זי האָט אַלץ ווייטער גערעדט:

— אך מיין גאָט, וויפיעל ליעבע! וויפיעל ליעבע! וויפיעל אמת׳ע ריינקייט און גוטס מענשען פערמאָגען נאָך! זאָל זיין, אז דאָס איז אפילו בלויז אין דער לעגענדע, אבער די לעגענדע איז דאָך אויך אונזערע, אונזערע — —

— ניין — ענטפער איך, דריקענדיג איהר האַנד — נישט די לע־

גענדע איז אונזערע, נאָר מיר זענען איהרע. און וויפיעל מיר ווייסען פון איהר, איז נאָך אַלץ גאָר ניט אנטקעגען איהר גאַנצער גרייס. מיר מוזען זיך אויפהויבען צו איהר, הערען און פאָלגען און לעבען אין איהר נאָמען, דעמאָלט בעהעפטען מיר זיך מיט איהר, דעמאָלט ווערען מיר א טייל פון איהר לאַנד. דעמאָלט ווערען מיר א טייל פון דעם גרויסען לאַנד, פון דעם וואונדערבארען לאַנד, פון דעם לאַנד פון אַלע לענדער...

— א יאָ, ווינט ? !

זיי זאָגען, זי איז שוין מעהר נישט שען. — ווען דער טאָג איז פערוואַלקענט, הייסט דאָס, אז די זון האָט אויפגעהערט שיינען ? — נאַראָנים ! און ווי צופרידען איך בין דאָס פון דעם, וואָס איך וועל זי איצט טרעפען ! פונקט איצט, ווען איך בין אזוי גוט אויפגעלעגט. און אָט ! — צוואנציג טויזענד טייוואָלים אויף די שפּיצען פון דיינע כוואַליעס, ווינט! — שריי איך אויס צום בייזען ווינט א לאַכענדיגער, דערפאַר וואָס איך האָב דיך דערזעהן אַנקומען אנטקעגען מיר.

א ווײַלע בין איך צעמישט געוואָרען און בין שיער נישט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט. נאָר איך האָב זיך געשטאַרקט און בין מיט א גוטען שמייכעל אויף די ליפּען צוגעגאַנגען צו דיר און דיר אויסגעשטרעקט מיין האנד :

— האַלאָ !

— האַלאָ !

ווי נאָר דו האָסט מיך געזעהן, ביזטו גלייך רויט געוואָרען, און ביז דו ביזט צוגעקומען און האָסט מיר דערלאַנגט דיין האנד, ביזטו נאָך צוויי מאָל, איינס נאָכ'ן אַנדערן, רויט געוואָרען. גאָט מיינער ! וואָס פון דיר איז געוואָרען !...

אָבער איך פערגעס דאָס גלייך. דו פרעגסט :

— נו, וואָס הערט זיך עפּיס נייעס ?

— „נייעס“ ? — פרעג איך איבער מונטער — אויף וואָס דאַרף איך נייעס, אז איך האָב נאָך דאָס אַלטע נישט פערגעסען ?...

— איהר האָט, הייסט עס, א גוטען זכרון ?...

— אזעלכען, אז מען וועט איהם אפילו מיט קיין אייזענס פון קאָפּ נישט ארויסשלאָגען.

— איהר זענט, הייסט דאָס, נאַריש ווי געווען.

— נאָך אביסעל נארישער — ענטפער איך.

— נו, און דאָס לעבען?

— דאָס לעבען איז, ווי א פרוי — קלוג און אויסגערעכענט. — רעד איך ארויס, און מיר ווערט מיט אמאָל קאַלט אונטער'ן הארצען.

— דו ביזט בלאָס געוואָרען. און איך האָב א טראכט געטאָן: „וואָלט איך זיך בעסער דעם צונג אָבגעביסען."

איך דערזעה, דו ביזט אין דיין אַלטען באַרדאָ־קלייד, דאָס קלייד אין וועלכען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל ארומגענומען. איך פרוב זיך ראַטעווען און בייט מיט אמאָל אונזער שמועס. איך פרעג:

— וואָס, ביי אייך לעבט נ א ך דאָס קלייד?!

— וואָס איז, עס געפעלט אייך נישט? פרעגסטו א צופרידענע, נאָר מיט א טאָן, מיט וועלכען מען ווענדט זיך צו א קינד.

— אמת גערעדט — ענטפער איך — קען זיין, אז דאָס קלייד גע־פעלט מיר אפשר נים אזוי שטארק. נאָר איך קניה פאַר איהר היסטאָרי־שען ווערט — — — —

דו שווייגסט. און איך גיב א טראכט: גאָט מיינער, וואָס פאַר א נאַר איך בין! און דער ווינט רייסט און בלאָזט, און מיר דוכט זיך, דער ווינט טראָגט אונז כמעט רייטענדיג.

— אָך, צום טייוועל, ווי אלץ איז נאריש, ווי נאריש! — שריי איך אוים פערצווייפעלט.

— וואָס, די וועלט איז נאריש? — פרעגסטו, ווי דו וואָלסט מיר וועלען ארויסהעלפען ארייגצוגעהן אין א בעקוועמערן געשפרעך.

— די וועלט?! — שריי איך אוים מיט א שמייכעל, און כאָטש איך שמייכעל, דערפיהל איך דאָך, אז אין מיר ברענט שוין א ביטערער כעס, און עס נעמט פון מיר איבערגעוואלד רעדען: — די וועלט איז שען, די וועלט איז אונענדליך שען. נאָר די מענשען! מיט זייער קלוג־שאפט, מיט זייער ווערעמדיגען פערשטאנד. זיי זענען אזוי בלאָטיג, אזוי

עקעלדיג! — און בשעת איך רעד דאָס, האלט איך דיך פעסט אונטער'ן אָרעם, ווי איך וואָלט מורא געהאט, אז דער ווינט זאָל דיך נישט אָבריי־סען פון מיר. און איך פיהל, אז מיין הארץ רייסט זיך, אז ניט נאָר מיין מויל, נאָר אינגאנצען מיין בלוט שרייט איצט, אז אָט שפּרינג איך ארויס פון זיך אליין.

איך דערשרעק זיך און גיב מיט אמאָל א שפּרונג אויף א פּלוצלונ־דיגען געדאנק:

— אך, ווי גוט עס וואָלט געווען א גלאטע, גרויע הויז מיט א שווארצען פערד, ערגיץ ביי א ברייטען וועג! א גרויע הויז מיט ווייסע פענסטער, מיט צוויי גרויסע, גרויע זיילען פאר'ן ארייגאנג, מיט א הויכען, ווייסען פאָהנען־שטעקען. און אין דעם הויז וואוין איך און מיין פערד! און דער פערד האָט מיך שטארק און היים ליעב. דעם פערד'ס שווארצע פעל איז דין און גלאט, און זיינע שטארקע פול־בלוטיגע אָדערן פרעסען זיך ארויס פון אונטער דער פעל און שפּרייטען זיך און צוויי־גען זיך איבער זיין לייב, איבער זיינע ענערגישע דינע פיס, איבער זיין שטארקען ברייטען האלז, איבער זיין שענעם קלוגען קאָפּ, ביז זיינע נערוועז־ווילדע נאָזלעכער. און פארנאכט, ווען אויפ'ן הארצען ווערט אומעטיג און שווער, היים איך מיין גוטען שווארצען דיענער מיר אָנזאָט־לען מיין פערד. און אליין נעם איך דערוויל ארומשפּאנען א בער מיין צי־מער, אהין און צוריק — (ביי די לעצטע ווערטער האָב איך דערפיהלט, ווי א גרויל איז אריבער דיין לייב, אבער איך האָב נאָך פעסטער און ווארימער גענומען פיהלען דיין האנד אין מיינער און נאָך מעהר צערייצ־טער און ליידענשאפטליכער גענומען דערצעהלען). — דער נעגער האלט שוין פאר'ן צוים דעם אָנגעזאָטעלטען פערד נעבען די צוויי זיילען. איך, א פערגעסענער, שפּאן נאָך ארום איבער'ן צימער, דער פערד אבער דער־זעהט מיך דורכ'ן פענסטער, נעמט ער הירזשען, בייסט דעם צוים, ווי'ל ניט איינשטעהן אויף איין אָרט. איך דערהער עס און געה ארויס, נעם איבער דעם אומרוהיגען פערד, א ווייל האלט איך איהם פאר'ן צוים און קוק אויף איהם: מיין פריינד! מיין גוטער קלוגער פריינד! (ווידער איז א גרויל אריבער דיין לייב. און איך זעה — דו ווערסט בלאסער, נאָר איך

קאָן זיך נישט אָבשטעלען) — דער ווינט בלאָזט אריבער דעם פערדס גריווע, אריבער זיין קאָפּ — און עס דאכט זיך מיר, אז דעם פערד האָט מיר דער ווינט געבראכט... אויפ׳ן פערדס שטערן איז פאַרהאַן א לענג־ליכער ווייסער פלעק, און אויך אויף זיין בויך איז פאַרהאַן א ווייסער פלעק. און מיר דאכט זיך אָפּט — דער פערד איז ווייס, נאָר מען האָט איבער איהם אריבערגעוואָרפען א שוואַרצע פעל, און אז אָט וועט דער פערד אויפציטערן, א שפּרונג טאָן און ארויספליהען פון זיין שוואַרצער פעל און וועט בלייבען פאַר מיר שטעהן א ווייסער, א לויטערער. אַך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען! — א גרויע הויז ביי א ברייטען וועג, ווייסע פענסטער... איך זעץ זיך ארויף אויף מיין שוואַרצען פערד, און פון ליע־בע צו מיר, גיט אויף איהם אזש זיין דינע פעל א ציטער. מיר פאָהרען אָב, און ווי נאָר איך גיב זיך א בויג צו זיין קאָפּ, שפּיצט ער אויף די אויערן, צעשפּרייט די נאָזלעכער, ציהט זיך אויס און גענמט זיך טראָ־גען איבער׳ן ברייטען וועג. מיר מיידען פעלדער, וועלדער, בערג! — איך פיהל, ווי מיר וואָלטען פליהען איבער׳ן ווינט! זיין בויך איז אויס־געצויגען, זיין גריווע פלאַטערט מיר אין פּנים, איך וויל זיך צובויגען און קושען זיין שעהנעם אויסגעשטרעקטען האַלז. מיין גוטער, קלוגער פערד! — — — — — — — — —

דיין ציטערן, דיין בלאַס ווערען, און אפשר דאָס, וואָס דו האָסט א פערציטערטע געגומען שרייען העכער פון מיר! — „אָבער גענוג שוין, גענוג! — איך הער, איך זעה, ווי איהר לויפט אויפ׳ן פערד! צי דאָס איז נאָך קאַרג פאַר אייך? !...“

איך האָב ארויסגעלאָזט דיין האַנד פון מיינער און האָב זיך אבגעש־שטעלט...

גאָט מיינער! וואָס האָב איך געוואָלט פון דיר? דו ליידסט דען ווענינ? און פאַרוואָס האָט דיך איבערהויפּט אזוי שטאַרק געאַרט און אויפגערעגט די מעשה מיט׳ן פערד? צי איז דאָס מעגליך, אז דו ביזט געוואָרען אייפערזיכטיג? אַך, קינד! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! פאַר׳ן אוועקגעהן האָסטו ביי מיר געפרעגט מיט א כלומרשט־שפּאַ־

סינגע טאָן, ווי דו וואָלסט זיך געוואָלט מיט מיר איבערבעטען, ווייזען, אַז דו ביזט אויף מיר ניט ברוגז:

— פאַרוואָס דערצעהלט איהר מיר נישט עפּיס פון אייערע בעקאַנטע? וואָס מאַכען זיי דאָרט אַלע? איך האָב זיי דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזעהן.

— וועמען מיינט איהר? — פרעג איך.

— איך ווייס, — זאָגסטו מיר אַלץ אין דעמזעלבען טאָן און נעמסט מיר רעכענען דעם, יענעם, און צווישען זיי דערמאָנסטו אויך זיין נאָמען — — —

— אַ, דער רוח האָט נאָך קיינעם פון זיי נישט געכאַפּט — האָב איך דיר געענטפערט גלייכגילטיג. אָבער גאָט מיינער! פאַרוואָס האָסטו אויך זיין נאָמען דערמאָנט? פאַרוואָס האָסטו אויך זיין נאָמען דערמאָנט...

דעם גאַנצען נאָכמיטאָג בין איך געווען זעהר נערוועז. און נערוועזערהייד, האָב איך געאַרבייט פאַר דריי, און אין דער אַרבייט זיך איינגאַנצען פערגעסען. איך האָב געטראַכט:

איך טראָג זיך אויף מיין געשווינדען, שוואַרצען פערד. אָט בין איך אַריין אין אַ געדיכטען וואַלד. איך ווייס, אַז דו האָסט זיך פערבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטען וואַלד. אין מיטען פון דעם גיכסטען לויף הויבט זיך אַ פּאָר מאָל אויף מיין פערד אויף די הינטערשטע פיס, שפּרינגט מיט מיר אַריבער טיעפע גראָבענס און לויפט מיט מיר אַלץ געשווינדער און ווייטער, ביז — אָט זענען מיר אַרויף אויף אַ ברייטען פרייען וועג. און אָט געהסטו אַרוים אויפ'ן וועג. געהסט און ווילסט, איך זאָל דיך אָניאָגען, אָבער מיין פערד לויפט און קען דיך ניט אָניאָגען. מיין פערד רייסט זיך פון דער הויט. אָט, אָט — און איך בין שוין נעבען דיר. באַלד אָבער ווערסטו ווידער אויף אַזוי ווייט פון מיר, ווי פריהער. איך וואָלט זאָגען, דו אַנטלויפסט — אָבער לויפען קענסטו נישט, אפילו ווען דו וואָלסט וועלען. ווייל דער ווייסער זיידענער שאַרף איז אַרומגענומען נאָך עטוואָס נידעריגער פון דיינע קניהען. און דערצו זעה איך — דו שטעלסט זיך נאָך פון מאָל צו מאָל אומיסטען אָב. אָבער ווי נור איך קום, ווערסטו

ווידער ווייט פון מיר. קינד, אַך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! איך פיהל, אז אין מיין פערד שלאָגט שוין די לעצטע מאָס כח. די אויגען ביי איהם און אויך ביי מיר גיסען זיך אָן מיט בלוט. — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין וואלד איז נאכט. עס שיינט איבער איהם די לבנה, א פולע, א רונדע. איהר זילבער שפינט זיך אין דער לופט אויפ'ן ברייטען וועג. וואס צווישען די בוימער, איבער וועלכען מיר פאָהרען. דער פערד איז נאס און מיעד און ניסט פון מאָל צו מאָל. און גאָט! ווי שען עס פאסט דיר אָט דאס זיידען קלייד! ווי רייך עס שפרייטען זיך אָט די צוויי גרויסע, מיט ווייסען געוועב פערצווייגענע לאצען! ווי גוט און ווי וואַרים עס פיהלט זיך פון אונטער'ן גלאטען זייד דיין רונדע ווייכע האנד און דיין שטאָלצער פרייער האלז! ווי שען דו ביזט איצטער ביים שיין פון דער לבנה!... צי זעהט אונז איצטער ווער? — גאָט! צי פערגיט ער שווערע זינד? — קינד, די שווערסטע זינד זענען די, וואס מען קאָן זיך אליין נישט פערגעבען. זיי זיך אליין, קינד, מוחל דיין זינד און דאָן ווערסטו ריין געלייטערט, און דו ביזט מעהר פאר קיינעם ניט זינדיג. זעה נאר, אָט קומען מיר דאָך שוין פון וואלד ארויס! אָט איז דאָך שוין אונזער גלאטע, גרויע הויז. זעהסט, ווי הויך און שען עס פלאטערט די גרויסע פאָהן אויף אונזער ווייסען פאָהן־שטעקען? איך האָב פאר'ן אָבפאָהרען אנגעזאָגט, מען זאָל פערציהען די פאָהן. איך האָב געוואוסט, אז היינט קום איך צוריק מיט דיר — עמיצער האָט זיך איבער מיר לעצטע נאכט געבויגען, אין איין האנד האָט ער געהאלטען זאלץ און ברויט, אין דער צווייטער א קלאָרע ווייסע גאנז, און האָט געזאָגט: — גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

איך האָב געטראכט:

ווי שרעקליך דו זעהסט איצטער אויס! און איך האָב נאָך היינט אין דערפריה זיך געבאָדען, זיך פארפומירט. איך באַר זיך דאָך אלע מאָל בלויז אין אוונער. פארוואס האָב איך דאָס פלוצלונג היינט געטאָן אין דערפריה? כדי איך זאָל דיך בעסער קענען רייצען מיט מיין פרישקייט, מיט מיין מונטערקייט? „ווי בייז, ווי שלעכט איך בין!“ שריי איך אויס

מיט כעס. און פּיהל ווי זיך איינצובייסען אין מיין אייגען לייב. און פיהל, אַז מיינע אויגען ווערען פול מיט טרערען — — — און פארוואס האָב איך זי נישט געבעטען אויף היינט אין אפּערע? — אך, וויים מיך דער שווארצער יאָהר! און פארוואס האט זי דערמאָנט זיין נאָמען? איז דאס געווען א צופאל? — „א צופאל! — ביי איהר א צופאל!“ — שרייט עס אין מיר אוים מיט גאל, און עס נעמט מיר ווערען פראסטיג־קאלט. איך נעהם טראכטען פערשיידענע וועגען, ווי, און פארוואס דיר האָט זיך געלוינט צו דערמאָנען זיין נאָמען. און פּלוצלונג שטעל איך זיך מיט שרעק אָב אויף דעם געדאנק:

„ווי, אַז זי זוכט דאָס נאָר צו ווערען ווידער נאָהענט מיט מיר, ווארים דורכדעם וועט צו איהר ווערען נעהענטער דער קרייז פון מיינע בעקאנ־טע, און דאן וועט זי, מעגליך, אויך איהם טרעפען?! — — — כא, כא! אזוי גאר! איז דאָס מעגליך, אַז דיך לאָקט די זינד? צי דו האָסט דערביי אפשר אנדערע מיאוס'ע, ווערעמדיגע אויסרעכענונגען?“ — — — — —

איך האָב געטראכט:

„זינד! מ'ט וואס בין איך אזוי זיכער, אז זי האט געזינדיגט? אפשר האָב איך זיך דאָס די גאנצע מעשה בלויז איינגערעדט?! דאָס אלץ איז דאָך בלויז געבוים אויף מיין אָנשטויסען זיך! קיינער האָט דאָך דאָס מיר אויף קלאָר נישט געזאָגט! אפשר שרייב איך דאָס איהר אומזיסט צו א מעשה, וואס ער האָט מיר דערצעהלט? און ער קאָן דאָך איבערהויפּט דערצעהלען א ליגען. ער האָט דאָך מיר שוין א פּאָר מאָל איבערגעביטען די אייגענע געשיכטע: אָט איז דאָס פּארגעקומען בייטאָג און ביים ברעג ים, און אָט — נאָר שפּעט ביינאכט, נאָכ'ן טעאטער און אין שטאָדט. פארוואס האָב איך זיך ארייננענומען אָט דעם נארישען געדאנק אין קאָפּ? פארוואס וויל איך נים טראכטען, אַז אפשר האָט זי איהם ליעב?“ —

„ליעב!“ שרייט עס אין מיר אוים מיט א ביטערען געלעכטער. — ז י האָט א י ה ם ליעב?! און אפשר? ווער וויים? ווער קאָן דאָס וויסען די וועגען פון א פרוי? און פארוואס דאכט זיך מיר אוים, אַז מען קאָן זיך אין איהם נישט פערליעבען? און וואס איז דען ביי א פרוי ליעבע? אַמאָל ווילט זיך א פרוי ווערען די ווייב פון דעם, וואס זי האָט ליעב,

און אמאָל ווילט זיך איהר פערליעבען אין זיך דעם אָדער יענעם צוליעב א געוויסער אויסרעכענונג. און בפרט נאָך אזא מיידעל, וואָס פערמאָגט א ניכטערן פערשטאנד, ווי זי. א מיידעל, ביי וועלכער בלויז א סענטי־מענטאלע אָפּערע רופט ארויס געדאנקען, אז אפשר איז פאָרט דאָ ליעבע? — איז פארוואָס זאָל זי זיך פערבינדען מיט אזא נאָר, ווי איך? ! פאר־וואָס טאקע ניט בעסער ווערען די ווייב פון א קלוגען, צי כאָטש פון א מאן א דאָקטאר? — — — אבער זי איז דאָך אזא שטאָלצע, און זי ווייס דאָך געוויס, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן פון זיינע „טרעפונגען!" — אבער וועלכער מאן איז ריין? און וועלכע פרוי איז דאָס אויך אזוי פיעל שטאָלץ? — — —

און ביידערנאכט אין מיין צימער. איך דרעה זיך ארום ארויף און אראָב, און טראכט: — צי וויים איך יאָ, צי וויים איך ניט?

איך דערמאָן זיך: מיר זענען געזעסען א קאָמפּאניע פון עטליכע פריינד, עס איז געקומען צו רייד, און איך האָב זיך אָבגערופען: עס זענען פארהאן מענער געזונטע, ניט קיין מיאוס'ע, נאָר עפּיס אזעלכע ווייבע, פרויען קאָנען זיך אין זיי קיינמאָל ניט פערליעבען. נאָר עס זענען פאר־האן גענוג פרויען, וואָס ווילען זינדיגען, זיי בענוצען זיך מיט אָט די מע־נער. און די ווייבע יונגע לייטלעך געהען נאָכדעם ארום מיט'ן געדאנק, אז זיי האָבען „ערפאָלג" ביי פרויען. ע ר איז אויך דערביי געזעסען. און דו — ווען איך האָב דאָס געזאָגט, האָב איך זיך גאָר אָן דיר פערגע־סען — נאָר פּלוצלונג דערהער איך דיין נערוועזען, כמעט היסטערישען לאכען, איין האנד האלסטו אויפ'ן ברוסט עטוואָס העכער פון קאָרסעט און בויגסט זיך אזש אויף די זייטען פון לאכען. איך קוק דיך אָן. דו ווערסט בלאס און רויט און כאַפּסט אָן מיין האנד און שרייסט:

— אויסגעצייכענט! אויסגעצייכענט! — — — — איך האָב זיך דערשראָקען. קינד! דו ביזט דאָך אלע מאָל אזוי קלוג, און דאָ פּלוצלונג — אך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

איך האָב דיר א שארפען דריק געטהאָן ביים האנד. דו האָסט א צי־טער געטאָן, און אָבגעריסען דיין לאכען אין מיטען. איך האָב געוואָלט פערגלעטען, און פרעג זיך, ווענדענדיג צו דיר מיט א שפּאסיג־פרעהליכען געלעכטער:

— אינטערעסאנט! — וואָס איז אייער מיינונג וועגען פרויען?!

— וואָס? איהר אינטערוויואירט?!

— יאָ.

— אָ, ווען פרויען וואָלטען הערען מיין מיינונג וועגען זיי, וואָלטען זיי מיך געלינטשט. — זאָגסטו אָב.

— נו, און פון זיך? — פרעגט ער ביי דיר.

— פון דאָ זענענדיגע רעדט מען נישט — מישט זיך עמיצער אריין.

— וואָס איז, איהר מיינט, איך בין קיין פרוי נישט? — איך בין אַ פרוי, — זאָגסטו אָב מיט אַ טאָן, ווי דו וואָלסט אונז אלעמען פערזידיגט.

ווי דו וואָלסט אונז אלעמען פערזיכערט און געוואָרענט.

— קומט דאָך אויס — זאָג איך — אז אייער מיינונג וועגען פרויען איז ניט פיעל בעסער פון מיינער?

— בעסער געוויס נישט—ענטפערסטו, נישט קוקענדיג אויף מיר.

און די אלע ווערטער דיינע ווערען בעגלייט מיט אַ קלוגען חנ׳עורדיגען פרויען - שמייכעל. דו זעהסט מיר אויס, ווי אַ יונגע שטאָלצע קיניגין, וואָס זיצט אויף איהר טראָן און קיניגט, און געוועלטיגט, און משפט.

דאָס אלץ איז געווען נאָך אין יענעם זומער. און געווען איז דאָס שוין דעמאָלט, ווען דו פלעגסט מעהר שוין קיינמאָל ניט וועלען מיטפאָהרען באָדען זיך ביים ברעג פון ים. פארוואָס ביזטו פער׳עקשנ׳ט? פארוואָס ווילסטו אהין ניט פאָהרען מעהר? — — — אָט, האָב איך זיך דאַרטען ניט לאנג צוריק געבאָדען. איך האָב זיך דאַרטען באָדענדיג בעקאַנט מיט אַ שענער גאָלדענער מיידעל. איך האָב נאָכ׳ן באָדען געשמאַק געגעסען און געטרונקען. און נאָכדעם בין איך ווידער צו צום ברעג. מיין גאָלדען מיידעל האָט זיך נאָך געבאָדען. איך זעה, זי שטעלט זיך אָב. זי דרעהט ארום איהר גאָלדענעם קאָפּ — זי זוכט מיך. „קום אהער, מיין ליעבע מיידעל! ווער האָט דאָס דיך געבוירען אזא קלאָרע, אַ גאָלדענע?“ נאָר פלוצלונג דערמאָן איך זיך אָן דיר, און דער ברעג מיט דער מיידעל, מיט זיינע טויזענדער אנדערע פרויען און מענער, שווימט מיט אמאָל אוועק

ווייט אונטער מיר. פאַר מיינע אויגען איז דער ים. אויף מיילען און מיי־לען קאַטשען זיך לאַנגע גרויסע כוואַליעס, וואָס שפּריצען מיט שניי און מיט זון. דאָ און דאָרטען פליהען אום ווייסע ים־פויגלען, זעצען זיך אויף די כוואַליעס, פּאַטשען אויף און פליהען ווייטער. איך בין אינגאַנצען ווי פערפרוירען. נאָר וואַרים זענען מיינע אויגען, וואַרים איז מיין האַרץ, און איך ציטער און בעט פאַר דיר, קינד. — אַך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

---

ס'איז איצטער שפּעט ביינאַכט. איך שטעל מיר פאָר:

עס עפענט זיך שטיל די טיר פון דיין חדר. עס קומט אריין דיין מאַמע מיט א ליכט אין האַנד. זעהן, צי ס'שלאָפט כאָטש היינט איהר קינד. דו האָלסט צוגעמאַכט דיינע אויגען — עס זאָל די מאַמע מיינען, אַז דו שלאָפסט. זי בויגט זיך איבער דיר: אַך, גאָט! זעה, וואָס זיי האָבען געמאַכט פון מיין קינד! זי דערמאָנט מיין נאָמען, אפשר אויך זיינעם, און שעלט אונז מיט ווילדע פינסטערע יאָהרען. דו ציטערסט אויף, עפענסט דיינע אויגען! — אַך, מאַמע! מאַמע!

— קינד! — גאָט איז מיט דיר! אַך האָב געמיינט, דו שלאָפסט... איך וועל מעהר נישט שעלטען... איך ווין נישט, ניין! שלאָף איין, מיין קינד. דו דאַרפסט דאָך מאָרגען פריה אויפשטעהן! אַך קינד! גאָט בע־היט און בעשיץ דיך, קינד!

---

עס איז שפּעט ביינאַכט. אויף מיין טיש שטעהט אויף א קופּערנעם פּיעדעסטאַל אן אומבעצוימטער ווילדער פערד פון קופּער — א מתנה פון א פריינד.

עס זעהט אויס — עס איז געוועזן פאַרנאַכט, ארויף איבער דער ווילדער סטעפּ, ביים ברעג, וואָס גרעניצט זיך מיט'ן הימעל, האָט זיך אין איהר גאַנצער גרויס צעשפּיעלט א גרויסע זון. א שאַרפער בענקען האָט דאַן גענומען רייצען די הייסע בלוטען פון דעם ווילדען, שטאַרקען פערד. ער האָט אויפגעשטעלט די אויערן, ווי עפּיס האָרכענדיג, ער האָט אויס־געגלאָצט זיינע אויגען, ווי עפּיס זעהענדיג. ער האָט אויסגעצויגען זיין

לענגליכען, רונדען קערפּער, האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז, צעעפענט דאָס מויל און האָט זיך פון טיפען וועה הילכיג־הויך צעשריען. נאָכדעם האָבען זיינע שטאַרקע פיס גענומען בייזן און מיט כעס רייסען און שליי־דערן די ערד פון אונטער זיך, און אָט איז ער ווידער געבליבען שטעהן. בייז א הויב געטאָן דעם קאָפּ און גענומען קוקען ווייט פאר זיך: באַלד רייסט ער זיך מיט פערדראָס אָב און לאָזט זיך א צערייצטער לויפען איבער דער וויסטער ווייט, ווי ער וואָלט וועלען זיך אַברייסען און ארויּ־בערשווימען די ערד און אריינפליהען מיט אמאָל ערגיץ ווייט אהין אין דער בלויקייט. א מינוט, א רגע, איידער ער רייסט זיך אָב, האָט איהם עמיצער ווי א לעבעדיגען אין קופער געגאָסען.

עס איז שפּעט ביינאכט. דאָס ליכט דערברענט. איך קוק זיך אום. דעם פערדס שאָטען איז אין א פאַרגרעסערטער גרויס ארויפגעשוואומען אויפ'ן וואַנט, וואָס אנטקעגען מיר. א ווײַלע קוק איך דערויף, דערנאָך גיב איך א שמייכעל, הויב זיך אויף און פערלעש דאָס ליכט. דער שיין פון דער לבנה שפּארט זיך אריין דורכ'ן פענסטער, אין מיין צימער, שפּיגעלט מיר אוים אויפ'ן וואנט דעם בלומען־טאָפּ מיט די שוין לאַנג פערדאַרטע בלו־מען. א ווײַלע קוק איך אויף די אויסגעשאָטענע בלומען — ווי שאַרף זיי זעהען זיך אָן אויפ'ן וואַנט! ווי זיי וואָלטען אויף איהר געוואַקסען. באַלד קעהר איך זיך אָב און געה צו צום פענסטער. דאָס פענסטער קוקט ארוים אויף טויזענדער און טויזענדער טורעמס און דעכער, וואָס שימערן אין בלויקייט און לבנה־שיין.

איך וואָלט וועמען איצט דערצעהלען א מעשה פון איינעם, וואָס האָט געהאַט א גאָלדענע זון — ווי ער האָט זיין זון צו דער ערד געשליידערט, זי אין שטיקער צעבראָכען, איצט געהט ער ארום זיין גאַנצען לעבען און קלייבט, ווי א בעטלער, שטיקלעך זון, — שטיקלעך זון — — — — נאָר ניין. — זילבער־ווייסע שטראַהלען, שטראַהלען פון דער אייביגער מעשה, וואָס שפּרייט זיך הויך און ווייט, אין דער בלויקייט, וואָס איבער אַלע־מען, הענגען אין א רינג הויך איבער מיין קאָפּ. איך זיץ ביים פענס־טער. דו קומסט אריין און זעצסט זיך שטיל און איבערגעגעבען נעבען

מיר. לעגסט אַרויף דיין האַנד אויף מיין אַקסעל, שפּאַרסט אויך צו דיין קאָפּ. שטיל. דער רינג איבער מיין קאָפּ ווערט גרעסער, ווערט גענוג פאַר אונז ביידען. שלאָף איין, מיין קינד. שלאָף איין. זיי רוהיג. — גאָט בע־היט און בעשיץ דיך, קינד.



# דאַס גאָלדענע אינגעלע

(אַ קאַפּיטעל פון: „אַמאָל איז געווען אַ נאַר“).

זיין האַרץ האָט זיך אַזוי נאַריש און ווילד געראַנגעלט, און פון מאָל-צו-מאָל פלעגט ער אין זיך דערהערען משוגענע אויסרופען אַז ער פלעגט אויפציטערען פון כעס.

פּלוצלונג פלעגט ער אין זיך דערפיהלען אַ בעוועגונג ווי עפּעס וואָס איז הונגעריג און ווילד-צורייצט וואָלט אין איהם מיט אַמאָל אויפגע-שפּרונגען און זיך צושריגען אַזוי מורא'דיג, אַז עס דאַכט זיך אַט-אַט, און עס פּלאַצען איהם די אָדערען אין האַלז:

— איך בין דאָך אַזוי טייוועליש יונג און איהר לייב איז דאָך אַזוי ווי אַ ליכט פאַר די אויגען, אַזוי ווי אַ ליכט פאַר די אויגען!

און אַט דערזעהט ער זיך מיט איהר אין אַ ליכטיג-בעלויכטענעם צימער. אַ האַלב אָפענע טיהר פיהרט אין אַ צווייטען, אַ טונקעלען...

זי איז אין איהר לייכט-געקעסטעלטען קלייד, וואָס מאַכט זי אַזוי בשופ'דיג-יונג און אַזוי שלאַנגיש-גראַציעז.

זיי ווייסען ביידע, אַז געקומען זענען זיי אַהער צו פערברייגנען אַ נאַכט, אַ משוגענע, אַ ווילדע.

דאָס ווייס אַפילו די הויט אויף זייערע לייבער...

נאָר איידער זיי שפּאַנען אריבער אין'ם טונקעלען צימער כאַפּט ער אַן מיט זיינע ביידע הענט איהר שעהנעם קאָפּ. אַן אויפרעגענדע וואַרעמ-קייט פילט מיט אַמאָל אָן זיינע אויגען און נעהמט פון זיי אַרויסשטראַה-לען מיט אַ פייכטען גלאַנץ:

רחל, רחל! צו ווייסטו וואָס מיר געהען דאַ טהאָן? צו ווייסטו

אז עפּעס ריינס און אונשולדיגס, עפּעס אזוינס, איבער וואָס מיר האָבען אזוי קינדעריש געציטערט, וואָס מיר האָבען אזוי פיעל יאָהרען לאנג גע־היט, וועט זיך איצט מיט אמאָל אַפּרייסען פון אונז און וועט אוועק־פליהען!? רחל, רחל!...

און פּלוצלונג. א ווילדער ריס, א ווילדער כאַפּ, ווי אין איהם וואָלט א ווילדער לייב, א ווילדער טיגער אויפגעשטאַנען...

און ווי ווארעם, און ווי דין עס איז די הויט פון איהר לייב!

— מיין פריינד! מיין ווארעמער, מיין צארטער פריינד!

„מיין קלאָהרער, מיין ווייסער, מיין לויטערער פריינד!

„מיין רחל! רחל!!

און מיט וויפיעל ליעבע עס דרינגט אריין אין אלע זיינע אַדערען דאָס ווארימע ציהען זיך פון איהר באַזיידיגטען לייב...

„מיין שעהנער, מיין ריינער, מיין ליכטיגער פריינד!

---

קלוגע מענשען זאָגען, אז דאָס זענען נאַרישע ליידען. אז די צייט און דאָס לעבען צורייבען אזעלכע זאכען אין שטויב.

„קלוגע מענשען"! ווי גוט זיי ווייסען דאָס פון אלץ, און ווי וואויל עס איז זיי ווייל זיי ווייסען. ער אבער ווייסט, אז ער איז א נאַר. און אז ווען אפילו צייט און לעבען זאָלען דאָס אין שטויב צורייבען, וועט ער זיך געוויס אינ'ם שטויב באָדען, וועט ער זי געווים זיך פונ'ם שטויב פון דאָס ניי בעשאַפען, און ווידער וועט זי פאר איהם שטעהן א ריינע, א שעהנע, און ווידער וועט זיך זיין בלוט אזוי אויפקאָכען. און אויפציטערען וועט דאָס הארץ און רופען: מיין רחל! רחל!! מיין פריינד! מיין ווארעמער, מיין ווייסער, מיין שטאָלצער פריינד!

---

און ווי האָט דען אנדערש געקאָנט זיין?

זי איז דאָך ניט קיין פשוט'ע מיידעל, וואָס קאָן זיך פערליעבען גע־זונט און שטארק, זי איז דאָך א מיידעל וואָס ווייסט אז דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה... אמת, די ביכער און דער עולם צווישען וועלכען זי האָט זיך געדרעהט, האָבען זי געמאכט אביסעל אונבעהאָלפען, וואקלענדיג.

איהר האט זיך גענומען וועלען עס זאל זיין אזוי און ניט אזוי... און פאר וואס טאקע ניט אזוי?... פאר וואס אבער יא אזוי?...

ליעבע, פערשטעהט זיך, איז זעהר א גוטע זאך, און זיינע פייער־דיגע בליקען, און זיינע הייסע קושען, און זיינע ליידענשאפטליכע ארומ־נעהמונגען, דאס איז דאך טאקע אזוי געזונט און גוט. ער פערמאגט דאך אין זיך אזוי פיעל ליעבע. נעבען איהם ציטערט זי דאך טאקע אזוי אפט אויף און ווערט אזוי אפט רויט... און דערצו טאקע — פארט א״א בחור!... אבער ווער ווייס צי פון איהם וועט נאך עפעס ווערען?... ווער קען ווי־סען?... אפשר יא, און אפשר ניט. און טאמער טאקע ניט?... און דא מאכט זיך איהר אזא פאסענדער מענש... און פונקט דאן פאלט איהם נאך גאר איין אויפצוגעבען דעם אוניווערסיטעט!...

ווי דערשראקען און ווי בלאס זי א״ז דאס פונדעסטוועגען געווארען ווען זי האט דערהערט, אז ער האט טאקע פערלאזען דעם אוניווערסי־טעט.

אבער שמעון!... וואס הייסט!? — פרעגט זי איהם איבער ווי אן אונטערגעשאסענע.

ער ענטפערט ניט. קוקט זי בלויז אן מיט א פערשמייכעלטען ערענסט. זי זעהט דאס שלעכט און רעדט זיך ווייטער, ווערענדיג אלץ בלאסער, אויפגערעגטער.

— וואס הייסט איהר פערלאזט א׳צט דעם אוניווערסיטעט!?...

עס איז דאך שוין אייער לעצטער טערמין, איהר האט דאך סך הכל בלויז נאך עטליכע וואכען... ווי פאלט דאס אייך גאר איין?... פטר'ן אן אר־בייט פון יאהרען מיט איין — — — —

און פלוצלונג בלייבט זי שטעהן, קוקט איהם אן... און ווערט מיט אמאל רויט... און אט שפרינגט זי אויף:

— כא־כא! אייך, אפנים, דאכט זיך נאך אלץ, אז דאס לעבען א״ז א מעשה... און דערביי האט זיך איהר פיגור אזוי שלאנגיש א ציה־גע־טהאן, ווי זי וואלט אינגאנצען געוועזן פון שלאנגען־רינגען.

ער בענעגענט זיך מיט איהרע בליקען און זאגט שמייכלענדיג:

— נעהמט ניט פאר אומגוט מיין שמייכעל, דאס איז איבער א פוס־

מער נאַרישקייט: — אַ קלוגער האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַז ניין־און־ניינציג פּראָצענט פון אונזערע היינטיגע מיידלעך קענען ווערען ווייבער פון, כמעט, יעדען מאַן, — נו, שמייכעלט זיך מיר...

זי האָט אויפגעציטערט און איז באַלד דערוויף, שמייכלענדיג, ווידער רויט געוואָרען, זיך נאָך שלאַנגישער און שטאָלצער אַ בויגיגען ציה געטהאַן, איהם אָנגעקוקט אַ ווײַלע און שמייכלענדיג, שטאָלץ פערלאָזט דאָס צימער.

נאָך דעם האָט ער אַ לאַנגע צייט געלאַכט פון זיך אַליין:

אט האָסטו דיר, דו נאַרישער בחור! אַזוי פיעל יאָהרען געוואַרט און געביינקט, געציטערט און געהאָפט און געגלויבט, אַז דאָס איז די געשטאַלט, אַז דאָס איז דער חלום פון דיין יוגענד, און איצט איז פון דיין איין ריהר אַלץ צושאָטען געוואָרען. ניטאָ... גאָר ניט... כאַ־כאַ! און וואָס איז מיט דיר, דו נאַרעש האַרץ?... עס איז דאָך שוין מעהר גאָר ניטאָ!?

דאָס האַרץ אַבער האָט זיך צעוואָרעמט מיט עפּעס אַ מין פאַרבי־סענער, צוגליהטער ביטערקייט, און די ביטערקייט האָט גענומען שטראָ־מען אין אַלע אָדערען.

— ס'אַרא נאַרעש האַרץ, ס'אַרא נאַרעש האַרץ!

און אַזוי האָבען גענומען געהן טעג נאָך טעג.

עס טרעפט — ער איז, דאַכט זיך, פערנומען מיט דער אָדער יענער אַרבייט, צו מיט דעם אָדער יענעם מענשען, פּלוצלונג אַבער דערפיהלט ער — דאָס האַרץ ברענט, ווי עס וואָלט געוועז אָנגעפילהט מיט צוגליה־טע קויהלען און אט ווערט דאָס מיט אַמאָל פערפרוירען און נעהמט אַזוי שטעכעדיג פרעסען, ווי עס וואָלט אַ שאַרפע שטיק אייז געוועז... אָדער עס צוגעהט און ווערט גאָר אינגאַנצען צושוואָומען. אַ לייגערע צייט איז גאָר ניטאָ קיין האַרץ... און אט זוכט זיך דאָס ווידער אָפּ... ער וואָלט אַרויסגענומען דאָס האַרץ און וואָלט דאָס אוועקגעגעבען דער קאַץ, די קאַץ וואָלט דאָס געפרעסען און ער וואָלט דערביי געשמייכעלט:

— זאָל זי דיך פרעסען, זאָל זי דיך פרעסען!

און אַלס צוגאַב צו די טעג, האָבען גענומען געהן בייזע שלאָפלאָזע נעכט!

נאכט נאָך נאכט ליעגט ער דורך אין בעט מיט פערמאכטע אויגען, ווי א פער׳חלום׳טער, א פערוועבטער אין עפּעס א געדיכטער גאָלדענער נעץ, די נעץ וועבט זיך ארוים, ווי א גאָלדענער שפּינוועב, פון די ווענט, פון דער סטעליע און דערגרייכט ביז איהם. און ער ליגט געדאנקענלאָז, ווילענלאָז. זיינע געדאנקען און זיין ווילען האָבען זיך פערפּלאָנטערט אין דער געדיכטער גאָלדענער נעץ. און ער קאָן אפילו מיט קיין האנט ניט קיין ריהר טהאָן, און קאָן אפילו קיין אויג ניט עפענען... און די נעץ צוגליהט זיך נאָך אזוי, אז עס טריקענט דאָס בלוט, עס טריקענט זיך דער מארך אין די ביינער.

און אזוי נאכט נאָך נאכט.

און עס טרעפט, אז ווען ער קומט אין אבענד אהיים און דערזעהט די בעט דערשרעקט ער זיך פאַר איהר... און ער לויפט א צורייצטער ארוים אין גאַס.

— אָבער וואוהין?

— און פאַר וואָס?

— און צו וועמען?

— כאַ־כאַ!

און די גאַס איז ברייט און לאנג און איז פול פערפלעקט מיט מענשען...

און פאַר וואָס האָט ער ביים ארויסגעהן אאז שטארקען קלאַפּ געטהאָן מיט דער טיהר?...

מיט אמאָל אָבער האָט זיך אין איהם אַלעס געענדערט!

ער איז רוהיג און געלייטערט געוואָרען.

גראַד דעמאָלט, ווען ער האָט שוין פערשטאַנען אז אַלעס איז שוין פערלאָרען, איז זי ווי דורך א כשוף צו איהם געקומען, איז זי ווי דורך א כשוף מיט איין מאָל און פאַר אַלע מאָל זיינע געוואָרען...

אָט געהט ער צו צום שפּיגעל, קוקט אין איהם אריין און דערזעהט אין שפּיגעל איהרע אויגען!

— גאָט מיינער! — דאָס זענען דאָך טאַקע רחל'ס אויגען. לענגליכע קלאָהרע ווייסלען, פון וועלכע עס פּרעסען זיך שאַרף ארוים צוויי שפּי־לעוודיגע, טונקעל־ברוינע וויינשעל, מיט טיפע שווארצע אפּלען!...

און ער קוקט אויף די אויגען, קוקט און וואונדערט זיך — ווי שטאַרק איהרע אויגען קוקען דאָס ארוים פון זיינע...

און ער דערזעהט און דערפיהלט זי אין זיך, זי קוקט דאָס איצט ארוים פון איהם..

און ביי דער נאכט אויף זיין געלעגער, ער שלאָפט נאָך ניט. פּלוצ־לונג גיט זיך אין איהם עפּעס מיט אמאָל א שלאַנקען, א ווילדען ריס. דאָס האָט זי זיך אין איהם אזא ציה געטהאָן, ער איז דאָס בלויז א מין געוועב אין וועלכען זי האָט זיך ארייננגעוועבט און אָט האָט זי זיך איינ־געווארעמט אין איהר געוועב און זיך מיט אמאָל א ציה געטהאָן, ווי איהר וואָלט זיך וועלען גרעסער ווערען, ווי איהר וואָלט זיך וועלען בע־סער דערפיהלען דאָס געוועב ארום זיך.

---

נאָר איין מאָל אין אָוועגד, אויפ'ן פּייער פון דער לאָמפּ זיינען שוין א סך שעה'ן פערברענט געוואָרען. קוקט ער זיך אום — — — — און דערפיהלט אויף זיך בלויז, זיין אייגען לייב, זיינע אייגענע ביינער — ער איז מיעד, צובראָכען. יאָ דאָס איז דערפאר וואָס ער איז מיעד, צו־בראָכען.

ער הויבט זיך אויף, גיט א קנייטש מיט די אקסלען:

— איך בין קראַנק? צי דער טייוועל ווייסט וואָס מיט מיר איז!?

ער פערלעשט די לאָמפּ און לאָזט זיך צום בעט „אהן איהר“...

ווי נאָר ער ליגט זיך אריין אין בעט און מאכט צו די אויגען, בע־וויזט זיך פאר איהם א קליין, שמייכלענדיג אינגעלע — — — — — — —

ארום איז פינסטער, נאָר דאָס אינגעלע פּרעסט זיך ארוים פון דער פינסטערניש קלאָהר און לויטער און שמייכעלט און רייסט מיט איין הענטעל דעם עק פון א קלאָהר ווייסען לייבאָך, וואָס עס האָט פון קאפּריז און פון חן וועגען אריינגענומען אין מויל אריין, און דאָס צווייטע הענ־טעל טראָגט עס צו זיינע ליפּען און קוקט דערביי צו איהם אזוי קינ־

דערש־קלוג און שמייכעלט מיט אזוי פיעל גליק, אז ער ווערט גלייך פערנומען און נעהמט באלד שמייכלען מיט'ן אינגעל'ס ליעבען גליקליכען שמייכעל.

אזוי שמייכעלט ער לאנג, ניט צועפּענענדיג די אויגען און אין זיין שמייכעל פערגעהט דאָס אינגעלע און ווערט באלד ווידער געבוירען:

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאַטע? און ווער איז דיין מאַמע?

און דאָס אינגעלע לאכט אליין, און שטיפט — אַט פערשווינדט דאָס און אַט קומט דאָס באלד ווידער ארויס פון דער פינסטערנים זיך אליין שפּיעלענדיג מיט איהם און מיט'ן כישופ'דיגען ווייסען ליילאך — — —

און ער שמייכעלט און שמייכעלט צום קינד און זיין הארץ ציטערט אלע מאָל אויף און פרעגט:

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאַטע? און ווער איז דיין מאַמע? — — —

און אזוי שלאָפט ער איין שמייכלענדיג.

און גאנץ פריה, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, איז, ווי נאַר ער עפענט אויף די אויגען דערזעהט ער. — רחל געהט צו איהם.

ער צושמייכעלט זיך איהר אנטקעגען און זי האלט קלוג און שטאָלץ איין איהר שמייכעל — — —

עפּעס איז זי גאַר אַ שעהנער, אַ ליעבער געוואָרען.

זי איז אין איהר לייכט־געקעסטעלטען קלייד. און איהרע יוגענדליכע, מיידעלשע פאָרמען פרעסען זיך ארויס כישופ'דיגער, רונדער און שלאַנ־קער. און עפּעס אזא געזונד־צאַרטע מאָרגען־פרישקייט טראָגט זי מיט זיך, ווי זי וואָלט זיך דאָס ביז איצט אין טהוי געבאָדען — — — — — און דער שמייכעל, וועלכען זי פּרואווט זיך איינהאלטען קוקט ארויס פון איהרע שעהנע אויגען, גליטשט זיך אזוי קלוג ארויס פון איהר יעדער בעוועגונג, פון יעדען פאַלד, פון יעדען קעסטעל פון איהר געפּאַסטען קלייד.

צי דאַרף ער גאַר פרעגען אויב זי קען ליעב האָבען? און צי זי האָט

איהם ליעב? אז ער זעהט דאָך, ווי אַט געהט זי צו איהם און מיט אזוי פיעל געזונטער, פרישער ליעבע.

— מיין פריינד! מיין ליעבער, מיין ליכטיגער פריינד! הערסט?—
און עס נעהמט זיך פלאַנטערען:

ערגעץ צווישען טייכען ביי א טייך האָבען געוואוינט א טאַטע מיט א מאמע און זיי האָבען געהאט איין איינציג קינד — א קליין אינגעלע.

איין מאָל איז דאָס אינגעלע צוגעגאַנגען צום טייך און דערזעהן ווי אין'ם וואסער שפּאַציערט זיך אום א גאָלדען אינגעלע.

— אינגעלע, אינגעלע! האָט ער אויסגעשריען און מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך זיך א לאָז געטהאָן צו דעם גאָלדען אינגעלע.

גוטע מענשען האָבען דערזעהען, ווי דאָס קינד איז אריינגעפאלען אין וואסער, האָבען זיי דאָס ארויסגעראַטעוועט און געבראַכט צוריק צו זיין טאַטען צו זיין מאַמען.

דאָס קינד איז עטליכע טעג געלעגען קראַנק און נאָך דעם, ווען ער איז צוריק געזונט געוואָרען, האָט דאָס איהם ווידער גענומען ציהען צום טייך: — ער וויל צום גאָלדען אינגעלע — — —

טאַטע-מאמע האָבען א קוק געטהאָן, אז ס'איז שלעכט, האָבען זיי זיך דערשראָקען און האָבען פארלאָזט די שטאָדט מיט די טייכען און האָבען זיך בעזעצט אין א שטאָדט וואו עס איז ניטאָ קיין טייכען.

און דאָס קינד איז דאָרט געוואַקסען מיט א שטענדיג בייַנקען נאָכ'ן גאָלדענעם אינגעלע.

ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער פערלאָזען טאַטע-מאמע און זיך געלאָזט אויף דער וועלט זוכען דאָס גאָלדען אינגעלע.

לאנג האָט ער געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, געזוכט און געזוכט און אַלץ ניט געקאָנט געפינען דאָס גאָלדען אינגעלע.

איין מאָל בעגעגענט ער א קלוגען אַלטען.

— קלוגער אַלטער! אמאָל, איך בין נאָך געווען א קינד, בין איך צוגעגאַנגען צום ברעג פון א טייך, די זון האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהויבען איבער'ן וואסער און איך האָב דערזעהן ווי אין'ם וואסער געהט

אום א גאלדען אינגעלע, איך האב זיך געלאזט צו דעם, אבער מען האט מיך געכאפט אויפ'ן מיטען, און פון דאן אן זוך איך און זוך און קאן ניט געפינען דאס גאלדענע אינגעלע — קלוגער אלטער! קאנסטו מיר זאגען, ווי איך קאן ווידער זעהן דאס גאלדען אינגעלע?

דער קלוגער אלטער האט אויפגעהויבען זיינע לאנגע גרויע ברעמען און בעטראכט דעם מאדנעם יונגען מאן, מיט די ביסטרע שווארצע אויגען — — — — —

— קינד איינס — זאגט דער אלטער — וואס האסטו זיך איינגערעדט?! — דו ביזט דאך שוין א דערוואקסענער מענש, ווייסטו דען ניט אז אזוינע זאכען, זיינען בלויז איינגערעדטע, אויסגעטראכטע?

— קלוגער אלטער! דו הערסט דאך אז דאס איז ניט איינגערעדט, ניט אויסגעטראכט, דו הערסט דאך, אז איך האב דאס א ל י י ן ג ע ז ע ה ן, איך שווער דיר, איך שווער אז איך האב דאס אליין געזעהן!

דא האט דער אלטער פון דאס ניי אויפגעצויגען די לאנגע, גרויע ברעמען פון איבער זיינע אויגען און זיך לאנג און גוט איינגעקוקט אין דעם יונגען מאן — — — — און נאך דעם זאגט ער צו איהם:

— וואויל מיין קינד! — איך האב פאר דיר א גוטע עצה. — דו ביזט נאך יונג און שטארק און די וועלט איז ברייט און גרויס, לאז זיך אריין אין איהר, ווער רייך, זאמעל אן א סך גאלד און זילבער, דיאמאנטען און טייערע שטיינער. נאך דעם וועסטו זיך ווענדען צו א גוטען גאלד-גיסער, וועט ער דיר פון דיינע אוצרות מאכען דאס גאלדענע אינגעלע.

האט ער געפאלגט דעם אלטען, און האט זיך אריינגעווארפען אין דער ברייטער, גרויסער וועלט און זיך גענומען פלייסיג ארבייטען, האנדלען, וואנדלען.

אזוי זיינען אוועק יאהרען, און יאהרען נאך יאהרען, ביז ער האט מיט שווערער מיה אנגעזאמעלט גרויסע רייכע אוצרות.

נאך דעם האט ער זיך אויסגעשר עבען דעם בעסטען גאלד-שמיד פון דער וועלט און יענער האט פאר איהם געמאכט א וואונדערליך שעהן בילד פון טייערע בלויע שטיינער. אין מיטען פון דעם בילד האט זיך

ארויסגעפּרעסט א כישוף׳דיג שיינענדיגע זון, געמאכט פון די שעהנסטע דיאמאנטען, וואס די וועלט פערמאגט, און אונטען און אין מיטען זיי־נען די שטראהלען פון דער זון זיך עפּעס אזוי מאָדנע צונויפגעקומען און זיך איבערגעפּלאָנטערט מיט קווייטען פון צופלאָסענעם גאָלד און זיל־בער און מיט קווייטען פון פערשיעדענע פארביגע, טייערע שטיינער, אז עס האָט אויסגעזעהען ווי פון צווישען די פּאָלירטע בלויע שטיינער, שפּארט זיך ארויס א גליקליך שיינענדיג אינגעלע.

לאנג האָט ער געוואָרט ביז דאָס אינגעלע וועט פארטיג ווערען.

און ווען עס איז פארטיג געוואָרען האָט מען דאָס אהן זיין וויסען געבראכט אין דעם צוגעגרייטען צימער.

אין צי־ער איז געווען לייידג און האלב טונקעל.

און פון דער דונקעלהייט האָט זיך דאָס בלויע בילד, מיט׳ן דיא־מאנטענעם אינגעלע ארויסגעפּרעסט ווי פון אונטער א פערכישופ׳טען שלייער.

און אָט האָט מען איהם דערלאנגט דעם שליסעל און מען האָט איהם אנגעזאָגט, אז עס איז שוין פארטיג, אז דאָס גאָלדענע אינגעלע, וואָרט שוין אויף איהם אין יענעם צימער.

מיט א ציטערדיגער האנט האָט ער גענומען דעם שליסעל און מיט א שטארק קלאפּענדיג הארץ האָט ער זיך געלאָזט צום צימער, און ווען ער האָט ארייגעלייגט דעם שליסעל אין שלאָס פון טיהר, האָט איהם אין הארצען גענומען שלאָגען ווי מיט שווערע האמערס. — אָט־אָט! און ער וועט זעהן דאָס גאָלדען אינגעלע. אלעס אין איהם איז מיט אמאָל אי ליעבער, אי פרישער געוואָרען. — ווייל עפּעס א קליינ׳גקייט! — נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון שווערען בייגקען, פון מיה און פון פּיין — — — — טרערען האָבען אויפגעגלאנצט אין זיינע אויגען, די הענט האָבען זיך איהם גענומען נאָך ציטערדיגער טרייסלען.

אָבער אז ער האָט געעפענט די טיהר, איז ווי נאָר ער האָט אריבער־געשפּאנט די שוועל און דערזעהן דאָס בילד, איז ער ווי פערשטיינערט געוואָרען — — — !

א לענגערע צייט איז ער אזוי געשטאנען א פערשטיינערטער און מיט ווילדע, צושראקענע בליקען געשטאכען דאס פרעמדע אינגעלע וואס האט זיך צו איהם ארויסגעפרעסט פון דער דונקעלהייט. נאך דעם האט ער א שרעקליכען שמייכעל געטהאן — — — און אזוי שמייכלענדיג איז ער צוגעגאנגען צום בילד און האט אויפגעהויבען זיין האנד און מיט זיין פויסט דערלאנגט אזא בייזען קלאפ אינ׳ם אינגעלע, אז דאס גאנצע בילד איז אין שטיקלעך צופלויגען. — — — — — — — — — — — — — — —

לאנג האט ער נאך דעם געוואנדערט איינער אליין, א פערביטערטער, ביז איין מאל האט ער צווישען ווייטע וועגען, ביי א וועג דערזעהן א בלינדען בעטלער.

איז א הם איינגעפאלען זיך ווענדען צו אט דעם בלינדען.

האט איהם דער בלינדער בעטלער אויסגעהערט און האט צו איהם געזאגט :

זיי ווייסען, אז די וועלט איז פול מיט וויסטע טעג און שווארצע נעכט, האט גאט דערפאר געגעבען די זון מיט איהר גאלד און די לבנה מיט איהר זילבער.

און מענשען ווילען ווייט ניט געהן, בעגעגענט זיי דער קלוגער אלטער. ער איז קלוג און ער מיינט יעדענס טובה, און ער האט אויך דיין טובה געמיינט.

אויף דער וועלט זיינען אבער פאראנען זאכען, וואס קלוגע און זעהענדיגע ווייסען ניט, און קינדער און בלינדע ווייסען יא...

און נאכדעם האט דער בעטלער איהם געזאגט, אז ער זאל געהען צו דעם טייך וואס אין יענעם און יענעם לאנד. — דאס איז דאס לאנד פון אלע לענדער. די וואסער צוגיסט זיך און צושפרייט זיך פון דארט איבער דער גאנצער וועלט, דארטען זאל ער געהן ביים ברעג אזוי לאנג און אזוי ווייט ביז ער וועט קומען צו א פלאץ וואו פון שאף ווערען לייבען און פון לייבען ווידער שאף.

דארטען זאל ער אויפזוכען יענעם און יענעם שטיין.

נעבען שטיין וועט איהם שוין געגעבען ווערען דער ריכטיגער סימן.

און נאָך דעם, איז ווי נאָר די זון וועט אויפגעהן אין איין עק הי־מעל, וואָס איבער'ן וואסער, זאָל ער ארויפקריכען אויפ'ן שטיין און זאָל זיך איינעסען מיט זיינע אויגען אין דער זון און ער זאָל פון איהר ניט אראָפּנעהמען די אויגען ביז פאר נאכט.

און ערשט דאן ווען די זון וועט זיך אין דיר אויף אזוי פיעל און אזוי שטארק אריינשפּיעגלען, וועסטו פאר זיך דערזעהן דיין גאָלדענע אינגעלע.

— געדיינק אבער, מיין פריינד—זאָגט צו איהם ווידער דער בלינדער— געדיינק אז דער וועג איז זעהר און זעהר א שווערער. א סך ווערען גלייך מיעד און קערען זיך אום, א סך געהען און געהען ביז זיי הערען אויף צו גלויבען אז מען קאָן גאָר אהין ווען קומען — — — גיעבען זיי א מאך מיט דער האנט און לאָזען זיך צוריק, און געדיינק אויך, אז צו קוקען אין דער זון איז שווער, איז זעהר, זעהר שווער.

אבער דער זוכער פון גאָלדען אינגעלע ענטפערט:

— האָב ניט קיין מורא, דו גוטער בלינדער! און פאר דיין קלוגער עצה זיי געבענשט, זיי מיר טויזענד מאָל געבענשט! גיעב מיר דיין האנד, און גיעב מיר דיין ברכה.

ווארעם האָט איהם דער בלינדער זיין האנד געגעבען און איהם וואָ־רעם געבענשט, און איהם נאָך עטליכע טריט בעגלייט, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א פּלאַץ וואו די וועגען שיידען זיך, האָבען זיי זיך געזעגענט און האָבען זיך צושיידט.

לאנג האָט ער נאָך דעם געוואנדערט ביז ער האָט אויפגעזוכט דאָס לאנד; לאנג איז ער נאָך דעם געגאנגען ביי דעם ברעג פון דעם אומ־ענדליך גרויסען וואסער — טאָג איין, טאָג אויס.

א סך ווייסע שיפען האָט ער געזעהען דורכשווימען איבער'ן וואסער ארויף און אראָב און דאָס וואסער איז אזוי גרוים, אז די גרעסטע שיפען זעהען קוים אויס די גרויס ווי גענז — — —

און דער ברעג האָט זיך פאר איהם אלץ געצויגען ווילד און וויסט, אהן א אנהויב, אהן א סוף.

ביז איינמאָל איז ער צוגעקומען צו א פּלאַץ, וואו דערנער און שפּי־

ציגע שטיינער האָבען געגומען בייז שטעכען זיינע הענד און פיס. און שלעכטע צווייגען האָבען גענומען שטעכען און רייסען זיין פּנים, זיין ליב.

ער אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו געהן אַלץ ווייטער און ווייטער.

און ווען ער האָט פאַר זיך געפונען א ליידיגען פּלאַץ, איז שוין גע־ווען נאַכט.

די לבנה איז שוין לאַנג אומגעשוואומען א־בער'ן וואַסער, א יונגע, א ציטערדיג־פרישע.

ער האָט זיך צוגעזעצט און א מיעדער גענומען קוקען פאַר זיך אי־בער'ן ברייטען, ווייטען וואַסער, אויף דער לבנה, וואָס האָט פּונקט אנט־קעגען איהם ארויסגעקוקט פונ'ם וואַסער.

אין א ווײַלע ארום האָבען זיך ביי איהם צוגעמאַכט די אויגען.

אָבער מיט פערמאַכטע אויגען זעהט ער נאָך אַלץ די לבנה, דאָס וואַסער — — — די לבנה נעהמט ווערען גרעסער און גרעסער — — — און אַט בעוויזען זיך איבער איהר צוויי שטראַהלענדיגע הערנער... און עס ווערט פון דער לבנה א הויכע, א שטאַרקע געשטאַלט. — — — — — — —

די צוויי צושטראַהלטע הערנער שפּאַרען זיך ארויס פון דער גע־שטאַלטס שטערען.

די געשטאַלט איז אין גאַנצען פון לבנה־זילבער און א שטיל פערשטערענטער הימעל איז זיין קלייד. און א הויכער שטעקען איז אין זיין האַנד.

א גרויס און ברייט צוגוואַקסענע באָרד, און עפּעס אזעלכע צוויי ווילד־צוגוואַקסענע ברעמען, וואָס כאָטש זיי זיינען גרויס, פערדעקען זיי דאָך ניט די אויגען.

און די אויגען קוקען ארויס אזוי מורא'דיג גרויס און אזוי אונענד־ליך ווייט.

דאָס וואַסער איז קלאָהר און די ריעזיגע לבנה־געשטאַלט מיט די צושטראַהלטע הערנער, זעהט זיך ארויס לויטער און שטאַרק.

ווייט אינ'ם וואַסער אונטער די כמעט באַרוועסע פיס פון דער גע־שטאַלט שפּרייט זיך א ווייס פעלד.

אויפ'ן ווייסען פעלד, פאשען זיך ווייסע שאָף.

און אַט פאלט דער בליק פון דער געשטאלט אויף די שאָף און ווי דורך א כישוף ווערט פון זיי ווייסע לייבען — — — אַן אנדער בליק און פון די לייבען ווערען צוריק שאָף...

און דער זוכער פון גאָלדענעם אינגעלע האָט פערשטאַנען אז דאָס זעהט ער דעם ריכטיגען סימן... און ווי נאָר ער האָט געעפענט די אויגען האָט ער פאר זיך טאקע גלייך דערזעהן דעם שטיין.

טרערען פון פרייד און גליק האָבען זיך אין זיינע אויגען געוויזען.

און גאנץ פריה, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאנגען איבער'ן ווייטען וואסער, איז ער ארויף אויף דעם פער'כשופ'טען שטיין און מיט א וויל־דער ליידענשאפט זיך איינגעגעסען אין איהר מיט זיינע בליקען.

די זון האָט זיך צוגליהט, זיך צוברענט אלץ פלאמיגער און הייסער. ער אבער האָט אין איהר אלץ געקוקט און געקוקט...

און אזוי דעם גאנצען טאָג, ביז פארנאכט, ביז — — — ביז די אויגען זיינען איהם אויסגערונען — — —

ער איז בלינד געוואָרען.

נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון מיה, פון האָפען און שטרעבען צו זעהען דאָס גאָלדענע אינגעלע, האָט ער גאר אינגאנצען פערלאָרען די מעגליכ־קייט צו זעהן. — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער לאנג האָט זיין פערצווייפלונג ניט אָנגעהאלטען. ווייל א מינוט, א רגע נאָך דעם ווי ער איז בלינד געוואָרען, האָט ער דערזעהן ווי אינ'ם וואסער געהט צו איהם דאָס גאָלדענע אינגעלע, זיין גאָלדען אינגעלע! — עס געהט צו איהם! דאָס וואסער — זעהט ער — קנייטשט זיך עטוואָס א־בער'ן אינגעלס גאָלד־געלאָקטען קאָפּ, און איבער'ן וואסער בלייבט נאָך איהם א לאנגער פאס פון ווייכע, גאָלדענע רינגען. — — —

בלינדער! אז דו ביזט בלינד, צי איז דאָס אמת, אז דו זעהסט דאָס גאָלדענע אינגעלע? — — — — — —

אָבער, צי דאַרף מען איהם גאָר פרעגען אזאַ שאלה? — אז אַט זעהט ער דאָך פּאָרט דאָס גאָלדענע אינגעלע, אַט געהט דאָס אינ'ם וואַ־סער, אַט קומט דאָס צום ברעג...

און דאָס אינגעלע איז טאַקע געקומען צום ברעג און איז אַרויף אויף דער טרוקעניש און זיך גענומען קלעטערן אויף שטיין, און איז אַרויף צו איהם.

— אינגעלע! מיין גאָלדען אינגעלע!

---

יאָהרען פליהען.

יאָהרען שפּרינגען ווי פערשייטע קינדער.

רחל איז א גוטע, איבערגעגעבענע פרוי צו איהר מאַן. נאָר ווען ניט ווען דערמאָנט זי זיך ווי אין א מעשה, אז אמאָל איז געווען א נאַר, א בחור וואָס האָט זיך אין איהר פערליעבט.

יוי שעהן דער נאַר האָט דאָס געקאָנט ליעבען! — — — — — — —

ער האָט זי בעהאַנגען מיט אַלע גוטע מעלות נאָך וועלכע ער האָט שטענדיג געביינקט.

און טאַקע גאָר אַנדערש האָט זי דעמאָלט אויסגעזעהן.. באַלד אָבער צולאַכט זי זיך:

— כא, כא! סאַרא נאַר ער איז געווען. — דאָס לעבען איז דאָך ניט קיין מעשה, דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה!

עס טרעפט אויך, אז שמעון'ס בליקען צושפּאַלטען איהר דעם שלאָף אין מיטען דער נאַכט.

אמאָל נעהמט זי איבער דעם פון שלאָף שמייכלען, און אמאָל כאַפּט זי זיך איבער דעם אויף פון שלאָף א צושראָקענע — — — — — — —

דאַן ליגט זי אזוי א לענגערע ווייַלע און קוקט פאַר זיך אין דער פינס־טערניש מיט צושראָקענע אויגען. נאָר באַלד כאַפּט זי זיך... און נעהמט לאַכען:

— וואָסערע נאַרישע געדאַנקען איהר קריכען דאָס אין קאָפּ. און אויב איהר מאַן איז נעבען איהר, נעהמט זי זיך שמייכלענדיג פּרעסען צו איהם — — —

אמאָל פאַלט איהר אויך איין אויפצוזוכען איהר לייכט געקעס־טעלט קלייד, דאָס קלייד אויף וועמעס קעסטעלעך שמעון'ס בליקען פלעג־גען זיך אזוי רייך צושפּילען. —

זי טהוט אָן דאָס קלייד און געהט צו צום שפּיגעל מיט דעם חשק צו דערקאָנען אין זיך נאָך י ע נ ע רחל — — — באלד אבער צושמיי־בעלט זי זיך אויך פון דעם נארעשען איינפאל.

צוויי רחל׳ס — טראכט זי, — עס זיינען געוואָרען צוויי רחל׳ס. און איינע פון זיי שטעהט איצט ביים שפּיגעל און שמייכעלט...

— רבונו של עולם! צ י א י ז ד ע ן ד אָ ס ל ע ב ע ן אַ מ ע ש ה?...

---

פאַרנאכט.

שמעון׳ס הארץ איז ברייט און אָפען. —

גרויסע ברוינליך־גרויע, ווייטע פעלדער שפּרייטען זיך פון הימעל צו הימעל.

ער זיצט אויף אן אָפּגעבראכענעם שטיין.

און כאָטש ער האלט זיין קאָפּ און זיינע אויגען עטוואָס אראָפּ־געלאָזען צו זיינע קניען, זעהט ער פאר זיך דאָך די גאנצע ברייט און ווייט. און די זון וואָס קאטשעט זיך דאָרט אראָפּ צום ברעג.

שטילע פאנראכטיגע קלאנגען וויגען זיך איבער דער ווייטקייט. דרעמלען איין און וועקען זיך — — — — —

מידע קלאנגען. קלאנגען פון אונענדליכער גוטסקייט, פון אונענד־ליכער נאָהענטקייט און ווייטקייט.

און ערגעץ ארויף, אויפ׳ן ברעג פון הימעל בעווייזט זיך דער בלינ־דער מיט זיין גאָלדען אינגעלע.

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאטע? און ווער איז דיין מאמע? — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# עס רעגענט

(אַ מעשה און נאָך אַ מעשה).

— וואָס איז מיט אייך, בינעם?
בינעם שווייגט.

— צו וועלכע טייוועל! און אז עס רעגענט אין דרויסען, דאַרף מען שוין זיין אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט?

— נאַרישקייטען!

— וואָס נאַרישקייט? — פּרואווט זיך קאַפּלאַן אַלץ אַריינצוציהען בינעמען אין אַ געשפּרעך. —

שוין באַלד צוויי טעג, אַז בינעם, מיט וועלכען ער אַרבייט ביי איין טיש, שטעהט אַלץ אין אַנגע'ברוגז'טער. און דערצו האָט זיך דער הערבסט טאַקע שוין אַריינגעגעסען אין די ביינער. — כאָפּסט אַ קוק דורכ'ן פענס־טער — רעגען אָדער ניט רעגען, נאָר עפּעס אַזוי, אַ גרויער, שווערער דרויסען העגנט נערוועז איבער דעכער, דעכער און דעכער. און דאָס איז די וועלט! פוי, צום טייפעל! בינעם!!

— נו!?

— נאָמיר עפּעס זינגען!

— גוט: הויבט אָן.

— אָבער איהר רעדט דאָך ווי אַ נעכטיגער, פּונקט ווי איהר וואָלט אין גאַנצען געווען אַן אויסגעליידיגטער — — — אויף מיין וואָרט.

— איז וואָס ווילט איהר האָבען? — הויבט שוין בינעם אויף זיין קאָפּ מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל אויף די ליפּען.

— נו, אדרבה, דערצעהלט, וועגען וואָס טראַכט איהר, — מאָהנט קאַפּלאַן, — איהר טראַכט דאָך עפּעס. ס'איז אינטערעסאַנט, אויף מיין וואָרט. איהר דערמאָנט זיך דאָך מן הסתם אָן עפּעס; אַז ס'איז אַזוי אין

דרויסען, און מען שווייגט, איז מן הסתם דערמאָנט מען זיך אָן עפּעס.

— וואָס איז מיט אייך, מיין פריינד? איהר האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס און ווילט דאָס דערצעהלען, איז וואָס מוטשעט איהר זיך? דער־צעהלט, איכ'ל הערען.

— ניין! ווייסט איהר אָבער וואָס? פריהער דערצעהלט איהר עפּעס, דערנאָך — איך. נו? גוט?

— וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש. אַט זייט איהר דאָך ערשט געווען אַ קלוגער: אַז ס'איז אַזוי אין דרויסען, דערמאָנט מען זיך... ווער עס דערמאָנט זיך אָן דער היים, ווער — אין אַנדערע זאַכען און ווער — גלאַט אַזוי אָן אינטערעסאַנטע נאַרישקייט... אַט האָב איך אַ בעקאַנטען, האָט ער מיר איינמאָל דערצעהלט, אַז אין אַזוינע טעג דערמאָנט זיך איהם זיין געליעבטע. זי קומט צו איהם, און זי שטעהט לעבען איהם, קוקט אויף איהם, און איז ביי זיך עפּעס אַזוי שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז זיינע. און זי קוקט און זי שמייכעלט אַ גליקליכע. זי געהט צו צו איהם, טוליעט זיך איין אין איהם און שמייכעלט. און וויל זי — ברוגז'ט זי זיך כלומרשט אָן אויף איהם... און עפּעס מיט אַזא שטאָלץ. זי איז שטאָלץ, ווייל זי ווייסט ער האָט זי ליעב. און ווייל זי פיהלט, אַז זי איז זיינע, אין גאַנצען זיינע, מיט איהר גאַנצען לייב, מיט איהר גאַנצער נשמה... שעהן איז ווען עס דאַכט זיך איהם, אַז זי זינגט מיט איהם, דאַן צוזינגט ער זיך אַזוי שיינענדיג, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע... אַזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט איינגעהאַלטענע טענער שטיל אויפוועקען די גאַנצע וועלט, זי אָנפילען מיט זון... און אַזוי קען ער אָבזינגען אַ גאַנ־צען טאָג און אַ נאַכט. כאָטש אין דרויסען איבער די פענסטער און דעכער שמייסט דער ווינד מיט רעגען. און אַמאָל רייסט ער זיך פּלוצלונג אָב אין מיטען זינגען און צושמייכעלט זיך ווי אַ קינד. דאָס — זאָגט ער — האָט זי איהם פּלוצלונג אַרויפגעלייגט איהר האַנד אויף זיינע ליפּען: זי וויל ניט ער זאָל זינגען, זי וויל — ער זאָל שמייכלען — — —

און ווען מיין פריינד דערצעהלט דאָס, זעהט ער עפּעס אויס אַזוי מאָדנע גליקליך: עס בעווייזען זיך איהם אַזש טרעהרען אין די אויגען און זיין שטימע נעמט נערוועז קלינגען.

דא בלייבט בינעם אליין אויך שטעהן אויף א ווייל, ווייל ער דער־פיהלט, אז א ווארעמקייט האט איהם אויפגעגלאנצט אין די אויגען... און זיין קול איז מיט אמאל ווארעמער און ווייכער געווארען, און ער וואלט דאך ניט וועלען, אז קאפלאן זאל זיך אנשטויסען אז דאס דער־צעהלט ער טאקע וועגען זיך אליין... באלד בערוהיגט ער זיך אביסעל און דערצעהלט ווייטער:

און טאמער פערשווינדט זי פון איהם, בעווייזט זיך באלד פאר זיינע אויגען א גרויסע גאלדענע זון... א מאדנער בחור! — אין דרויסען רע־גענט און רעגענט, אלץ איז נאס, דורכגענעצט. די פייכטקייט, דוכט זיך, פרעסט די הויט פון לייב, די האר פון קאפ, און פאר זיינע אויגען שטעהט — א גרויסע גאלדענע זון. און דאס רייצט איהם אזוי אויף, אז ער פיהלט ווי צו קריצען מיט די צייהן... ער וואלט וועלען כאפען אט די זון אין זיינע הענד, זי שליידערען אויף דער ערד, זי אין שטיקער צוררייסען...

. . . . און אמאל נעמט זיך איהם אויסווייזען, אז זי ווארט אויף איהם... אז אט געהט ער איבער די פערררעגענטע גאסען. דער רעגען נעהמט איהם דורך, און אלץ איז אזוי גרוי און שווער, און ער געהט און געהט. עס ווערט איהם היים ; — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — און אט, דאכט זיך, עפענט זיך פאר איהם זיין טונקע־לער צימער און זי שפרינגט איהם אנטקעגען. זי איז א לויטערע, א ווייסע אין איהר גלאטען ווייסען קלייד, וואס נעמט זי ארום אזוי ציטעריג. ווייס, אזוי בויגיג און שלאנק... און עפעס ציטעריג־ווייסעס פלאטערט ווארעם אויף אין זיין הארצען. די אויגען גלאנצען איהם אויף און פער־ציהען זיך מיט א גליקליכער פייכטקייט; און זיינע ליפען צושמייכלען זיך פרישער און ריינער און א שיין פון ליעבע און פרייד צוגיסט זיך אויף זיין פנים און זי צושמייכעלט זיך צופרידען, ווייל זי האט נאך פריהער געוואוסט, אז ער וועט אזוי ערשטוינט ווערען, ווען ער וועט זי פלוצלונג, אין אזא רעגענדיגען טאג, טרעפען ביי זיך אין צימער. און פאר זיינע אויגען קריגט דער רעגען מיט אמאל א פרישקייט און א זילבערנע ווייסקייט. און ער איז שוין ניט אין ניו יארק, נאר אין א זילבערנער

שטאָדט, וואו אַלץ איז פון זילבער. און דער זילבערנער רעגען גיסט אויף זילבערנע הייזער און אויף זילבערנע גאַסען און מאַכט זיי בלויז לייכטער און פרישער... און זי שטרעקט צו איהם אויס איהרע הענד און ער נעמט זי ארום און קושט איהר האַנד, און ער קושט איהר אַקסעל, און ער קושט איהר ווייס קלייד — — —

און איבערהויפּט האָב איך אייך גאַר פערגעסען צו דערצעהלען, אַז ער איז עפּעס גאַר א מאָדנער בחור: ער איז א נזיר... און איהר פערשטעהט? — — — ער זאָגט, אַז אַלץ צו וואָס א מענש ריהרט זיך צו, מוז זיין ריין און שען... און זיין געליעבטע קען זיין — וועט ער שוין גאַר קיינמאָל אין לעבען נישט זעהן. און ווי משוגע ער איז דאָס אין איהר פערליעבט... און ווי שעהן עס איז צו זעהן, ווען ער רעדט וועגען איהר, עס ווילט זיך איהם בשעת מעשה וואַרעם דריקען די האַנד. איהר פערשטעהט? — פּאַרט א מענש מיט אַזוי פיעל ליעבע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— הערט זשע, אַז ווי באַלד אַזוי, וועל איך אייך אויך דערצעהלען א מעשה, — רופט זיך קאַפּלאַן אָן א צופרידענער. — און דאָס האָט טאַקע מיט מיר אַליין געטראָפען. ס'איז געווען א יום־טוב'דיגער טאָג. איך כאַפּ זיך אויף גאַנץ פריה און דערמאָן זיך, אַז היינט אַרבייט מען נ ט. היינט דאַרף מען, הייסט דאָס, נישט געהן אין שאַפּ. און אין דרויסען איז כמאַרנע: — עס רעגענט עפּיס אַזא רעגענדעל וואָס נעמט דורך אַלע ביינער. דרעה איך זיך מיר איבער אויפ'ן געלעגער אַזוי, אַהין, אַהער און מאַך ביי זיך אָב, אַז מען דאַרף אויפשטעהן.

נו, פערשטעהט זיך, אַז אויפשטעהן איז אויפשטעהן. האָב איך זיך איינגעוואַשען, זיך אָנגעטהאָן און נאָכדעם גאַנץ געשמאַק אָבגעגעסען, אָבגעטרונקען און האָב מיר פאַרויכערט א יום־טוב'דיגען סיגאַר און בין מיר אַרויס אין גאַס.

דער „פּלאַץ" וואוהין איך בין געגאַנגען, איז נאָך פאַר מיר געווען ניי.

ביים טיר האָט מיך בעגעגענט די מאַדאַם מיט א שמייכעל: אַזוי

פריה!... — אָלל־רייט! גנעהט אריין! — זאָגט זי מיר, — אין פראַנט רום. איך וועל אייך באלד אריינשיקען די מיידלעך.

בין איך מיר אריין און זאַל, זיך אוועקגעזעצט אויף א ווייך געבעד־טער סאָפע און ווארט. אין א ווײלע ארום בעווייזט זיך אויפ׳ן שוועל א מויד — נאַר־וואָס פון בעט ארויס. זי איז מיר ניט געפעלען געוואָ־רען, האָב איך או ף איהר א געשריי געטהאָן: „גאָ אָן, גאָ אָן!“

האָט זי זיך באלד אומגעדרעהט און איז אוועק.

נאָך דעם געהען אוועק א מינוט פינף, צעהן און מעהרער... עס קומט קיינער ניט. ווער איך אין כעס, גיב מיט דער האנד א קלאַפּ אין טיש. לויפט אריין די מאַדאַם אביסעל צושראָקען: וואָס איז? —

— וואו, צום טייוועל, זיינען דאָס אייערע מיידלאך?

— וואָס, איהר זענט נאָך ביז איצט אליין? — קיידי! — שרייט זי אויס. עס בעווייזט זיך אין טיר א געזונטע נעגערין. — סעי, קיידי, — ווענדט זיך צו איהר די מאַדאַם, — פיהר ארויף דעם דזשענטעלמען צו די קינדער. און צו מיר דרעהט זי זיך אוים מיט א שמייכעלע: — איהר פערשטעהט, מיין העררר, איהר זענט געקומען אביסעל צו פריה; זיי שלאָפען נאָך. אבער עס מאכט ניט. איהר וועט זיך דאָרט או פּוועד קען וועלכע ניט איז.

מיר זיינען ארויף אויפ׳ן ערשטען שטאָק. די נעגערין, מיט א צו־שמירטען שמייכעל אויף די גראָבע ליפּען, עפענט פאר מיר אויף די טיהר פון ערשטען צימער. אין בעטעל איז געלעגען א מויד איינגעווי־קעלט אין א רויטער דעק. די האלב־נאַקעטע מויד האָט זיך אויפגע־כאַפּט, א דרעה געטהאָן צו אונז דעם צושויבערטען קאָפּ צושראָקען, ווי מען וואלט זי אבגעגאסען מיט קאלט וואסער:

— וואס איז!?

— דאָ האָסטו א גאסט, — זאָגט צו איהר די נעגערין, און צו מיר ניט זי א שמייכעל: — א גוט מיידעל!

— ניין, זי געפעלט מיר ניט! — זאָג איך אָב קורץ, קום!

און באלד בין איך געשטאַנען מיט דער נעגערין ביי א צווייטען צימעריל, ביי א דריטען, ביי א פיערטען: ס׳עפּעס אלץ אזוינע מוידען ווי די בערען.

— וואָס איז דאָס פאַר א סחורה? — זאָג איך.

שטעלט זיך די נעגערין אָב פאַר מיר, מעסט מיך אָב מיט איהרע גרויסע ווייסלען פון אויבען ביז אראָפּ, און זי פערקאטשעט אזוי איהרע שווארצע ליפען, אז עס טשירען זיך אוים איהרע רויטע יאסלעס מ ט איהרע ווייסע צייהן און זי גיט א גנב׳ישען שמייכעל: אָלל־רייט, קום!

בין איך מיט איהר ארוים פון׳ם קאָרידאָר, האָט זי זיך מיט מיר אויפגעהויבען איין שטאָק העכער און נאָכדעם ערשט נאָך א שטאָק. אויפ׳ן וועג שטעלט זי זיך אָב, קוקט ארויף צו מיר און שמייכעלט אלץ גנב׳יש. איך, פערשטעהט זיך, שטוים זיך באלד אָן, אז זי מיינט עט־ליכע סענט און איך זאָג צו איהר:

— וועלל, וועלל, קיידי! עס וועט שוין זיין אָל־רייט. קום!

מיר זיינען ארויף אויפ׳ן אויבערשטען עטאזש. זי איז מיט מיר אריין, האָט מיך צוגעפיהרט צו א טיהר און זי נור אביסעל אָן עפען גע־טהאָן.

אַ יונגע, שלאַנקע מיידעל, כמעט א קינד, איז געשלאָפען אין בעט און אזוי איינגענורעט ווי ביי דער מאמען אין דער היים.

א צופרידענער האָב איך אוועקגעגעבען דער נעגערין א זילבערנע מטבע, האָט זי, פערשטעהט זיך, זיך באלד אָבגעטראָגען, און איך בין מיר אריין אין צימער און האָב זיך גלייך אוועקגעזעצט אויף דער מיי־דעל׳ס בעטעל.

דאָס מיידעל האָט באלד צועפענט איהרע אויגען א צושראָקענע:

— וואָס איז דאָס!? וואָס איז!?

— גאָר נישט, גאָר נישט, — זאָג איך צושמייכעלט און קוק דערביי מיט פערגעניגען אין איהרע גרויסע צושראָקענע אויגען אריין.

— ווער האָט דיך אהער ארויפגעשיקט?!

— וואָס געהט דאָס דיך אָן?! — ענטפער איך.

— ווי איז עפּעס אין דרויסען?!... — און זי פרעגט עפּעס אלץ מיט אזא טאָן, ווי זי וואָלט נישט וויסען אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז.

— עס רעגנעט. — ענטפער איך.

— עס רעגענט?! — שרייט זי אוים אונגעריכט און שפּרינגט מיר

מיט אמאָל ארויס פון בעט, כאַפּט זיך ארויף אויף א בענקעל, וואָס איז אין מיטען צימער, און אזוי שטעהענדיג אין אויסגעצויגענע אין איין העמד, האָט זי גענומען לאַנג קוקען אין דרויסען אויפ'ן רעגען.

— עס רעגענט!

און דער רעגען האָט מיט אמאָל גענומען שמייסען אין פענסטער ווי מיט בייטשען.

און איין ארבעל פון איהר העמד האָט זיך אראָבגערוקט פון איהר נאַקעטען אקסעל... און זי קוקט אלץ אויפ'ן רעגען — — —

— עס רעגענט! — זאָגט זי, — עס רעגענט! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נו, גוטער ברודער, איז דאָס געווען א מיידעל! איהר הערט? כאָטש איהר האַלט דאָך שוין גאָר ניט פון די זאכען. אבער איך שווער אייך, ווען איהר וואָלט געווען זעהן די מיידעל אין דער מינוט, ווי זי האָט דאָס מיט אזוינע מאָדנע אויגען געקוקט אין דרויסען: „עס רעגענט!" — וואָלט א הר משוגע געוואָרען. אזא פיגור! אזא מיידעל! און אין אזא מינוט —

איהר פערשטעהט, איך בין דאָך ניט קיין „גרינער", אבער נאָך ביז איצט, בעזונדערס, ווען עס קומט אין אזוינע רעגענדיגע טעג, שטעהט זי פאר מיר א לעבעדיגע, אין איין העמד, אויפ'ן בענקעל, וואָס אין מי־טען צימער, און אויסגעצויגענע צום פענסטער, צום רעגען:

— עס רעגענט! עס רעגענט!

און ס'אַרא קלאָרקייט! און ס'אַרא אויגען! און ווי מאָדנע זיי קור־קען דאָס ארויס: עס רעגענט! דער טייוועל זאָל דאָס נעהמען! עס רעגענט!

און עס נעהמט מיך אזוי מאָדנע דורך — צו אל־די־טייוועל! — אַט פונקט ווי איהר דערצעהלט פון אייער פריינד — — —

הערט בינעם פּלוצלונג אויף צו ארבייטען, צושפּענט ווילד זיינע גרויסע אויגען און אז קאַפּלאַן בעגעגענט זיך מיט בינעם'ס אויגען ווערט ער צומישט: ווי מאָדנע בינעם'ס אויגען קוקען!...

— עס רעגענט! עס רעגענט! — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צווייטע טהייל:

# פון דער נאַכט.



ווינטער.

א לויטערע נאכט.

איך ווארף זיך דורך פון שלאף.

אין די פענסטער קוקט אריין א זילבערנע ווייסקייט, עס שטראלט אריין די שנייאיגע ווייט.

גאר ניט ווייט פון פענסטער שטייט דער הימל. א דורכזיכטיג־בלויער, א פארשטערענטער — — —

עס דערהערן זיך קרעפטיגע, יונג־קלינגענדיגע שטימען, א געלעכ־טער — — —

עס עפענט זיך אויף די טיר, עס קומען אריין מיין געשטאלט און זי. ביידע פאלען אריין אין די שניי־שיך, פרישע, אנגעפראסטיגטע, מיט פלאמיגע באקען און שטראלענדיגע אויגען:

— כא־כא־כא־כא!

— כא־כא־כא־כא!

— ווער איז א נאר? פרעגט מיין געשטאלט, אראפנעמענדיג פון זיך די שניי־שיך.

— דו — ענטפערט זי.

— פאר וואס בין איך א נאר? — פרעגט מיין געשטאלט.

— דערפאר וואס דו האסט זיך געיאגט נאך די שטערען...

— הערסטו! אז דער הימעל לאזט זיך פאר אונז אראפ אזוי נאהענט, אז עס דאכט זיך: נאר נאך אביסעל, נאר נאך עטליכע שפאן און דו ביזט שוין צווישען הימעל און שטערען, צווישען הימעל און שטע־רען.

— און דו נעמסט און שפאנסט.

— און דו אינאיינעם מיט מיר.

— און דער הימעל מיט די שטערען?

— טראָגט זיך פון אונז אַפּ אַלץ ווייטער און ווייטער.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ווער איז קלוג? — פרעגט מיין געשטאַלט, אָראָפּנעמענדיג די שניי־שיך פון איר.

— איך, — ענטפערט זי צופרידען, קינדעריש.

— פאַרוואָס עפּעס דו נאַר?!

— דערפאַר — ענטפערט זי — וואָס איך האָב געזאָגט: קום צוריק, וועסטו זעהן ווי דער הימעל מיט די שטערען וועלען אונז נאָכשפּאַנען.

— פאַרוואָס־זשע קומען זיי איצטער ניט צו צו אונז?

— ווייל, — ענטפערט זי, — ווייל זיי האָבען מורא, אַז ווען זיי וועלען נעמען געהן, וועלען מיר ווידער אַנטלויפען.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

## 2.

עס צורעוועט זיך אמאל א בהמה אין מיטען פון א שטילער נאכט.
— ווי גרוים און שטארק עס הילכט דעמאלט איהר געשריי!...
און אין מינוטען ווען מיינע אויגען קוקען ווי פון אונטער א געדיכ־טען שלייער —
עפעם ווילט זיך וויסען, נאר איך ווייס ניט וואס —
עפעם ווילט זיך זאגען נאר איך ווייס ניט ווי אזוי. —
ווי גערען וואלט איך דעמאלט צועפענט מיין מויל און וואלט גערע־וועט, ווי עס רעוועט א בהמה אין מיטען פון א שטילער נאכט.

3.

ס'איז נאכט.
דאָס צימער מיינס איז פינסטער,
דער דרויסען איז גרויס.
און האָט א הימעל.
און האָט א לבנה.
ביינק איך דען נאָך וואָס?...
א ווייסער שטראַהל קומט צו. —
די בלויע נאכט קלאַפּט אָן צו מיר אין פענסטער,
און עמיצער א נאָהענטער פון דער וייטען רופט:
— קעניג, דו האָסט אזוי פיעל ווייסע פערד!
איך בויג מיין קאָפּ ארונטער שווער
און הער:
— קעניג, דו האָסט אזוי פיעל ווייסע פערד!

— — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, איך האָב אזוי פיעל ווייסע פערד.
און דער דרויסען איז גרויס,
און האָט א הימעל,
און האָט א לבנה.

## 4.

איך זעה פאר זיך אן איינזאמען בעארבייטען א פעלד.
קומט איהם ווער אנטקעגען אן און גריסט:
— זאל גאט געבען!
עס דאנקט דער איינזאמער, הויבט אויף דעם קאפ און דאנקט.
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! דו ארבייטסט און עס קוקען
ריינע אויגען באנג: —
„וועט גאט געבען?...“
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! עס טוט וועה דאס הארץ
אי מיר, אי דיר:
„וועט גאט געבען?...“
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! הער! איך זאג דאס איצט
אי מיר, אי דיר: —
„גאט וועט געבען. גאט וועט געבען.“

## 5.

נאכט, מיין נאכט! ווי גערען וואלט איך מיין הארץ איבער דיין שטילער גרויס צושפרייט!

אט איז פאר מיר דער וועלט'ס א ריעזען שטאט מיט איהרע לאנגע און ברייטע גאסען, מיט איהרע מיליאנען פייערען, מיט איהרע אהנ־צעהליגע רעלסען און מיט טראמוואיען און באהנען, וואס לויפען איבער זיי מיט ליכט און ראש. — שטערט דאס דען דיין שטילקייט? גרייכט דאס צו דיין גרויס?

און ווען פון אלע שטעט פון דער וועלט וואלט בלויז איין שטאט געווארען און די ריעזיגע מויערען וואלטען דורכדעם געווארען אויף אזוי פיעל העכער און גרעסער, און די גאסען אויף אזוי פיעל ברייטער און לייגנער, און די טראמוואיען און אהנען אויף אזוי פיעל מעהרער, וואלט דאס דען דערגרייכט דיין גרויס? — וואלט דאס דען געשטערט דיין שטילע טיעפקייט?

נאכט, מיין נאכט! ווי גערען וואלט איך מיין הארץ איבער דיין שטילער גרויס צושפרייט!

# די לבנה נאכט סאנאטא

מיני'ן.

ערגעץ אין דער גרויסער נאכט שטעהט א הייזעל מיט צוגעמאכטע לאדען.

אין דעם הייזעל איז פינסטער.

דער אנגע'ברוגז'טער איינוואוינער פון דעם הייזעל דרעהט זיך ארום א פערלאזטער.

ווי לאנג איז שוין אז ער האט זיך ניט געוואשען? אז ער האט זיינע האר ניט געקעמט?

און פאר וואס איז ער ניט הויך געוואקסען? און פאר וואס איז זיין פנים ניט שעהן?

פלעקען פון דעם דרויסענדיגען לבנה־ליכט פאלען דורך די לאדען־שפאלטען אין דעם טונקעלן הייזעל. דער מענש זעהט דאס און ווייסט ניט וואס צו טהאן... בלייבט ער שטעהן און קוקט א ווייל אויף די לבנה פלעקען און אויף דער פינסטערקייט, און טראכט ניט וויסענדיג וואס... נאכדעם געהט ער צו און נעהמט שטיל און איינגעהאלטען אנריה־רען די קלאווישען:

שטילע, ליכטיגע לבנה פלעקען פון דעם גרויסען און זארגלאזען דרויסען וועקען איצט סטרונעס אין א פערלאזטען הייזעל.

דאס הייזעל, די סטרונעס און דער מענש ענטפערען דערויף פער־בייענקט און וועהטאגדיג.

נעהמען זיך די זארגלאזע לבנה־פלעקען וויעגען און שפיעלען מיט דעם וועהטאגדיגען בייענקען.

ווערט דער מענש אויפגערייצט. און וואָס ווייטער — אַלץ מעהר און מעהר. נאָר ער ענטפערט פּאַרט אייגנעהאַלטען. און אַלע מאָל — אַזוי ווי פון אָנהויב.

פלוצלינג דערעסט דעם מענשען דער צודרינגליכער דרויסען.

ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, רייסט איבער מיט׳ן דרויסען און נעהמט זיך שפּיעלען זעלבסטשטענדיג:

אָט איז דאָס אַ זייטיגער, אַ לייכט־שפּרינגענדיגער טאַנץ, און אָט רייסט זיך פון די סטרונעס מיט אַמאָל אַרויס אַ ווילד צורייצטער פלאַנ־טער. —

דער מענש וויל פערטויבען און פערטרייבען פון זיך אָט די גרויסע דרויסענדיגע וועלט. —

די טענער נעהמען זיך פּאָר אַ קורצער ווײַלע הויבען אַלץ העכער און צורייצטער, ווי זיי וואָלטען פון זיך מיט בייטשען עפּעס ווילד און בייז געטריבען.

---

דער דרויסען איז אָבער שטאַרק און גרויס. עפענען זיך פאַר איהם ווי דורך אַ כשוף אויף די צוגעמאַכטע לאַדען — — —

רייסען זיך טענער אָב אין מיטען פון זייער ווילדקייט.

און אין אַ ווײַל אַרום.

גיבען זיי זיך אונטער.

און נעהמען זינגען די גרויסקייט פון דער גרויסער נאַכט.

און דעם מענשענ׳ס ביינקען שאַטענט זיך אַריין אין דער ליכטיגער גרויס און ווערט דורכדעם דורכזיכטיג.

און די ליכטיגקייט ווערט פון דעם אַזאַ, אַז מען קאָן זי כמעט אָנ־נעהמען מיט די הענט און פּרעסען צום האַרצען.

און ערגעץ זיינען פעלדער פול בעדעקט מיט ליכט.

און ערגעץ יאָגען וועלף זיך נאָך אַ ווילדער ציעג.

און ערגעץ יאָגען פערד זיך געטריבען פון געניטע הענט.

און ערגעץ שווימט אַ יונגער פישער צו זיין פישערין אויף נאַכט.

און אַט צופלוידערען זיך אַהן אַפּהאַלט געליעבטע ערגעץ אין אַ פּארק.

און ווער איז אַט דער שווארצער בעטלער?... וואָס טהוט ער אויפ'ן בארג?...

און וואָס וויינט אַזוי אַ מאַמע ביי איהר שטאַרבענדיגען קינד?..

און ווי שעהן עס שפּיעלט זיך וואו אַ קעצעל מיט אַ קנויל פּאַפּיר!..

און אַט איז אַ בית עולם. טויטע זייגען טויט. —

צו וואָסזשע אַט די שטעגלאַך אין מיטען פון דער נאַכט?...

און דאַרטען אַט די וועלף.

נאַך יאַגען זיי די ציעג. — — —

און לויפען ווילדע וועלף דען שנעלער,

ווי ביי אַ מענשען זיין נאַגענדיגע האַרץ? — — —

און ווי געניט עס יאַגט דאַרט ווער אַלץ

די שנעלע פערד אויף דעם ברייטען וועג! — — —

און ווי רייך עס קלינגען אין דער נאַכט אָפּ

די גלעקער פון דעם האַסטיגען געשפּאַן! — — —

ווער האָט אַזוי פיעל כח אַט די פערד געשענקט?

און ווער האָט אַט דעם טרייבער געשטאַרקט אַזוי די הענט? — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# קינדערלאך מיט בלינדע אויגען

מאני לייב'ן.

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלינדע פון געבוירען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלוי איז זייער הימעל.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען אין א נאכט א בלויער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.
נאכט אויף נאכט.
קינדערלאך אויף שטערענדיגע פעלדער.
קינדערלאך אויף טורעמדיגע דעכער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.

---

ס'איז געווען א מאל א קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען.

ס'איז געווען אמאל א קעניג מיט א רויטער בארד און שטערענדיגע אויגען.

האט די לבנה, וואס איהר קינדערלאך זוכט מיט בלינדע אויגען, געשענקט דעם קעניג פיעלע ווייסע פערד און א קעניגען מיט שעהנע באקען און ליכטיג גרויסע אויגען.

די קעניגען מיט די שעהנע באקען און ליכטיג גרויסע אויגען האט געהאט א פליהענדיגע שווארצע שלאנג.

האט צו דער חתונה די קעניגען פערפוצט איהר שלאנג מיט קלינגענדיגע זילבער רינגען און איז אויף איהר געפלויגען דורך דער נאכט וואוהין די לבנה האט געהייסען.

געפאלגט האט אויך דער קעניג די לבנה אין דער נאכט:

ער האָט געשפאַנט זיינע ליעבע ווייסע פערד און איז ארויס דער קעניגען אנטקעגען.

פערטריבען האָט מיט דער צייט די קעניגין דער קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען.

האָט די קעניגין פערנומען דעם קעניג'ס ווייסע פערד און איהם האָט זי איהר בייזע שלאַנג געלאָזען.

האָט זיך דורך די ווייסע נעכט די שלאַנג מיט די זילבערדיגע רינגען, געהאַלטען פאַר דעם קעניג'ס פענסטער.

אַפט פלעגט די שלאַנג זיך אויפהויבען אין דער הויך און פליהען ווי זי וואָלט אויף זיך די קעניגען געטראַגען.

און די זילבערדיגע רינגען פלעגען קלינגען אין דערנאַכט, ווי דער קעניגין'ס געלעכטער.

האָט איין מאָל, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, דעם קעניג זיך גע'חלומ'ט די שלאַנג האָט איהם געביסען.

פערפאַנצערט און מיט דער שווערד אין האַנט, איז ארויס דער קעניג פון זיין פאַלאַץ און האָט די שלאַנג געשטאָכען.

האָבען די גרינע אויגען פון דער שטאַרבענדיגער שלאַנג ארויפגע־בליצט צום קעניג און האָבען איהם געשאָלטען.

און פון דאַן אַן... אַך, קינדערלאך איהר קינדערלאך מיט בלינדע אויגען !...

---

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, זוכען די לבנה.  
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, וועד האָט זיי געבווירען ?  
קינדערלאך אויף טייכען.  
קינדערלאך אויף וועלדער.  
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.  
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען.

---

— איז געווען אמאָל א קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען ? !

— ס'איז געווען אמאָל אַ קעניג, מיט אַ רויטער באָרד און שטערענ־דיגע אויגען!
— האָט געהאַט דער קעניג פערד, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען?!
— יאָ, דער קעניג האָט געהאַט פיעלע ווייסע פערד!
— איז געווען אַ מאָל אַ קעניגין, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען?
— יאָ, ס'איז געווען אמאָל אַ קעניגין מיט שעהנע באַקען און ליכ־טיג גרויסע אויגען!
— האָט די קעניגין געהאַט אַ שלאַנג, קינדערלאך מיט בלינדע אוי־גען?!
— יאָ, די קעניגין האָט געהאַט אַ שווארצע שלאַנג מיט קלינגענדיגע זילבער רינגען!
— ווער האָט געבראַכט די קעניגין צום קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען?!
— די לבנה מיט איהר שיין און די שלאַנג די שווארצע!
— ווער האָט געבראַכט דער קעניגין דעם קעניג, קינעדרלאך מיט בלינדע אויגען?!
— די לבנה מיט איהר שיין און די פערד די ווייסע!
און, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, איצט קאָן דער קעניג פאר זיך ניט מעהר קיין רוה געפינען.
נאַכט נאָך נאַכט יאָגט זיך אום דער קעניג אויף זיין פערד.
די לבנה שפּרייט אַ רינג ווייט אַרום דעם קעניג.
עס לויפט דער קעניג, דער רינג לויפט מיט איהם און וויל דעם קע־ניג ניט בעפרייען.
שווארץ געוואָרען איז שוין לאַנג די שווערד און דער פּאַנצער פון דעם קעניג.
גרוי געוואָרען איז זיין רויטע באָרד פון יאָהרען און פון שטויב.
נאָר דעם קעניג'ס שטערענדיגע אויגען זיינען אין דער נאַכט פאַרט צועפענט ברייט און גרויס...
איהר אָבער קינדערלאך, אָך קינדערלאך מיט בלינדע אויגען!...

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלינדע פון געבוירען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלוי איז זייער הימעל.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען אין א נאכט א בלויער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.
נאכט און נאכט.
קינדערלאך אויף דעכער.
קינדערלאך אויף פעלזען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.

## וואַר־וואַ־הו דער שטורעם־שפּיעלער

דאָס איז די מעשה וועגען קי־קו־קי — דעם פויגעל, וועגען דער טענ־צעריין — דזין־דזין, וועגען דעם ליכטיגען פעטער שנייער, וועגען דעם ווילדען וואַרוואַ־הו, וועגען דעם שטאַרקען קריק־קריק פראָסט, וועגען דעם יעגער — פיף־פאַף־פּאַף און וועגען דעם בעטלער אַך־האָך־אָך.

— ווער איז קי־קו־קי?

— דאָס איז דער פויגעל פון דעם רייכען וואַ־לאַ־לאַ — דעם זומער.

אמאָל, ווען דער רייכער וואַ־לאַ־לאַ — דער זומער — האָט זיך דעם ערשטען מאָל דערפיהלט מיעד, האָט ער זיך פערקליבען אויף די בערג. פון דאָרטען האָט ער געוואָרפען זיינע לעצטע בליקען צו דער ערד און האָט זיך זעגענדיג אָנגערופען:

— ערד! איך מוז געהן. איך בין מיעד. עס וואַרט אויף מיר א בעט פון גאָלדענע און רויטע בלעטער. איך לאָז דיר איבער מיין זון — מיין גאָלדענעם פויגעל — קי־קו־קי. ער וועט דיר אויך אויף ווייטער ברענגען פאַר יעדען טאָג א נייעם מאָרגען, און יעדען אָוועגד וועט זיך אויך אויף ווייטער זיין גרויסער, גאָלדענער עק אָנטשעפּען אַן דיר און וועט דיך מיטשלעפּען אין דער וועלט פון נאַכט, אין דער וועלט פון רוה און פריע־דען.

— ווער איז די טענצעריין — דזין־דזין?

— זי איז די איין־און־איינציגע טאָכטער פון דעם ליכטיגען פעטער־שנייער.

— ווער איז דער פעטער שנייער?

— ער איז דער שפּרייטער פון די ווייסע ווינטער־נעצען. ער איז א ליכטיגער, ער איז א שטילער און א גוטער.

— ווער איז דער ווילדער וואָ־וואָ־הו?

— ער איז דער שטורעם־שפּיעלער. ער איז א לאנגער און א דינער. ער האָט א פיעדעל און א סמיק. שפּיעלט ער — נעהמען ווינטען בלאָזען, נעהמען בוימער רעדען. און ווערט ערגעץ ביי טאַטע־מאַמע פערשוואונדען זייער טאָכטער, איז דאָס די ארבייט פון וואָ־וואָ־הו. דאָס האָט ער זיך ווי א שווארצער ציגיינער פער׳גנב׳עט אונטער דער מיידעל׳ס פענסטער מיט זיין פיעדעל און זיין סמיק, און ווי נאָר די מיידעל האָט דערהערט זיין שפּיעלען, האָט זי שוין געמוזט פערלאָזען איהר היים און זיך לאָזען פיהרען פון איהם אין איינעם פון זיינע דרייצעהן וועלדער. און ברענגט וואָ־וואָ־הו א נייע מיידעל אין איינעם פון זיינע דרייצעהן וועלדער, ווערט א שטורעם. עס שרייען אויף אלע מיידלעך, וואָס ער האָט אין די וועלדער. זיי לויפען זיך צונויף פון אלע עקען און פון אלע טיעפעננישען, און ער ווערט ווילד פון פרייד און שפּיעלט אויף אזוי, אז זיי נעהמען אלע טאַנצען און שפּרינגען איבער בוימער און איבער צווייגען, און זיי שטעלען זיך פון מאָל צו מאָל ארום דער מיידעל און זינגען איהר:

שענע מיידעל, הער זיך צו —<br>
וואָ־וואָ־הו!<br>
טאַטע מאַמע לאָז צו רוה.<br>
וואָ־וואָ־הו!<br>
ווערסט א שוועסטער, ווערסט א קינד,<br>
וואָ־וואָ־הו!<br>
פון דעם גרויסען שטורעם ווינד —<br>
וואָ־וואָ־הו!

און אזוי ביז זיי ציהען פון איהר אראָפּ טאַטע־מאַמע׳ס קליידער, ביז זיי וואַרפען אויף איהר ארויף א פער׳כשופ׳טע העמד, וואָס טראָגט מיט זיך ווינט און שטורעם. נאָכדעם נעהמען זיי זי אריין צווישען זיך

און טאַנצען מיט איהר אַזוי לאַנג, ביז זי פערגעסט פון וואַנען זי קומט און וואו זי איז געבוירען, ביז זי ווערט שוין אַ ווינד־מיידעל אויף אייביג.

יאָ, אַט אַזוי טהוט וואָר־וואָ־הו מיט שעהנע מיידלעך, ווייל ער האָט זיי ליעב, ווייל ער האָט ליעב, אַז זיי זאָלען איהם העלפען טרייבען ווינ־טען אויף דער וועלט, אַז זיי זאָלען איהם העלפען צינדען פייערען אין די נעכט.

מעהר אבער פון אַלע שעהנע מיידלעך פון דער גאַרער וועלט האָט וואָר־וואָ־הו ליעב דעם פעטער שנייער׳ס ציטערדיגע טאָכטער, די איין־און־איינציגע — דזין־דזין. נאַכט אויף נאַכט פלעגט וואָר־וואָ־הו קומען און שפּיעלען פאַר איהר. דזין־דזין וואָלט מיט איהם געגאַנגען וואוהין נאָר זיין האַרץ וואָלט געגלוסט, נאָר וואָר־וואָ־הו האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָלט זעהר וועה געטהאָן דעם ליכטיגען פעטער שנייער, אַז דער גוטער פעטער שנייער וואָלט נאָכדעם געבליבען איינער אַליין אויף דער וועלט. פלעגט ער דערפאַר אוועקגעהן פון דעם הייזעל אָהן דער שעהנער דזין־דזין. יואָס ער האָט ליעב געהאַט מיט אַלע ביינער פון זיין לייב.

— ווער איז קריק־קריק פראַסט?

— ער איז דער הערשער פון דעם ווינטער.

עס איז געוועזן, ווען דער ליכטיגער פעטער שנייער האָט צום ערש־טען מאָל איבערגעדעקט מיט זיינע ווייסע נעצען די גרויסע גרויע וועלט און די צושטערטע גיטער פון דעם רייכען וואַ־לאַ־לאַ, האָט ער אויף די וועגען דערזעהן אַ קליין און הילפלאָז קינד. דאָס איז געוועזן קריק־קריק־פראַסט. דער גוטער פעטער שנייער האָט דאָס קינד אָנגענומען ביים הענטעל און געפרעגט:

— ווער ביזטו, קינד?

קריק־קריק־פראַסט האָט נאָך אבער ריידען ניט געקענט. האָט איהם דער פעטער שנייער גענומען אויף זיינע הענט און געבראַכט צו זיך אין הויז. האָט איהם געגעבען ברויט און זאַלץ און פאָטער־ליעבע, איז ער פון דעם געוואַקסען, ביז ער איז גרויס און שטאַרק געוואָרען, ביז זיין אָטהעם האָט גענומען אָפּשטעלען טייכען, בעהערשען דערפער און פעלדער און שטעדט, ביז ער האָט פאַר זיך פערנומען אַלע וועלדער און אַלע וויג־

מיידלעך פון דעם שטורעם־שפּיעלער וואָו־וואָ־הו, ביז ער האָט גענומען טראַכטען ווי אוועקצונעהמען ביי דעם גוטען פעטער שנייער זיין איינ־ציגע טאָכטער — דזין־דזין...

ווער איז פיף־פאַף־פאַף?

ער איז דער יעגער מיט'ן גרויסען ביקס איבער די אקסעל און מיט דעם שטאַרקען פלינקען פערד. זיין פערד איז גרויס און לאַנג און איז אויבען ווייס ווי שניי און אונטען שוואַרץ ווי נאַכט. בייטאָג האָט יעגער פיף־פאַף־פאַף זיך ליעב צו יאָגען מיט זיין פערד און מיט זיין ביקס נאָך די בערען אין די וועלדער, און ביינאַכט האָט ער ליעב צו היטען די ווינד־מיידלאַך, ווי זיי טראָגען זיך ארום אין דער לופטען, ווי זיין קליי־בען צונויף שטיקער האַלץ און צינדען זיי אָן מיט דעם שיין פון זייערע בלויע אויגען... מעהר אבער פון אַלע אנדערע מיידלאַך האָט פיף־פאַף־פאַף ליעב צו היטען די טענצערין דזין־דזין...

יאָ, ניט נאָר וואָו־וואָ־הו, ניט נאָר קריק־קריק פראָסט, נאָר אויך יעגער פיף־פאַף־פאַף האָט זעהר ליעב דעם פעטער שנייער'ס טאָכטער, די מיידעל דזין־דזין. אפילו די האָר פון זיין קאָפּ, אפילו די נעגעל פון זיינע פיס האָבען ליעב די שטיפערין דזין־דזין. דזין־דזין אבער האָט נאָר ליעב דעם שטורעם־שפּיעלער וואָו־וואָ־הו. פלעגט דערפאַר אָפט יע־גער פיף־פאַף־פאַף פאַר כעס אוועקשליידערען זיין גרויסען ביקס און אוועקטרייבען זיין פלינקען פערד און פלעגט זיך נעהמען שלאָגען מיט זיין קאָפּ אָן די ביימער פון די וועלדער, און פלעגט פאַר כעס טראַכטען, אז ער וועט זי גאָר אינגאַנצען איבערגעבען אין די הענד פון דעם בייזען קריק־קריק פראָסט.

און איינמאָל, ווען די שעהנע דזין־דזין האָט איהם אַלץ ניט געוואָלט ליעב האָבען, און זי האָט זיך נאָך אויסגעלאַכט פון איהם און פון זיינע גרינע אויגען, איז ער גלייך אוועק צו קריק־קריק פראָסט און האָט איהם געזאָגט:

— איך ווייס ווי אזוי דו קאָנסט אריינקריגען די קליינע דזין־דזין אין דיינע וועלדער.

— ווי אזוי ? — האָט געפרעגט דער שטארקער קריק־קריק פראָסט און האָט זיך אויפגעהויבען...

ביי יעגער פּיף־פּאף־פּאף האָבען זיך אנגעצונדען זיינע גרינע אוי־גען און ער האָט געזאגט :

דו גיב אוועק דעם ציגיינער וואָר־וואָ־הו עטליכע פון די וועלדער, וואָס דו האָסט ביי איהם פערנומען. זי האָט איהם ליעב און ער וועט זי ברענגען צו דיר, ווייל ער דארף די וועלדער, ווייל ער האָט ניט וואוהין צו פערפיהרען די מיידלאך, וואָס ער פערנארט.

קריק־קריק פראָסט האָט ליעב געהאט יעדען בוים פון די וועלדער. און וויפיעל ער האָט געהאט, איז איהם אלץ קארג געווען. פאר דער קליי־נער דזין־דזין אבער האָט ער אפּגעצעהלט שטארקע דרייצעהן וועלדער, ווייל קריק־קריק פראָסט האָט געוואוסט, אז אליין וועט ער די שעהנע דזין־דזין קיינמאָל ניט קענען אוועקנעהמען פון איהר טאטען, דעם פעטער שנייער, ווייל דער פעטער שנייער האָט איהם אליין אויף זיינע הענט געטראָגען, ווייל דער פעטער שנייער האָט איהם געגעבען ברויט און זאלץ און פאָטער־ליעבע...

און ווען וואָר־וואָ־הו האָט פאר זיך דערזעהן דרייצעהן שטארקע וועלדער, האָט ער ניט אויסגעהאלטען. ער איז אוועק און האָט זיך בע־האלטען אונטער א בוים ניט ווייט פון דעם פעטער שנייער׳ס הייזעל און האָט זיך פאנאנדערגעשפּיעלט, אז דער דאך איז ארונטערגעריסען געוואָרען, אז די פענסטער זיינען ארויסגעפאלען, ביז דזין־דזין האָט פער־לאָזען דעם טאטען און זיין הויז, ביז זי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו קריק־קריק פראָסט, ביז מען האָט איהם אפּגעצעהלט די דרייצעהן וועלדער.

און דעם פעטער שנייער׳ס הייזעל איז פון דעמאָלט אָן פערבליבען אָהן פענסטער און אָהן א דאך. און א שטילער, א ליכטיגער און א פער־טראכטער זיצט ער דאָרט איינער אליין און שפּינט די ווייסע שניי־נעצע דורך טאָג און דורך נאכט און לאָזט זיי אויפ׳ן ווינד, ווען עס קומט די צייט.

און ווען עס בעפאלט וואָר־וואָ־הו׳ן א בייגקען נאָך דער קליינער

דזין־דזין, וואָס מען האָט ביי איהם אויסגענארט, גנב'עט ער זיך אריין אין קריק־קריק'ס וועלדער מיט זיין פידעל און זיין סמיק. און ווען קריק־קריק פראָסט ווערט פון דעם אזוי אויפגערייצט, אז ער איז גרייט אומצוברייגנען די וועלט אין זיין כעס, דעמאָלט פערלאָזט דער ליכטיגער פעטער שנייער זיין צובראָכען הייזעל. א שטילער, א בלאסער און א לויטערער געהט ער ארום אויף דער וועלט. זיינע גרויסע און ליכטיגע אויגען קוקען אזוי, אז יעדער בייזער און שולדיגער, וואָס בעגעגענט זיך מיט זיי, לאָזט אָפּ הענט און פיס... מעג דאָס זיין א הונט, וואָס האָט ניט קיין היים און האָט ניט קיין חבר, אן אומגליקליכער הונט, וואָס זעצט זיך צו אין א קאַלטער ווינטער־נאכט ערגעץ אין עק פון א דאָרף און נעהמט זיך פאַנאַנדערבילען זיין שווערען וועה אין דער קאַלטער נאכט; מעג דאָס זיין א הונגעריגער וואָלף, ווען די שארפע קעלט נעהמט טרייסלען די דארע ביינער, און ער לויפט מיט ווילד אַנגעצונדע־נע אויגען פון זיין וואַלד ארוים; מעג דאָס זיין אפילו דער שטארקער קריק־קריק פראָסט, ווען ער וויל אין זיין בייזען כעס אומברייגנען די וועלט. — בעוויזט זיך נאָר אויף'ן ברעג פון דער ערד די שטילע גע־שטאַלט פון דעם ליכטיגען פעטער שנייער, מיט די ווייסע נעצען, מיט די גרויסע און ליכטיגע אויגען, וואָס האָבען איצט אויף דער וועלט גאָרניט, פאַלט אָפּ זייער כעס און זייער בייזער. און בעגעגענען זיי זיך מיט זיינע בליקען, לאָזען זיי אָפּ הענט און פיס און ווערען שטיל און גוט און פרום.

— און ווער איז בעטלער אַך־האַך־אַך?

— ער איז גרוי ווי די ערד נאָך זומער. ער האָט א שטעקען מיט א טאָרבע און א פעקעל מיט מעשה'לעך פאַר יונג און אלט, מיט מעשה'לעך פאַר קינדער.

אמאָל אין א גרויסען ווייסען ווינטער האָט געטראָפען, אז בעטלער אַך־האַך־אַך איז זיך געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף און איז פערגאַנגען אין א וואַלד אויף נאכט.

אַך־האַך־אַך איז געווען מיעד פון וועג, האָט ער ביי זיך אָפּגע־

מאכט: וואוהין וועל איך געהן אין דער נאכט דורך אזא גרויסען פרעמ־דען וואלד? איך וועל פאר מיר בעסער דא ערגעץ אויפזוכען א זיכערען פּלאץ, וועל זיך צושפּארען אויף מיין טאָרבע און וועל דאָ איבער זיין די נאכט.

און ווען אך־האך־אך האט זיך גענומען אויפזוכען א זיכערען פּלאץ פאר זיך, האט זיך פאר איהם מיט אמאָל בעוויזען אן אָפענער טהאָל אין וואלד. אין דעם טהאָל איז געשטאנען א פערפרווירענער טייך און אויפ'ן מיטען טייך איז געשטאנען א צובויגענער בוים.

דער בוים איז געשטאנען ווי אויף אומצופאלען...

און ווען אך־האך־אך האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דעם בוים, האט ער דערזעהן, ווי פון דעם בוים הויבט זיך אויף א דינער מענש. דער מענש האט געהאט הויכע פיס און שרעקליך לאנגע און דארע הענט און ער איז צוגעקומען צו אך־האך־אך און האט געפרעגט:

— ווער ביזטו?

האט איהם אך־האך־אך געענטפערט:

— איך בין א בעטלער.

האט דער מענש איהם ווייטער געפרעגט:

— בעטלער, קומסטו אהער פון ווייט?

— יא, איך קום אהער פון ווייטע וועגען, — האט אך־האך־אך גע־ענטפערט.

— האסטו וואו בעגעגענט דעם פעטער שנייער? — האט זיך דער מענש געפרעגט.

— ניין, — האט אך־האך־אך געענטפערט, — ניט געזעהן און ניט געהערט.

— ווייסטו, בעטלער, אז היינט איז א יום־טוב אין דעם וואלד? — האט דער מענש געזאגט.

— א יום־טוב?! — האט אך־האך־אך געפרעגט. — פאר וואס און פאר ווען?..

איז דער דינער מענש געוואָרען נאך דינער און לאנגער און האט געזאגט:

— עס איז א יום־טוב, ווייל איך שפּיעל באלד אויף און ברענג אראָפּ א שטורעם אין דעם וואלד.

בלייבט אָך־האָך־אָך אזוי צושראָקען שטעהן, קנייטשט זיין שטערען, טאַפּט זיין שטעקען, ווייסט ניט וואָס דאָס זאָל באַטייטען און ער פרעגט:

— וואָס הייסט, דו ברייגנגסט אראָפּ א שטורעם אין דער נאכט אהער אין וואלד ? !...

שפּרייט דער דינער מענש פאַנאַנדער זיינע שרעקליך לאַנגע און דינע הענט, וואקסט מיט אמאָל אין איינער פון זיי אויס א פּיפעדעל און אין דער אנדערער א סמיק, די האָר הויבען זיך איהם אויף אין דער לופ־טען און ער זאָגט:

— איך בין וואָ־וואָ־הו — דער שטורעם־שפּיעלער.

האָט אָך־האָך־אָך צועפּענט מויל און אויערען, גענומען מיט שרעק קוקען אויף דעם שטורעם־שפּיעלער וואָ־וואָ־הו, און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

און איידער וואָס ווען, איז דער גאנצער וואלד ווי דורך א כישוף פערשפּרייט געוואָרען מיט פאַנאַנדערגעלעגטע בלויע פייערען און אזוינע מאָדנע מיידלאך מיט אזוינע צינדערנדיגע בלויע אויגען האָבען זיך ארומ־געדרעהט ארום די פייערען, מיידלאך, וואָס האָבען זיך אלע מאָל אויפגע־הויבען אין דער לופט ווי שטיקער ווינד.

— און וואָס איז דאָס ? ! — האָט אָך־האָך־אָך געפרעגט, זיך אָנ־האלטענדיג אָן זיין שטעקען און אָן זיין טאָרבע...

וואונדערט זיך וואָ־וואָ־הו און פרעגט :

— וואָס, בעטלער, דו האָסט דאָס נאָך גאָר קיינמאָל ניט געזעהן ? !

— ניין, — ענטפערט אָך־האָך־אָך. — ניט געזעהן און ניט גע־הערט.

— מיט מיין שפּיעלען האָב איך, בעטלער, פערפיהרט אין די וועל־דער די שעהנסטע מיידלאך פון דער וועלט און האָב זיי דאָ געמאכט פאר ווינד־מיידלאך. איז נאָכדעם געקומען קריק־קריק פראָסט און האָט פער־נומען די וועלדער מיט די מיידלאך. קריק־קריק פראָסט איז גרוי ווי א זיידע, און זיינע וועלדער זיינען איצט גרויס ווי די וועלט, און זיינען

פּול מיט מיינע ווינט־מיידלאַך, און קומט אַן די נאַכט נעהמען זיך מיינע מיידלאַך מיט זייערע בלויע אויגען צינדען אַן די פייערען אין די וועלדער, און ווען עס שטאַרקען זיך די פייערען, שטאַרקט זיך דער פראָסט, ווערט דער זיידע פון דעם צופריעדען און לאָזט זיך גהן איבער די וועלדער. ער ברעכט בוימער און ווארפט זיי אין פייער, ער שפּאַלט מיט זיינע הענט אין שטיקער די שטאַרקסטע דעמבעס, און מיינע מיידלאַך האָבען ליעב פייער, כאַפּען זיי מיט פרייד אונטער די שטיקער און ווארפען זיי אין פייער און צולעגען נאָך אַלץ נייע און נייע פייערען און די פייערען קנאַקען זיך פאַנאַנדער. — אַט, הערסט ווי זיי קנאַקען ? !

ווען וואָ־ווּאָ־הו איז שטיל געוואָרען, האָט אַך־האַך־אַך זיך אומגעקוקט אויף דעם וואַלד, וואָס איז מיט אמאָל געוואָרען גרויס ווי די וועלט... אויף די שפּרינגענדיגע און פליהענדיגע ווינד־מיידלאַך, אויף די בלויע פייערען, וואָס האָבען אַזוי מורא׳דיג געקנאַקט אין דער נאַכט, אַז אַ גרויל איז אַריבער זיין לייב, און ער האָט ווי פאַר זיך אַפּגעזאָגט:

— אַך־האַך־אַך ! וועט, הייסט דאָס, באַלד ווערען אַ ברענענדינער פראָסט ?

— אַ פראָסט און אַ שטורעם, — האָט וואָ־ווּאָ־הו צוגעלעגט.

— און נאָך אַ שטורעם אויך ? ! אַך־האַך־האַך !

— יאָ, — האָט וואָ־ווּאָ־הו געענטפערט. — ווייל איך וועל באַלד אויפרייצען דעם אַלטען קריק־קריק פראָסט און זיין נאַרישען דיענער, יעגער פּיף־פּאַף־פּאַף. די ווינט־מיידלאַך וועלען זיך באַלד נעהמען יאָגען און טראָגען איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער שטעדט און איבער דערפער. און דו, בעטלער ! —

קוק אַהין
און קוק אַהער !
איינס !
צוויי !
און שטעה !

און ווי נאָר וואָ־ווּאָ־הו האָט דאָס אַפּגעזאָגט, איז אַך־האַך־אַך מיט

איהם שוין געשטאַנען אויף א בערגעל ביי אן אויסגעהיילטען בוים, און ביי דעם בוים האָט צו איהם וואַ־וואַ־הו אזוי געזאָגט:

— בעטלער! — אביסעל וועט דיר אָט דער בוים פון מיין שטורעם־שפּיעל בעשיצען, און נאָכדעם וועט אפשר דער פעטער שנייער קומען אין צייט, וועט זיין שניי דיך איינדעקען.

— אַך־האַך־אַך! — האָט דער בעטלער אַפּגעזיפצט און איז אריינגעקראָכען אין דעם אויסגעהייל̈טען בוים, וואָס אויפ'ן בערגעל. פון דאָרט האָט ער געקענט זעהן אלץ וואָס קומט פאָר אין וואלד און איבער'ן וואלד.

און וואַ־וואַ־הו האָט גלייך פאַנאַנדערגענומען זיינע לאַנגע, דאַרע הענט, ווי צוויי שפּיציגע פליגלען. אין איין האנד איז געווען זיין סמיק, אין דער אנדערער זיין פּיעדעל, און ער איז מיט איין מאַך א פליה געטהאָן צום אייז, צו דעם צוקנייטשטען דאַרען בוים, וואָס שטעהט ווי אויף אומצופאַלען.

און ווי נאָר וואַ־וואַ־הו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעבען בוים, האָט ער גלייך אַרויפגעלעגט זיין סמיק אויף די סטרונעס און די פּיעדעל האָט גענומען רופען.

האָט א ווינט־מיידעל דערהערט — מען רופט, איז זי אַרויס פון דעם וואלד צום אייז, זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז דאָס איז דער ציגיינער וואַ־וואַ־הו, דער שטורעם־שפּיעלער.

וואַ־וואַ־הו האָט אבער אלץ ניט אויפגעהערט צו רופען מיט זיין פּיעדעל.

האָט די מיידעל פערשטאַנען, אז מען מיינט ניט זי, האָט זי אויפגעהויבען איהר קאָפּ און איהר האַנט און איהם געהאָלפען רופען. איז אָנגעקומען נאָך און נאָך א מיידעל. וואַ־וואַ־הו אבער האָט מיט אמאָל גענומען שפּיעלען, אזוי, אז זיין פּיעדעל האָט פון מאָל צו מאָל גענומען קלאָר און שאַרף רופען:

דזין־דזין!

דזין־דזין!

דזין־דזין־דזין!...

האָבען די אַנגעלאָפענע מיידלעך גענומען לויפען אין אַלע זייטען און האָבען אינאיינעם מיט דעם פיעדעל געזוכט און גערופען:

דזין־דזין!
דזין־דזין!
דזין־דזין־דזין!...

און אַך־האַך־אַך איז זיך געלעגען אין דעם אויסגעהוילטען בוים און געטראַכט:

וואָס איז דאָס פאַר אַ דזין־דזין?

האָט איהם דער אויסגעהוילטער בוים געענטפערט:

„דזין־דזין איז די מיידעל, פאַר וועלכער קריק־קריק פראָסט האָט אָפּגעצעהלט שטאַרקע דרייצעהן וועלדער.

„זי איז דעם זיידען טהייער ווי דער שוואַרצאַפּעל פון אויג.

„זי האָט אָבער ליעב דעם שפּיעלער וואָו־וואַ־הו.

„זי האָט ליעב צו טאַנצען אונטער זיין פיעדעל און זיין סמיק.

„און ווען די פיעדעל רופט אין מיטען פון איהר טאַנצען אויס: דזין־דזין! שפּרינגט זי אויף אין דער לופטען פון פרייד.“

טראַכט פאַר זיך אַך־האַך־אַך:

פאַר וואָס זשע קומט זי ניט, אַז זי האָט איהם אַזוי ליעב?

נעהמט דער בוים ווידער רעדען און זאָגט:

„דזין־דזין האָט היינט מורא מעהר ווי אַלע מאָל.

„זי ווייסט, אַז פיף־פאַף־פאָף מיט די גרינע אויגען ליעגט ערגעץ אין אַ לאָך ניט ווייט פון איהר און וואַרט אָפּ איהר יעדער טראָט.

„זי ווייסט אויך, אַז דעם זיידען — קריק־קריק פראָסט, געהט דאָס היינטיגע נאַכט זעהר גוט.

און נאָכדעם,

ווען ער וועט אָנברעכען אַ סך בוימער,

ווען ער וועט אָנשפּאַלטען אַ סך העלץ,

ווען די בלויע פייערען וועלען שוין זיין צושפּרייט איבער אַלע וועלדער,

ווען ארום די פייערן וועלען אלע ווינט־מיידלאך טאַנצען אין פרעהליכע רעדער,

וועט זיך דעם זיידען פערוועלען האבען נעבען זיך זיין דזין־דזין, פאר וועלכער ער האט אפגעצאהלט די דרייצעהן וועלדער."

פערנעהמט אך־האך־אך די רייד פון דעם בוים און זעהט, אז וואָר־וואַ־הו וויל פון גארניט וויסען, זיין פידעל רופט אלץ אונ רופט, און די מיידלעך גליטשען זיך איבער'ן אייז אהין און אהער און שרייען אויס און הילכען אפּ. און וואָר־וואַ־הו'ס לאנגע הענט צורייצען זיך אלץ מעהר און מעהר, צורייצען זיך אויך די טענער און די מיידלאך און נעהמען זיך ארומטראָגען כעס'דיג און ווילד. און אט האבען זיך די מיידלאך גאר גענומען בארוועס קלעטערען אויף די פערשנייטע ביימער. פון דארטען האבען זיי פערציטערטע און צושראָקענע גענומען קוקען און זוכען איבער דעם ווייסען און ווייט צוצווייגטען ווילדען וואלד, און זיי האבען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער גענומען שרייען און רופען:

דזין־דזין!

דזין־דזין!

דזין־דזין־דזין!

האבען זיך אויף זייערע געשרייען אנגעטראָגען נייע כוואַליעס און כוואַליעס ווינט־מיידלאך און זיי זיינען אלע פערכאפּט געוואָרען פון דעם דזין־דזין געשריי, און האבען פון זיך אראָפּגעוואָרפען זייערע ווייסע שניי־שלייערס און זיינען ארויסגעשפּרונגען אין זייערע בלויע ווינט־העמדער, און האבען זיך אומגעקוקט צושראָקענע, און האבען מיט שרעק דערזעהן, אז דזין־דזין איז צווישען זיי ניטאָ. זיינען זיי דערפאר אלע מיט איין מאָל אראָפּגעשפּרונגען פון די ביימער מיט אנגעבראָכענע צווייגען אין די הענט, און האבען זיך מיט די שפּיציגע צווייגען גענומען שמייסען איי־נע די אנדערע. און אט האבען זיי גאר אויסגעשטשירעט זייערע ווייסע שפּיציגע ציינער און האבען זיך גענומען בייסען מיט אזא בייזקייט, אז אך־האך־אך האט פון דעם דערפיהלט א שרעקליכען גרויל אין זיינע קאַל־טע ביינער. און אט האבען ביי די ווינט־מיידלאך מיט אמאָל אויפגע־גלאנצט זייערע אויגען מיט א בייזען פייער און זיי האבען מיט זייערע

אויסגעשטשירעטע צייהן זיך גענומען בייסען די לופט, ווי זיי וואָלטען פון איהר שטיקער רייסען. און נאָכדעם האָבען די מיידלאַך גאָר אויפגע־הויבען זייערע קעפּ און האָבען זיך פאַנאַנדערגעבילען ווי הינט...

איז אַך־האָך־אַך פון דעם שיער אַהן אָטהעם געבליבען. עס האָבען איהם גענומען פריהרען די האָר אויפ'ן קאָפּ. האָט שוין די שעהנע דזין־דזין לענגער נים געקענט אויסהאַלטען און איז מיט אַמאָל פון ערגעץ אויפגעשפּרונגען און האָט זיך גענומען לייכט קייקלען און שפּרינגען אי־בער בארג און טהאָל...

האָבען ביי דעם יעגער פּיף־פּאַף־פּאָף זיך אָנגעצונדען זיינע גרינע אויגען און ער האָט זיך גלייך ארויפגעכאַפּט אויף זיין גרויסען לאַנגען פערד, וואָס איז אויבען וויים ווי שניי און אונטען שווארץ ווי נאַכט, און ער האָט זיך גענומען יאָגען נאָך איהר פון טהאָל צו טהאָל, פון בארג צו בארג, פון וואַלד צו וואַלד. דאָס פערד האָט זיך געטראָגען שנעלער פון א ווינד אין פעלד, שנעלער ווי א פייל פון בויגען. און ווען דער יעגער מיט די אָנגעצונדענע גרינע אויגען האָט דערזעהן, אז ער קען זי פּאַרט נים אָניאָגען, האָט ער גענומען שיסען פון זיין גרויסען ביקס:

— פּיף־פּאַף־פּאָף! — האָט גענומען קנאַלען איבער'ן וואַלד ביין און שווער — פּיף־פּאַף־פּאָף!!!...

זיינען נאָך יעדען שאָס פון אַלע זייטען אויפגעשפּרונגען הונדער־טער און הונדערטער ווינט־מיידלאַך און האָבען זיך הוזשענדיג און קווי־טשענדיג גענומען נאָכפליהען נאָך פּיף־פּאַף־פּאָף און נאָך זיין פערד.

דזין־דזין אָבער האָט זיך געקאַטשעט און איז געשפּרונגען איבער די טהאָלען און בערג שנעלער פון פּיף־פּאַף־פּאָף און פון זיין פערד. זי האָט געטאַנצט און איז געשפּרונגען איבער דעכער, איבער שניי און אי־בער בוימער און האָט זיך בעוויעזען אויפ'ן אייז. — — —

און ווי נאָר דזין־דזין האָט זיך בעוויזען אויפ'ן אייז, האָט זיך דערהערט קריק־קריק פּראַסט'ס ווילדסטער בייזער. עס האָט אויפגעצי־טערט דער גרויסער אַלטער וואַלד. עס האָט זיך אויפגעשלאָגען א געדיכ־טער ווייסער שטויב. עס האָבען גענומען קנאַקען צווייגען און פּלאַצען בוימער. דאָס אייז האָט זיך גענומען אין שטיקער רייסען, עס האָבען אויפגעציטערט שטערט און דערפער. — — —

און דער אויסגעהוילטער בוים האָט דעם אָרימען אַד־האַד־אַד לענ־גער ניט געקענט באַשיצן, און אַד־האַד־אַד איז אַרויסגעפאַלן צו דער ערד ווי אַ שטיין.

ערגעץ אויפ׳ן עק פון דער ערד האָט זיך אָבער באַלד בעוויזן די בלייכע געשטאַלט פון דעם ליכטיגן פעטער שנייער, וואָס האָט אויף דער וועלט גאָר ניט, נאָר אַזוינע ווייסן נעצן און אַזוינע קלאָרע אוי־גען, וואָס יעדער בייזער און שולדיגער ווערט פאַר זיי אַפּהענדיג...

דער ערשטער, וואָס האָט דערזעהן דעם פעטער שנייער אין יענער נאַכט, איז געווען אַ הונגעריגער וואָלף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואָיעט ביים ברעג פון וואַלד. און ווי נאָר דאָס ערשטע שנייעלע האָט זיך אוועק־געזעצט אויף דער נאָז פון דעם צרייצטען קריק־קריק פראָסט, האָט זיין כח געגומען שווינדען, און ווען עס האָבן פאַר איהם אויפגעשיינט דעם פעטער שנייער׳ס וואונדערבאַרע אויגען, האָט ער מיט אַמאָל אַפּגעלאָזט הענט און פיס.

אַ געדיכטער שניי האָט גענומען איינדעקן און בערוהיגן דעם אַלטן וואַלד.

און דער שניי האָט אויף דערפרישט אַד־האַד־אַד׳ס דערפרוירענע גליעדער.

און דער שניי האָט אויף אַפּגעמינטערט אַד־האַד־אַד׳ס פער׳חלש׳טע האַרץ.

נאָכדעם האָט גלייך גענומען ברעכן אויף טאָג, און אין וואַלד איז אַריין די זון — דער גרויסער גאָלדענער פויגעל — קי־קו־קי, וואָס דער רייכער וואָ־לאַ־לאַ האָט נאָך פאַר זיין ערשטען אוועקגעהן געשענקט דער ערד.

— קי־קו־קי, דו אַלטער וואַלד! — האָט די זון אויסגעשריען — אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ נייעם מאָרגען!

האָבן די בוימער פון דעם פערשנייטען אַלטען וואַלד אויפגעשיינט ווי לאַכענדיגע קינדער, און האָבן זיך גענומען באָדען אין דעם גאָלדע־נעם מאָרגען.

דריטע טהייל:

# דער גבור.

און יפתח פון גלעד איז געווען א
גרויסער גבור, און ער איז געווען
דער זוהן פון א זונה.
(שופטים. י״ א׳.)

## א.

וועלט איין, וועלט אויס.

און אמאל איז געווען א גבור.

און דער גבור האט געוואוינט מיט זיין טאכטער אין זיין ווייס נעצעלט אויף א הויכען בארג,

און אויפ'ן שפיץ פון דעם בארג איז געווען א הויכער פעלז.

און אויפ'ן הויכען פעלז איז געשטאנען א פיערעקיגער טורעם, וואס איז געווען ארומגעשטעלט מיט בלאנקע שווערדען און שפיזען.

און אויפ'ן שפיץ פון פיערעקיגען טורעם האבען זיך צושפרייט דריי גאלדענע פיילבויגען, פון וועלכע עס האט זיך אנגעהויבען נאך א טורעם, א רונדער, א שפיציגער.

און דער רונדער שפיציגער טורעם האט זיך פערשניטען מיט זיינע שארפע שפיזען און מיט זיין הויכען שפיץ גלייך אין הימעל אריין.

און אויף דעם הויכען שפיץ פון דעם אויבערשטען טורעם איז געשטאנען א ווייסע טויב מיט א גרינעם בלאט אין מויל.

די טויב האט דער גבור געהייסען ארויפשטעלען אויף זיין טורעם נאך דעם, ווי ער מיט זיינע פרייע מחנות האבען אנגעווארפען א שרעק אויף די אלע ארומיגע ווילדע שבטים, עס זאל הייסען:

„פריעדען הערשט אין לאנד".

עס זאל הייסען:

„ער גלויבט אין דעם גערעכטען גאט — יהוה, — אין דעם גאט,

וואָס האָט געשוואָרען צו זיינע עלטערען, מעהר ניט צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט. —

„און מיט דעם שווערט דער גבור צו די אַנדערע שבטים, מעהר ניט אַנצופאַלען אויף זיי."

און רוה און פריעדען האָט געהערשט אין דער גאַנצער בערגיגער געגענד, וואָס אַרום דעם באַרג.

רוהיג און פריעדליך פלעגט זיך טראָגען אין דער טיעפער בערגיגער נאַכט דאָס געזאַנג פון די פאַסטוכער:

עס איז דאָ אַ גערעכטער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַן —
אונזער גבור.
עס איז פון אַלע גרעסער, שטאַרקער —
אונזער גבור.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה —
זיין שושנה — — —

און דאָס געזאַנג פלעגט זיך איבערוועבען מיט'ן שפּיעלען אויפ'ן פייפעל, מיט'ן קלאַפּען אין בלעך, מיט'ן טאַנצען און אַרומנעמען זיך פון די חברים מיט די חבר'טעס און מיט'ן זיידענעם גערויש פון די לאַנגע טייכען, וואָס האָבען צופריעדען געטראָגען זייערע בלויע וואַסערען איבער דעם רייכען פעטען לאַנד.

און אַרום די צולייגטע פייערען פלעגען זיך צונויפקומען די קריעגער און פלעגען זיך פריעדליך דערצעהלען וועגען זייער גבור.

און זיי פלעגען זיך דערצעהלען פון יענער צייט ווען זייער גבור איז נאָך געווען צווישען די בערג פון גלעד.

און ער איז געווען דער ליעבסטער זוהן פון דעם הערשער און שופט־גלעד.
און ער איז פון דאָרטען פערטריבען געוואָרען.
און פונקט דאַן, ווען ער איז געקומען פון א זיגרייכער מלחמה.
און דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק און זיינע ברידער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם עלטסטען ברודער, וואָס האָט זיך גענומען רופען „אבי בעל“ האָבען גע׳טענה׳ט:
„ער איז ניט פון דעם הערשער׳ס ערשטער ווייב.
„און מיר ווילען ניט, אז א זוהן פון א פרעמדער זאָל אויף אונז קעניגען!“
„ער איז דער זוהן פון א פרעמדער! פון א זונה!— האָבען זיי געשריען מיט זייערע העלזער אין אלע גאַסען.
און שטיל, ביי זיך אין הארצען, האָבען זיי געדרענקט:
„ער איז דער, וואָס לאַכט און שימפּפט פון דער עשתורת, פונ׳ם בעל און פונ׳ם מולך, די גוטע געטער, וואָס מיר נעמען איבער פון די שטארקע עמונים.
‚און ער רופט אונז נאַראָנים.
„און ער רופט אונז זינדער.
„און ער נעמט אין זיינע מחנות ניט אריין קיינעם פון אונז, וואָס גלויבט אין די געטער.“

*

און עס ווערט דערצעהלט:
„און עס איז געווען אין מיטען דער נאַכט.
„און זיין געוועהר־טרעגער, דער גוטער רמליה, האָט איהם פּלוצלינג אויפגעוועקט:
„גבור, שטעה אויף!
„דאָס פערד איז שוין געזאַטעלט!
„לויף שנעלער פונ׳ם ווינד!
„לויף! און זאָלען דיר די גרענעצען פון גלעד אנטקעגען שפּרינגען!

„און זאָלען זיי בלייבען ווייט הינטער דיר.
„לויף! און זאָל דיין פנים ניט קוקען אויף הינטען.
„דיינע גיטער זיינען אין פייער!
„דיינע ווייבער געשענדט אין מיטען מאַרק!
„דיינע קינדער געטוידט!
„דאָס פאָלק איז צורייצט.
„עס האָט פערגעסען אינ׳ם גוטס, וואָס דו האָסט פאַר איהם געטהאָן.
„לויף, לויף!
„איך וועל דיך שפּעטער אָניאָגען."

*

די בלויע נאַכט האָט זיך דאַן צושפּיעלט מיט׳ן שיין פון די שטערען און פון דער פולער לבנה.

און דער גבור איז געלאָפען אין דער נאַכט אויף זיין שנעלען רויטען פערד.

און ער האָט זיך מיט זיין שווערד דורכגעריסען דורך די מחנות קריעג־ער, וואָס האָבען איהם געזוכט און וואָס זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען.

און ער איז אויף זיין פערד איבערגעשוואומען דעם, מיט לבנות פערשפּיעגעלטען, טייך ארנון.

און מען האָט איהם נאָכגעיאָגט.

און ער איז ווייטער געלאָפען.

און ער איז געלאָפען אזוי לאַנג און אזוי שטאַרק ביז דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען.

און עס איז געווען, ווען דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען, האָט זיך אויף איינעם פון די בערג צו איהם בעוויזען אברם — דער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד.

אין איין האַנד האָט דער גרייז געהאַלטען אַ הויכען שטעקען.

און מיט דער צווייטער — פאַר׳ן צוים — אַ גרויסען, שוואַרצען פערד.

און דער גרייז האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

„דאָס פערד איז צו דיר.
„און דו זאָלסט שטענדיג געדענקען אין דעם אמת'ן גאָט.
„ער איז דיין בעשיצער.
„און ער וועט דיר העלפען.
„און דו וועסט נאָך ווערען דער שטאַרקסטער צווישען די אידען.
„און דו זאָלסט זיי ניט געדענקען דאָס שלעכטס!" —

*

לאַנג האָט דער גבור געוואָגעלט אַליין צווישען די בערג.

און דער גבור האָט געליטען הונגער און קעלט, ביז רמליהו איז צו איהם געקומען מיט אַ מחנה קריעגער.

און רמליהו האָט איהם אויך מיטגעבראַכט זיין קינד, זיין שושנה, דאָס איינציג איבערגעבליבענע פון זיין הויזגעזינד. —

און נאָך דעם האָבען זיך אַרום דעם גבור צונויפגעקליבען אַלץ נייע און נייע קריעגער.

אַזעלכע, וואָס האָבען שוין ניט איינמאָל געזיגט אונטער זיין פיהר־ דערשאַפט.

און אַזעלכע, וואָס זיינען ביז דאַן אומגעגאַנגען פוסט און לעדיג און אַז זיי האָבען דערהערט פון דעם גבור'ס גרויסקייט האָבען זיי זיך פער־ טראַכט וועגען דעם גערעכטען גאָט יהוה. און זיי האָבען זיך פאַר שווערד און בויגען גענומען און זיי האָבען זיך אָן איהם אָנגעשלאָסען און זיינען מוטהיגע קריעגער געוואָרען.

און עס ווערט אויך דערצעהלט, ווי זיי האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די ווילדע שבטים.

און פון די גבורות, וואָס דער גבור האָט דערביי אַרויסגעוויזען.

און נאָכדעם האָבען זיי בעזעצט און בעפעסטיגט דאָס לאַנד.

און אויף דעם פלאַץ, וואו דער גבור האָט זיך בעגעגענט מיט'ן גרויסען גרייז און פון איהם געקראָגען זיין שוואַרצען שלאַכט־פערד, שטעהט איצט דער בלאַנקער טורעם מיט דער ווייסער טויב אויפ'ן שפּיץ.

... אַזוי פלעגט זיך זינגען און דערצעהלען אין דער טיעפער נאַכט.

און דער הימעל פלעגט זיך דערביי שפרייטען הויך און ווייט אריבער דער וועלט, ביז אריבער די וויטסטע בערג, ביז אריבער דער גרויסער, ווייטער סטעפּ, וואָס איז לינקס צו דער מדבר.

און דער הימעל איז אין יענעם לאַנד בלויער ווי אויף דער גאַנצער וועלט. און די לופט איז דאָרט ווי דער הימעל בלוי, און איז ריין און דורכזיכטיג־דין.

מען קען אין דער נאַכט צעהלען די בוימער פון די וועלדער, וואָס אויף די נאָהענטע און ווייטע בערג.

... און די שטערען זיינען דאָרט גרעסער ווי אויף דער גאַנצער וועלט, און זייער שיין פלעגט זיך שפּינען, ווי אַ דורכזיכטיג־ווייסע דעק, איבער די טשערעדעס שאָף און רינדער, וואָס זיינען געווען צוואַוואָרפען אויף מיילען און מיילען, צווישען די בערג און אין די טהאָלען.

און פלעגט טרעפען — אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פליהט ארויס פון וואַלד אויף זיין פלינקען פערד אַן עמוני, זיך נאָכיאָגענדיג נאָך אַ הירש, צו נאָך אַן אינד און די קריענער דערזעהען אין דער דורכזיכ־טיגער בלויקייט ווי חוצפה'דיג שנעל דער עמוני יאָגט זיך דאָרט אויפ'ן באַרג, ארויף נעבען די שטערען, ווי ער דערגרייכט דאָרט די חיה, ווי ער כאַפּט זי מיט זיין שפּיז — און זיי קוקען זיך אום און זיי שמייכלען זיך איבער מיט אָנגעצונדענע אויגען...

און זיי דרעהען אויס זייערע קעפּ צו זייערע פערד, וואָס פיטערען זיך ניט ווייט פון זיי.

עס נעמט זיי אָן אַ ווילדער חשק ארויפצושפּרינגען אויף די פערד, און ניט ווילענדיג פלעגען זיי הויבען זייערע אויגען הויך אין דער נאַכט ארויף צום שפּיץ באַרג, צום בלאַנקען טורעם, צו דער ווייסער טויב —

און דער טויב'ס קעפּעל איז אויסגעצויגען, די פליגלען זיינען פאַר־נאַנדערגעלאָזען.

עס דאַכט זיך, די ווייסע טויב איז גאָר וואָס אָנגעפלויגען און וויל זיך דאָס ערשט אראָבלאָזען אויפ'ן שפּיץ, אָדער אַז זי לאָזט דאָס ערשט פאַרנאַנדער איהרע פליגלען אויף אוועקצופליהען. — — — —

# ב.

און רוה און פריעדען האָט געהערשט צווישען די קריעגער.

נאָר ניט רוהיג איז געווען דער גבור אַליין. עפּעס ווי גרעסער און ווי ווילדער זיינען געוואָרען זיינע גרויסע, שווארצע אויגען.

און די לאַנגע, געקרויזטע פּאַסען פון דעם גבור׳ס באָרד האָבען געגר־מען אויסזעהן ווי שווארצע שלאַנגען — וואָס האָבען זיך ביז איינגעביסען אין זיין ברוינעם פּנים.

און אָפּטמאָל, פּאַר נאַכט, ווען די זון פלעגט אָנצינדען זיין הויכען, שטאָלצען טורעם, מיט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען, פלעגט זיך אין זיין הארצען מיט אַמאָל אָנצינדען אינגאַנצען דער כעס און די ליעבע צו זיין פּאָלק, וואָס האָט איהם פון זיך פערטריבען.

און אַ בענקען פלעגט דאַן איהם שווער ארומנעמען.

און עס פלעגען זיך שטייף אָנציהען די אָדערן פון זיין ריזיגען לייב.

און איהם פלעגט זיך פערגלוסטען צו ראנגלען זיך מיט עפּעס וואָס איז ווילד און מעכטיג.

און ער פלעגט זיך דאַן הייסען דערלאַנגען זיין שלאַכט־פערד.

און ווי נאָר מען פלעגט צו איהם צופיהרען דאָס גרויסע שווארצע פערד, פלעגט ער דאָס מיט כעס אַ נעם טהאָן פאַר׳ן צוים.

און דאָס פערד פלעגט צושראָקען אויפשפּרינגען אויף די הינטערשטע פיס, ריזיג, צורייצט און ווילד.

און דעם גבור פלעגט זיך פערוועלען דאָס ארומנעמען מיט זיינע שטאַרקע הענד און זיך מיט דעם אראָבוואַרפען טיעף, פון באַרג.

און דאָס פערד, שטעהענדיג מיט׳ן קאָפּ אין דער לופטען, נעמט זיך ווילד רייסען, אָט דאַכט זיך שפּרינגט עס ארויף אויפ׳ן גבור, נאָר דעם גבור׳ס האַנד איז זיכער און שטאַרק.

און נאָך איידער דאָס פערד בערוהיגט זיך, כאַפּט זיך דער גבור אויף איהם אַרויף.

און דאָס פערד טראָגט זיך מיט איהם אַוועק איבער דעם ברייטען, ווייסען וועג, וואָס זעהט אויס ווי אַ ווייסע בריק, וואָס בויגט זיך איבער באַרג און טהאָל.

און דאָס פערד פליהט און טראָגט זיך, אַזוי ווי אונטער איהם וואָלט די ערד געברענט.

און די לופט צורייסט זיך שאַרף פאַר'ן פערד און פאַר'ן גבור'ס בראָנז־ברוינעם פּנים.

און די לופט צורייסט די געקרויזטע פּאַסען פונ'ם גבור'ס צואוואַק־סענער, שוואַרצער באָרד.

און עטליכע פּאַסען פערפליהען אַריבער זיין הויכען אַקסעל.

און עטליכע פּאַסען פערפליהען אַרונטער זיין שטאַרקער האַנד.

און די לופט רייסט זיך אַלץ שטאַרקער, רוישט אַלץ הילכיגער איז דעם גבור'ס אויערען.

און דער גערויש דערמאָנט איהם אָן דעם גערויש פון די וואַסערען, וואָס פאַלען פון די היימישע בערג.

און דער גבור ווערט נאָך צורייצטער.

און זיינע צובליצטע אויגען צוברענען זיך נאָך טיעפער.

און נאָך מיט מעהר כעס שפּאָרט דער גבור אונטער דאָס פערד.

און דער גבור גיט זיך מיט זיין גרויסען קערפּער אַ בויג צום פערד'ס קאָפּ.

און אויפ'ן פערד גיט אַזש די פעל אַ ציטער.

און דאָס פערד ציהט זיך אויס נאָך לענגער.

און דאָס פערד נעמט זיך טראָגען אַזוי, אַז די ערד שפּרינגט איהם אַנטקעגען.

*

אויף איינעם פון די ווייטע בערג שטעלט דער גבור אָב זיין פערד.

און דאָס צוהיצטע פערד איז באדעקט מיט א געדיכטען ווייסען שוים, און עס זעצט פון דעם א גרויסע פארע.

און אין טהאָל איז שוין טונקעל.

און די פארע פארבט זיך מיט גאָלד און מיט רויט פון דער זון'ס שטראלען, וואָס האלטען זיך נאָך אויף די שפיצען פון די בערג.

און דער גבור און זיין פערד זעהען זיך פון דער הויך ווי אין א גאָלדענעם, אין א רויטען וואָלקען.

פון דאָרט זעהט דער גבור זיין ווייטע היים, די שפיצען פון גלעד, די בערג, אויף וועלכע ער איז אויסגעוואקסען.

און ער דערזעהט זיך דאָרט א קינד און א אינגעל, א יונג און א דער־וואקסענער.

און אָט לויפט ער דאָרט אויף זיין רויטען פערד, וואָס דער טאטע האָט איהם געשענקט.

און ער שפרינגט מיט איהם פון איין בארג אויפ'ן צווייטען.

און עס דאכט זיך איהם, איין בארג בויגט זיך צום צווייטען, און ער שפרינגט מיט זיין רויטען פערד פון איין שפיץ אויפ'ן אנדערען.

און נאָכדעם — די מלחמות. — —

ווי פאר יעדער מלחמה פלעגט איהם דער טאטע בענשען און אָנזאָגען:

„געדענק, מיין קינד, דו געהסט מלחמה האלטען אין דעם נאָמען פון דעם גערעכטען גאָט, פאר דיין פאָלק און פאר דיין לאנד.“

און נאָך די מלחמות „פאר'ן פאָלק“, „פאר'ן לאנד“ האָט מען בע־וואָרפען מיט שטיינער, מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!“

און אָט שווימען פאר איהם ארוים די וויינגערטנער פון זיין ברודער אבי־בעל...

און דער גרעסטער פון די וויינגערטנער איז פערשפרייט און פער־האנגען מיט טייערע טעפיכען און מיט פעל פון הירשען, און מיט פעל פון טיגערען, און פון לייבען און פון לעמפערטען.

און די פעל קוקען ווי לעבעדיגע.

און עס איז אין מיטען פון דער סעודה פון וויין.
און דער ברודער אבי־בעל שטעהט אויף.
און ער איז גרויס און שטארק, ווי אלע פון דעם טאטענ׳ס קינדער.
און ער נעמט מיט פייער ריידען.
און מיט תאוה און מיט שכרות קלינגט זיין קול.
און מיט תאוה און מיט שכרות גלאנצען זיינע אויגען.
און זיין ריידען איז זינד.
און ער רעדט און ער רייצט דאס פאלק צו זינד.
דאס פאלק, וואס זינקט און זינקט אין זינד.
און ער מאהלט פאר זיי די עשתורת, די מוטער פון דעם גאט מולך, וואס זי האט געבוירען צו בעל.
„און יעדען מאל ווען דער מולך דארף ווידער געבוירען ווערען בע־ווייזט זיך די נאקעטע, ווי פון זון געוועבטע עשתורת.
„און ווי נאר עס קומט דער אבענד נעמט זי שוועבען איבער די צייטיגע פעלדער, וועלדער און וויינגערטנער.
„און נאך איהר לויפען נאך איהרע טענצערינס.
„און זייערע צאפעלדיגע לייבער זיינען פול מיט גלוט און פלאם.
„און אויך זיי זיינען אנגעטהאן בלויז אין זייער אייגענער שעהנקייט.
„און זייער שעהנקייט גליהט און ברענט.
„און זייערע האר זיינען נאכט.
„און זייערע אויגען זיינען ליכטיגע שטערען.
„און דער, וועמעס קאפ עס האט ווען גענעכטיגט צווישען זייערע ציטערדיגע בריסטען,
„און דער, וועמעס האלז עס איז ווען געווען ארומגענומען פון זייע־רע רונדע, ווארימע הענד.
„און דער, וועמעס לייב עס האט ווען געפיהלט די ווארימקייט פון זייערע פלאטערנדע לייבער,
„און דער, וואס איז ווען געקושט געווארען פון זייערע הייסע ליפען,
„ — — דער וועט דאס שוין קיינמאל אין לעבען ניט פערגעסען.
„און שטענדיג און אייביג וועט ער דאס געדענקען.

„און שטענדיג און אייביג וועט זיך איהם נאָך דעם אויסדראַכטען — ער ווערט פון דער שעהנער טענצערין אַרומגענומען.

„און ער ווערט פון איהר געהאַלזט,

„און ער ווערט פון איהר געקושט.

„און זיין קאָפּ וויעגט זיך צווישען איהרע שעהנע ברוסטען,

„און דער אָטהעם פון איהר שעהנעם מויל און פון איהר נאָז וועט אויף איהם שטענדיג פאַלען ווי אַ זיסער טהוי, וואָס קושט און וואַרימט און שמעקט מיט די ריחות פון לבנון, פון שניר און פון חרמון.

„און אפילו אַ מינוט פאַר'ן טויט וועט ער דאָס ניט פערגעסען.

„און אפילו ווען זיין לייב זאָל אין שטיקער צושניטען ווערען, וועט נאָך לאַנג יעדער שטיק פלייש בעזונדער געדענקען, וועט נאָך לאַנג יעדע שטיק בעזונדער געקושט ווערען פון דעם געפיהל, וואָס האָט דורכגענומען זיין לייב, ווען ער איז געוועזן מיט דער טענצערין, מיט דער טענצערין פון די טענצערינס פון דער געטליכער עשתורת.

---

„און די געטליכע עשתורת קומט אָן אין איינעם פון די שעהנסטע וויינגערטנער.

„און זי מיט איהרע טענצערינס נעמען בעטען אַ בעט פאַר דעם נאָט בעל.

„און דאָס בעט ווערט געבעט פון הויפענס און הויפענס בלומען.

„און די טענצערינס נעמען זיך טאַנצען אַרום בעט די שעהנע הייד ליגע טענץ.

„און די עשתורת לעגט זיך אַרויף אויף דעם רייכען בעט פון בלומען.

„און די טענצערינס צוטאַנצען זיך פאַר איהר. און יעדער גליעד פון זייערע זוניגע לייבער וויעגט זיך, און ציהט זיך, און בויגט זיך.

„און די עשתורת נעמט זיך וואַרים און ליעב ציהען אויף די שעהנע בלומען פון איהר שעהנעם בעט.

„און אינגאַנצען איהר לייב איז געוועבט פון רויזען און גאָלד.

„און זי איז פערבענקט.

„און זי שמייכעלט.
„און זי ציהט זיך שטיל און לאנג.
„און זי איז פול מיט לעבענס זאפט.
„און זי קוקט און זי ווארט אויפ'ן בעל.
„און זי וויל איהם בעצויבערען.
„און זי וויל ארומגענומען ווערען פון איהם.
„און זי וויל זיך פרעסען צו איהם.
„און זי וויל זיין געפאנגען פון זיינע אָרימס — איהרע ברוסטען זאָלען זיך ווארימען און נעסטען אויף זיין ברוסט.
„און דער גרויסער בעל איז איצט מיט זיינע דיענער און מיט זיינע הינד אויף יאגד.
„און ער דערפיהלט מיט א מאָל דעם ריח פון איהר לייב.
„און ער לאָזט זיך צו איהר.
„און אויפ'ן וועג בעגעגענען שוין איהם די טענצערינס.
„און זיי טאנצען פאר איהם.
„און דער בעל מיידט זיי אוים.
„און זיי לויפען איהם נאָך און קושען מיט הייסער ליעבע די טריט פון זיינע פיס.
„און דער בעל קומט צו דער בעלת, דער עשתרות.
„און די בעלת. די עשתרות. דערהערט איהם.
„און פון שרעק און פון פרייד נעמט זידען און ציטערען די הייסע בלוט אין איהרע אדערען.
„און די דינע און דורכזיכטיגע הויט אויף איהר שעהנעם און שלאנקען לייב ווערט נאך דינער און דורכזיכטיגער.
„און ווען זי דערזעהט איהם, גיט זי זיך צושראָקען אויף האלב א הויב אויף איהר בלומען בעט.
„און די טענצערינס מאכען טאנצענדיג פאר איהם א וועג.
„און א סך פערווארפען טאנצענדיג זייערע גרויסע שווארצע האָר, — ער זאָל איבער זיי טרעטען מיט זיינע באָרוויסע פיס.
„און א סך פערווארפען זיך טאנצענדיג איבער'ן וועג און זיי ציהען

זיך און בויגען זיך, אז זיין פוס זאָל טרעטען איבער זייערע ברוסטען.
„און דער בעל דערזעהט פאַר זיך די עשתורת.
„און ער שליידערט אוועק פון זיך זיין פייל און בויגען.
„און ער רייסט פון זיך אַראָפּ זיין פורפורן קלייד.
„און ער בעטרעט איהר בעט.
„און דאַן וואַרפט זיך יעדע טענצערין אין די אָרימס פון איינעם פון זיינע דיענער.
„און דאַן בעדעקען זיך מיט בליהונג די שטרויכען און די בוימער.
„און די פעלדער און די וועלדער, וואָס זיינען נאָהענט, און די פעלדער און די וועלדער וואָס זיינען ווייט, פערשפּרייטען זיך מיט בליהונג און בליהונג.
„און עס בליהט און עס צובליהט זיך די גאַנצע וועלט.“

*

און דער גבור מיט זיין פערד שטעהט אויפ׳ן בארג, וואָס איז ווייט פון זיין היים, וואָס איז ווייט פון יענעם ווייגגאָרטען, נאָר ער פערגעסט זיך אָן דעם, און ער געדענקט דאָס ניט.
און ער מיינט — ער איז איצט דאָרטען.
און ער הערט ערשט איצט דעם ברודער׳ס רייד, וואָס קאָכען דאָס בלוט און רייצען צו זינד.
און ער זיצט דאָרט ביי דער סעודה פון וויין.
און זיין כעס וואַקסט און וואַקסט.
און ער האַלט נאָך אַלץ איין זיין צאָרן און שווייגט און שווייגט.
און אָט שפּרינגען אויפ׳ן ברודער׳ס בעפעהל אריין רעדער און רעדער פון נאַקעטע טענצערינס.
און צווישען זיי איינע וואָס טראָגט די קרוין פון עשתורת.
און זיי נעמען נאָכמאַכען אַלץ, פון וואָס אביבעל האָט גערעדט.
און דאָס פערזאַמעלטע פאָלק ווערט ווילד.
און א סך פון זיי פאַלען צו דער ערד פון אויפרעגונג, און נעמען אָהן אָן אָבהאַלט זיך וואָרפען און לאַכען.

או זיי לאַכען ביז עס שלאָגט זיך זיי אַרויס אַ שוים אויף די מיילער.
און אביבעל אַליין קרוינט זיך פאַר בעל.
און אַט דערגרייכט ער די עשתורת.
און די טענצערינס מיט די איבעריגע פערזאַמעלטע פרויען מישען זיך דאַן אויס מיט די איבעריגע בעטרונקענע און צורייצטע מענער.
און מען וואַרפט זיך אויף דער ערד.
און ווי אַ בייזער דונער פונ'ם אמת'ען נאָט רייסט זיך דאַן מיט אַ מאָל אַרויס אַ געשריי פונ'ם גבור'ס האַרץ:
„נאַראָנים!! זינדער!!"
און קיינער גלויבט ניט, אַז עמיצער אויף דער ערד קאָן אַזוי הויך און בייז שרייען.
און מיט שרעק הויבען זיי אויף זייערע בעזויפענע קעפּ.
און זיי דערזעהען איהם איבער זיך.
און ער האַלט איינע פון זיינע גרעסטע שווערדען איבער זייערע קעפּ.
און אַט גיט ער אַ פּאַטש מיט'ן ברייט פון זיין גרויסען שווערד אויפ'ן טיש, וואָס נעבען איהם.
און דער שווערד צוברעכט זיך און צופליהט אין שטיקער.
און ער שרייט מיט זיין הויכען קול:
„אַזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!
„וועה צו אייך, איהר נאַרישע זינדער!
„ווי די ווערים און בייזע פליגען עסען דורך די בלעטער, פערדאַרבען די צווייגען, אַזוי וועט איהר דורכגעגעסען און פערדאָרבען ווערען פון אייער תאוות.
„ווי דער היישעריק שניידט אונטער די תבואה, וואָס האַלט ערשט אין אָנהויב וואַקסען, אַזוי וועט איהר פערשניטען ווערען דורך די פרעמדע געטער.
„איהר קריכט אין אַ זומפּ, וואָס וועט אייך איינשלינגען, ווי זי וועט איינשלינגען די עמונים, די פּלישתים און די אַלע אַנדערע פעל־

קער, וואָס זיי זיינען אינאיינעם מיט זייערע געטער ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זיי וועגען.

„איהר, וואָס זייט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אַלס קינדער פון אברם, אַלס קינדער פון דעם גאָט פון אברם, איהר ליעגט איצט אויף דער ערד ווי חזרים.

„פפוי! פפוי אויף איך, חזרים!"

און אַזוי שפּייענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס, לאָזט זיך דער גבור געהן פון ווייגגאָרטען און נאָך איהם זיינע געטרייע יונגען.

און אַ סך פונ'ם עולם כאַפּען זיך פאַר די שווערדען.

און אַ סך בעגלייטען איהם מיט געלעכטערס.

און אַ סך וואַרפען נאָך שטיינער.

און די לופט נעמט הילכען מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!"

און אַזוי שרייען זיי נאָך נאָך דעם, וואָס קעמפפט זייערע שלאַכטען.

און אַזוי בעגלייטען זיי אַרויס זייער גבור, וואָס האָט זיי ערשט נעכטען געבראַכט אַ נייעם זיעג.

*

און דער גבור ציטערט אויף.

און דער גבור קוקט זיך אום — — —

און ער דערזעהט זיך אויף זיין פערד — — —

און ווייט, ווייט פון איהם זעהען זיך די שפּיצען פון זיין היים, וואו עס וואוינען די זינדער, וואָס זינקען אַלץ מעהרער און מעהרער אין זינד.

און עס קריצען זיך צונויף זיינע ציינער.

און ער שפּאַרט ווידער אונטער זיין פערד.

און ער וואָלט וועלען מיט איין מאָל אַריבערשפּרינגען צו יענע בערג.

און זיי דאַרטען אויסרייסען מיט די וואָרצלען.

און זיי צושיטען אויף די קעפּ פון די זינדיגע איינוואוינער און זיי אינגאַנצען פאַרלעגדען!

נאָר די נאַכט נעמט זיך בלויען.

און עס צינדען זיך אָן די שטערען, די גרויסע, ווייסע ליכטער.

און דער גבור דרעהט זיך אוים און דערזעהט ווי הויך, אין דעם טיעפען בלויען הימעל, פינקעלט זיין שפּיציגער טורעם.

זיין טורעם פינקעלט הויך און ווייט איבער די בערג.

און איבער'ן טורעם די ווייסע טויב, וואָס זאָגט צו רוה און פריעדען.

„די ווייסע טויב — — —

„די ווייסע טויב" — — — — —

## ג.

און צוריק פאָהרט שוין דער גבור שטילער.

און ער גריסט זיך מיט די קריעגער, מיט די פּאַסטוכער.

און די פערד, וואָס פיטערן זיך אויף די פרייע פעלדער, הויבען אויף זייערע קעפּ און גלאָצען אוים אין דער נאַכט זייערע גרויסע אויגען און זיי דערקאָנען — דאָס איז דער גבור און זיין פערד.

און די פערד שפּיצען אויף זייערע אויערען און צושפּרייטען די נאָזלעכער און ציהען אוים זייערע העלזער און צוהירזשען זיך הויך און שטאַרק.

און דעם גבור׳ס פערד ענטפערט זיי אָפּ צופריעדען און שטאָלץ.

*

און ווען דער גבור פאָהרט אָן צו זיין געצעלט קומט איהם אנטקעגען זיין טאָכטער.

און זי נעמט מיט איהר שעהנער האַנד אָן דעם פערד׳ם צוים. און ביז דער גבור קריכט אַראָפּ, גלעט זי דעם פערד׳ם קאָפּ און האַלז.

און עס קומט דער יונג און נעמט אַוועק דאָס פערד.

און די טאָכטער שטויבט אָרום דעם גבור און העלפט זיך איהם אַרומוואַשען.

און נאָכדעם זעצט זי זיך ביי זיינע פיס. און זי דערצעהלט דעם גבור פון די מעשיות, וואָס זי הערט זיך אָן פון איהרע חבר׳טעם, וואָס זיי הערען פון די קריעגער און פון די פּאַסטוכער, מעשיות וועגען דעם, ווי די וועלט האָט אויסגעזעהן איידער יהוה האָט זי בעשאַפען און נאָכדעם ווי ער האָט זי בעשאַפען, און וועגען די פרעמדע געטער, צו וועלכע

די מענשען פון גלעד האָבען געגומען דיענען, און וועגען דער שטראָף, וואָס וואַרט אויף זיי דערפאַר.

און אָפט דערצעהלט זי איהם וועגען די קריעגער, וועגען דעם ווי זיי האָבען איהם ליעב.

און זי דערצעהלט איהם, אַז ברכיה, רמליהו׳ס זוהן, קומט אַ מאָל צו זייער געצעלט און שפּיעלט פאַר איהר אויפ׳ן פייפעל.

און אַז ער שפּיעלט זעהר שעהן.

און אַז ער האָט געבראַכט ים שיסעלאָך.

און ער האָט איהר אויך צוגעזאָגט צו ברענגען לבנה שטיינער.

און אַז זי דערצעהלט וועגען ברכיה׳ן, צופלאַמען זיך איהרע באַקען.

און איהרע אויגען זיינען ווי דעם גבור׳ס — גרויסע, שווארצע — ציטערן זיי אויף און קוקען צוטראַקען.

און אָפט דאַנקט זי דעם גבור פאַרוואָס ער האָט געלאָזט ברכיה׳ן צו שענקען איהר דעם הירש, וואָס ער האָט פאַר איהר געכאַפּט.

און זי דערצעהלט, אַז אַלע וואָס זעהען דעם הירש, ריהמען און לויבען ברכיהו׳ן ווי ער האָט דאָס געקאָנט אויפזוכען און כאַפּען לע־בעדיג אַזאַ שעהנעם און וואוקסיגען הירש.

און צו דער טאַטע האָט ווען געזעהן, ווי שעהן דער הירש איז, ווען ער בלייבט מיט אַ מאָל שטעהן און קוקט? — — —

און ער קוקט ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

און ער שטעהט אַזוי אַן אויסגעצויגענער.

און דער קאָפּ איז ביי איהם אַ קלוגער, אַ קליינער.

און זיינע הערנער זיינען צווייגהאַפט און ווי בוימער יונגע, צו־וואַקסענע.

און זיין געלע וואָל איז גלאַט און גלאַנצט ווי זייד.

און די פיס נעבען די געלע צושפּאַלטענע קלאָהען זיינען ווייס ווי מילך.

און ווען דער הירש קוקט אויף איהר, דאַכט זיך איהר אויס — ער קעןריידען, און וויל איהר עפּעס זאָגען...

און אַז דער הירש האָט זיך שוין אין גאַנצען צו איהר צוגעוואוינט.

און אַז זי טהוט איהם שוין אַליין אָן די צוים און זי זעצט זיך אויף איהם.

און דאָס, וואָס ברכיהו האָט איין האָרן בעדעקט מיט זילבער, איז אַזוי שעהן!

און ביידע הערנער זיינען ביי איהם אַלץ איינס ברייט און צו־פּלאַנטערט.

און עס זעהט אויס — איינער איז ביי איהם אויסגעוואַקסען אַ צוצווייגטער, אַ זילבערנער, און דער צווייטער — אַ צוצווייגטער, אַזוי...

און זי וועט נאָך זיין רוקען פּערשפּרייטען מיט אַ בלויען טעפּיך.

און די ברעגען פון דעם טעפּיך וועלען זיין בעדעקט מיט ים שיסע־לאַך און מיט טהייערע שטיינער.

און עס וועט זיין ערב אַ מלחמה, וועט זי... — עס וועט זיין אַזוי שעהן! — זי וועט לויפען אויף דעם הירש צו די קריעגער און וועט שרייען: — „קריעגער! פאַר׳ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר׳ן...

און זי דערשרעקט זיך דערפאַר וואָס זי האָט ווידער געזאָלט דער־מאָנען דעם נאָמען — גאָט.

און זי בלייבט שטעהן.

און גאָר אַנדערש צועפענען זיך מיט אַ מאָל איהרע אויגען.

און אַ הייליגער ציטער לויפט דורך איהר יונגען לייב.

און עס שווימט פאַר איהר אַרויס אַ וועלט — אַ הייליגע, אַ גרויסע.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי שוין ניט מעהר קיין קינד, וואָס רעדט פון נאַרישקייטען.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי גאָר קיינ־מאָל אַזאַ קינד ניט געוועזן.

און זי שווייגט אַ ווייל.

און זי דערמאָנט זיך אין׳ם הייליגען ליעד, וואָס איהרע חבר׳טעס זינגען מיט איהר אָפט ביים קוואַל:

„געדענק, ישראל!
„גאָט, דער גאָט פון אברהם
„דער גאָט פון הימעל
„איז דיין גאָט."

און זי רייסט איבער איהר שווייגען.
און זי נעמט דערצעהלען וועגען איהרע זעהונגען.
און זי דערצעהלט:

„היינט פארנאכט, ווען דער גבור איז אַוועקגעפאָהרען, איז זי מיט איהרע חבר'טעס אָנגעקומען פונ'ם קוואַל מיט קריג וואסער אויף די אקסלען.

„און זיי זיינען שטעהן געבליבען צווישען די פאַלמען.

„און זיי האָבען איהם נאָכגעקוקט.

„און עס איז געווען, ווען זיי האָבען איהם לאַנג נאָכגעקוקט, האָט זיך פאַר איהר בעוויעזען אַ ווייסער וואָלקען.

„און דער ווייסער וואָלקען איז פאַר איהר שטעהן געבליבען צווי-שען די ביימער.

„און אין דעם וואָלקען האָט זיך פאַר איהר בעוויעזען דער הויכער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד, מיט'ן הויכען שטעקען אין האנד.

„און דער הויכער גרייז איז צוגעקומען ביז צו איהר און איז ניט געוואָרען". — — —

*

און דער גבור שווייגט אַלץ שטיל און הערט.
און די טאָכטער רעדט און דערצעהלט.

און די טאָכטער רעדט נאָך אַלץ — און רעדט. און זי ווייסט, דער פאָטער וועט גארניט זאָגען, ווייל שווער איז איהם אויפ'ן הארצען און ביטער, קוקט זי אין זיינע אויגען און זי לאכט פאר איהם און זי זינגט פאר איהם, און זי ריהרט מיט איהרע הענד אַלעמאָל אָן זיין באָרד

און איהר דוכט זיך, אז די האָר פון באָרד ווערען אַלץ שטייפער און שטייפער.

און זי ווייסט, אז דאָס הייסט, אז דעם גבור ווערט יעדען טאָג אַלץ שווערער און שווערער.

און צום סוף נורעט זי איין איהר קאָפּ אין זיינע קניע.

און דער גבור לעגט ארויף זיין האנד אויף איהרע געדיכטע, שוואַר־צע האָר און זי שלאָפט איין.

און נאָכדעם הויבט דער גבור אויף זיין יונגע טאָכטער אויף זיינע הענד און ער טוליעט זי לייכט צו צו זיין פערביטערט הארץ און ער טראָגט זי אוועק אויף איהר געלעגער.

און אזוי טאָג איין, טאָג אויס.

## ד.

און איינמאָל, ווען דער פֿערביטערטער גבור איז געקומען צוריק פֿון זיין פֿערנאַכטיגען וועג, ווי זיין שטייגער, א צורייצטער, א פֿער־ביטערטער, איז איהם, שפּרינגענדיג און טאַנצענדיג, אנטקעגען געלאָ־פֿען זיין טאָכטער און איהם אָנגעזאָגט:

„פֿאָטער! פֿאָטער! די זקנים פֿון גלעד זיינען צו דיר געקומען!“

דעם גבור'ס שטאַרקע האַרץ האָט א צושראָקענעם און וואַרימען ציטער געטהאָן.

און באַלד האָט ער פֿאַר זיך דערזעהן רמליהו'ן און זיין זוהן ברכיה פֿיהרענדיג זייערע פֿערד פֿאַר די צוימען. — —

זיי האָבען דאָס געוואָלט איהם לויפֿען אָנזאָגען...

*

און דער גבור האָט זיך געטראָפֿען מיט די זקנים פֿון גלעד ביי דער טיר פֿון זיין געצעלט.

און די זקנים האָבען צו איהם אַזוי געזאָגט:

„גבור, עס לאָזען דיך געריסען די בערג פֿון גלעד, דיין וויעג, דיין היים!...

די בערג און דאָס לאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון דיין פֿאָטער, וואו עס האָט דיך געבוירען דיין מוטער.

„און איצט זאָלסטו וויסען, אז דאָס לאַנד, דאָס הויז פֿון דיין פֿאָ־טער, וואָס האָט דיך אַזוי היים געליעבט; דאָס לאַנד, וואו דו האָסט זיך אַלס קינד געשפּיעלט, דאָס לאַנד, אויף וועמעס בערג דו האָסט זיך געלערענט רייטען און שיסען פֿון בויגען — איז ארומגערינגעלט גע־וואָרען פֿון די בני עמון.

„און די בני עמון זיינען שטארק.
„און זייערע מחנות זיינען גרויס.
„און זיי ווילען אונז פערטרייבען פונ׳ם לאנד.
„און דו ביזט דער שטארקסטער צווישען אונז,
„און דו דארפסט אונז העלפען פון זייערע הענד״.

*

און דער גבור האָט געענטפערט די זקנים פון גלעד, און ליעבע און כעס האָבען זיך געראַנגעלט אין זיין שטארקען קול. און ער האָט געזאָגט:

„איהר האָט דאָך מיך פיינט.

„און איהר האָט דאָך מיך פערוואָרפען מיט שטיינער און מיט שלעכטע ווערטער.

„און איהר האָט דאָך מיך פערטריבען פון דעם הויז פון מיין פאָטער.

„און פאר וואָס זייט איהר געקומען צו מיר ווען אייך איז ענג?״

*

און די זקנים פון גלעד האָבען איהם געענטפערט:

„גבור! ווייסען זאָלסטו וויסען — מיר האָבען אויך געזינדיגט געגען גאָט, מיר האָבען שווער געזינדיגט!

„און איצטער האָבען מיר זיך געלייטערט און מיר האָבען זיך גע־רייניגט,

„און מיר האָבען פון זיך אָבגעטהאָן די פרעמדע געטער.

„און מיר האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צו גאָט, צום גאָט פון אונזערע עלטערען; צום גאָט אין וועמעס נאָמען דו פלעגסט אונז שטראָפען.

„און דיינע גערעכטע ווערטער האָבען צו אונז געגומען קלינגען פון די שפיצען פון די בערג.

„און זיי זיינען אריין אין אונזערע אויערען.

„און זיי זיינען אריין אין אונזערע הערצער.

„און מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן דעם אמת'ן גבור פון גאָט, אונזער גאָט.

„און מיר זיינען געקומען צו דיר.

„שטעה אויף און העלף דיין פאָלק!

„און עס וועט זיין אין דעם טאָג, וואָס גאָט וועט דיר געבען די בני עמון אין דיינע הענד, וועלען מיר ווייטער וויסען, אז מיר זיינען זיין פאָלק און אז ער איז אונזער גאָט.

„און מיר וועלען דיך מאכען פאר א האר און א הערשער איבער אונז.

„און דו וועסט זיין אונזער שופט."

*

און עס איז געווען, ווען זיי האָבען אזוי גערעדט, האָט זיך דער כעס פון דעם גבור גענומען אויסוועבען, שווינדען און אָבשווימען אלץ ווייטער און ווייטער.

און זייערע שטימען האָבען דעם גבור געקלונגען מיט היים.

און זייערע אויגען, און זייערע גרויע בערד, און די גרויע האָר פון זייערע קעפּ. און די קנייטשען פון זייערע פנים'ער און די פערשטויבטע פאָלדען פון זייערע קליידער — האָבען אויף איהם געקוקט מיט היים.

און ניט ווייט פון די זקנים זיינען געשטאַנען די קעמלען, וואָס האָבען זיי צו איהם געבראכט.

און די קעמלען קומען פון דער היים.

און די קעמלען קוקען מיט היים, מיט היים.

און דער גבור האָט ניט אויסגעהאלטען.

און ער האָט דערפיהלט ווי יעדער ביין אין איהם רעדט: היים, היים!

און דער גבור האָט נאָך מעהר ניט אויסגעהאלטען.

און ער האָט פון זיי אָבגעקעהרט זיין פנים.

## ה.

און נאָך אין דער זעלבער נאכט האָט דער גבור געלאָזען בלאָזען אין שופר פון אַלע בערג.

און דער קול פון די שופרות האָט אראָבגעגידערט אויף די קעפּ פון די קריעגער, און זיי האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט צושראָקען און האָבען זיך אַ נעם געטהאָן פאר׳ן געוועהר און זיך געלאָזט צו די פערד.

און די בלויע נאכט איז באַלד געוואָרען פול מיט טומעל.

און די בלויע נאכט האָט זיך באַלד גענומען שפּאַלטען און רייסען אין שטיקער פון דעם צוטומעלטען הירזשען פון הונדערטער און טויזענדער פערד.

און באַלד האָט זיך בעוויעזען שושנה אין ווייסען אויף איהר פער־פוצטען הירש מיט׳ן זילבערנעם האָרן.

און איהרע גרויסע אויגען האָבען געשטראַהלט פון פרייד.

און ווען זי איז געקומען צו די קריעגער איז זי אויפגעשפּרונגען אויפ׳ן הירש און, שטעהענדיג, איהם גענומען איילען.

און זי האָט ווי אַ קינד און ווי אַ דערוואַקסענע געשריען צו די קריעגער.

און זי האָט געשריען און האָט גערופען:

„קריעגער! פאר׳ן גאָט און פאר זיין פאָלק! פאר׳ן גאָט און פאר זיין לאַנד!

און עס האָט אויסגעזעהן — זי איז ניט אויפ׳ן הירש, נאָר אויף פליגלען פון גליק — — — — — —

און איהרע ענטבלויזטע הענד, און איהרע פיס, און איהר האַלז און איהר פנים, זיינען ווי געשניצט פון עלעפאנט ביין. —

און זי איז צאַפּלענדיג, ווי דער הירש.

און בויגיג ווי א יונגע פאלמע.

און איהרע געקרויזטע האר הענגען ווי א שווארצער וואלד אויף אונטען, איבער'ן ווייסען טוך, אין וועלכען זי איז איינגעוויקעלט.

און זי ווארפט מיט די שעהנע הענד און שרייט ווי א בעפרייטער אדלער:

„קריעגער, פאר גאט און פאר זיין פאלק!"

*

און נאכדעם זיינען אנגעלאפען אויף זייערע פערד רמליהו, ברכיה און די אנדערע עלטסטע, און זיי האבען פערנאנדערגעטראגען דעם גבור'ס בעפעהלען.

און די קריעגער האבען זיך פערנאנדערגעשטעלט אין מחנות, און זיי האבען פערנאנדערגעוויקעלט זייערע פאהנען, און זיי זיינען ארויס און האבען זיך אויסגעשטעלט אין דער סטעפ און זיינען שטעהן גע־בליבען.

און נאך דעם איז אנגעקומען דער גבור, און זיך גענומען צעהלען די מחנות.

ער איז געפאהרען אויף זיין שעהנעם פערד צווישען די קריעגער, און ער האט געקוקט אויף די טויזענדער שארפע אויגען, וואס בליש־טשען פון זייערע בלאנקע ווייסלען.

און ער איז געווען געקליידט אין ווייסען און איבערגעבונדען מיט א בלויען גארטעל.

און ביידע שווערדען זיינען געווען אויף זיין דיך.

און א גרויסער מעסער האט געבלאנקט פון זיין גארטעל.

און אויף זיין לינקער האנד, מיט וועלכער ער האט געהאלטען די צוים פון זיין פערד, איז — פון שעהנקייטס וועגען — געווען איבער־געווארפען א גרויסער טוך פון בלויען וואל.

און די רעכטע האנד האט ער געהאלטען ביי דעם הענטעל פון זיין רעכטען שווערד.

און די דיקע פאסען פון זיין גרויסער שווארצער בארד האבען זיך שלאנגיש געדרעהט און גליקליך געפינקעלט אויף זיין ווייס קלייד.

...און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי נאָך קיינמאָל ניט.

און דער אונענדליך בלויער הימעל האָט זיך צושפּרייט מיט זיין טיעפער בלויקייט, און מיט זיינע שטוינענדיג גרויסע שטערען איבער דער ווייטער סטעפּ.

און די סטעפּ איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט טהוי.

און די סטעפּ האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּערלדיגער ים.

און די מחנות קריעגער מיט זייערע שפּיזען און מיט זייערע תּלאַ־טערדיגע פּאָהנען האָבען אויסגעזעהן ווי פּער׳כשופ׳טע אינזלען.

און דער גבור איז אַ שטאָלצער ארומגעשוואומען אויף זיין פערד צווישען די אינזלען. און האָט זיי געגריסט און האָט זיי געצעהלט און האָט אויף זיי געקוקט, ווי אַ צופריעדענער גליקליכער פאָטער: —

יעדער קריעגער איז אויף זיין פערד.

און יעדער קריעגער איז אין בלוי.

און אַ מעסער שטעקט אין זיין ווייסען גארטעל.

און אַ לאַנגער שפּיז — אין זיין האנד.

און אַ פייל־בויגען און אַ שטיינוואַרפער — אויף הינטען פון זיינע אַקסלען.

און זייערע געקרויזטע בערד זיינען שווארץ.

און זייערע שטארקע פּנים׳ער זיינען ברוין.

און זייערע אויגען גלאַנצען מוטהיג און שאַרף. — — — —

און ווען זיי זיינען אַלע געווען צונויפגעשטעלט אין צוויי לאַנגע ברייטע מחנות, איז דער גרויסער גבור אויף זיין פערד דורכגעלאָפען די גאַנצע לענג צווישען דיביידע מחנות.

און די עלטסטע זיינען נאָכגעלאָפען נאָך איהם און האָבען זיך צושטעלט ביי די זייטען.

און דער גבור האָט דערגרייכט די צוויי ווינקלען פון די ביידע מחנות, וואָס האָבען זיך געצויגען אויף רעכטס און אויף לינקס ביז ווייט אין דער בלויקייט.

און די פּאָהנען האָבען געפלאַטערט, און די שפּיזען האָבען געפינ־קעלט און געשטאָכען אינ׳ם שיין פון דער בלויער נאַכט.

און דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד און איז געבליבען שטעהן אין די צוויי ווינקלען פון די מחנות, מיט'ן פנים צו די קריעגער.

און ער איז פאר זיי שטעהן געבליבען אַ שטארקער, אַ ליכטיגער!

אַ געטליכער שיין האָט גערוהט אויף זיין פנים, אויף זיין באָרד און אויף די פאלדען פון זיין ווייסען קלייד. —

און זיינע אויגען האָבען זיך צושיינט נאָך שעהנער, נאָך ליכטיגער.

און ווען ער האָט זיך אַ הויב געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל, האָבען אַלע מיט אמאָל דערזעהן: —

ער וואקסט אַלץ העכער און ווערט אַלץ גרעסער. — — —

און דער גבור האָט געלאָזט אויסרופען:

„קריעגער! די פון אייך, וואָס ווילען אומקעהרען די זיצער פון גלעד צוריק צו דעם גערעכטען גאָט, די זאָלען געהן מלחמה האלטען פאר זיי מיט די בני עמון!"

און אַלע, ווי איין מענש, זיינען אויפגעשפרונגען אויף זייערע פערד, און פון אַלעמענס הערצער האָט זיך אַ ריס געטהאָן:

„מיר הערען אונזער גבור און פאָלגען!"

און די געשרייען האָבען זיך אויפגעהויבען איבער זייערע קעפּ און איבער זייערע שפּיזען.

און די געשרייען האָבען אַ פליה געטהאָן ווי פויגעל.

און זיי האָבען אריינגעהילכט וויים און הויך אין דער נאכט.

און באלד האָבען זיי זיך אויפ'ן גבור'ס צייכען צוריק אריינגע־זעצט אין די זאָטלען.

און ווען דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד מיט'ן פנים אין דער נאכט אריין, האָבען זיך אַלע מיט איין מאָל אָבגעריסען און האָבען זיך געלאָזט נאָך איהם.

און דער גרויסער גבור האָט זיך אוועקגעטראָגען אין דער בלויער נאכט אויף זיין שווארצען פערד. און נאָך איהם זיינע מחנות — אין צוויי בלויע טייכען.

און די כוואַליעס פון די טייכען — די שפּיזען — האָבען געבלאנקט

און געפינקעלט, זיך געוויעגט און געטראָגען פון ערגעץ ווייט, פון דער בלויקייט פון די שטערען — — —

און הינטער די מחנות זיינען געגאַנגען די טשערעדעס, און די אָנגעלאָדענע קעמלען און די ווייבער און די קינדער.

און פלוצלונג האָבען א סך פון די פרויען דערזעהן: שושנה'ס הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן לויפט א פרייער!

און דער הירש טראָגט זיך אזוי שנעל, אז מען זעהט זיינע פיס ניט אָן, אז מען זעהט בלויז די ברייט צוואוואַקסענע הערנער און דעם אויסגעצויגענעם פּאַס פון זיין לייב.

און ער לויפט אין איין אָטהעם צו די בערג.

און זיי זיינען געוואָהר געוואָרען — „דער הירש האָט זיך ארויסגעריסען פון שושנה'ס הענד".

און זיי האָבען מיט שרעק געטהון די הענד אויף זייערע הערצער — זיי האָבען פערשטאַנען, אז דאָס איז א שלעכטער סימן.

ז.

און דער גבור איז אָנגעקומען מיט זיינע מחנות ביז גלעד און האָט געטראָפען, אז גלעד איז שוין פערנומען פון די בני עמון.

און צו זיינע אויערען זיינען נאָך געקומען די ווערטער:

„די בני עמון ווילען אויך איינגעמען יהודה, בנימין און אפרים."

און דער גבור האָט אויפגעציטערט פון וועהטאָג און פון כעס.

און ווען ער איז אַרויף אויף די שפּיצען, וואָס רינגלען אַרום גלעד און דערזעהן ווי גרויס און שווער עס זיינען די מחנות פון די בני עמון, וואָס שפּרייטען זיך איבער גלעד ביז צום ברעג ירדן, איז זיין וועהטאָג נאָך גרעסער געוואָרען און ער האָט געשיקט שלוחים צו די איבעריגע שבטים, זיי זאָלען איהם קומען צו הילף, ווייל גרויס און שווער זיינען די מחנות פון די בני עמון.

און אויך צו דעם מלך פון די בני עמון האָט ער געשיקט שלוחים, זיי זאָלען צו איהם ריידען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און פון גאָט.

און עס איז געווען אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה, זיינען די שלוחים געקומען צוריק און האָבען איהם געבראַכט:

די אַנדערע שבטים זאָגען: „מיר ווילען ניט מלחמה האַלטען אונטער דער פיהרערשאַפט פון א בן זונה!"

דער ענטפער האָט איהם א בריה געטהאָן אין די אויערען.

און באַלד זיינען געקומען די אַנדערע שלוחים און געבראַכט:

דער מלך פון די בני עמון רעדט: „זאָל זיך אייער גבור אָבציהען פון דאַנען, אויב ער וויל ניט, אז מיר זאָלען מיסטיגען די פעלדער מיט אייער בלוט און מיט אייערע ביינער".

*

דער גבור איז ווי פערשטיינערט געוואָרען פון כעס און פון צאָרן.

און זיינע אויגען האָבען זיך צועפּעט נאָך גרעסער פון גרוים און אַזוי זיינען זיי אויף אַ ווײַלע פערגליווערט געוואָרען.

באַלד אָבער האָט אַ הייסע כוואַליע בלוט אַ וואַרים געטהאָן דעם גבור׳ס האַרץ און זיינע שרעקליכע גרויסע אויגען האָבען מיט אַ מאָל גענומען בליצען מיט כעס און שרעק.

און פאַר דעם גבור׳ס אויגען האָט אין דער מינוט דורכגעשוועבט דער הויכער גרייז.

און אין דעם גבור׳ס מח האָט מיט אַ מאָל אויפגעבליצט דער גע־דאַנק וועגען גאָט, דעם אמת׳ען, דעם גערעכטען.

און דער גבור האָט דערפיהלט, ווי דאָס בלוט אין איהם צורייצט זיך אַלץ צאָרנדיגער, אַלץ בייזער.

„ער געהט מלחמה האַלטען זייער מלחמה און איז נאָך אַלץ אַ בן זונה! — אַ בן זונה!?“

און דער ענטפער, אַז מען וויל איהם ניט קומען צו הילף, ווייל ער איז אַ בן זונה צוזאַמען מיט דעם ענטפער פונ׳ם מלך פון די בני עמון, האָט איהם גענומען רייצען און שטעכען ווי מיט נאָדלען.

און דער גבור האָט בעפעהלען מען זאָל איהם דערלאַנגען זיין פערד.

און די לופט האָט זיך פון דעם בעפעהל אויפגעטרייסעלט, ווי פון אַ פּלוצלונגער, שווערער וואונד.

און צו די שלוחים האָט ער אויסגעשריען:

„זאָל גאָט משפט׳ען צווישען מיר און צווישען זיי!“ — —

און ער איז האַסטיג ארויף אויף זיין פערד.

און די קריעגער האָבען זיך גלייך אָנגעצונדען מיט כעס פון זייער צורייצטער גבור.

און די מחנות, וואָס זיינען פון איהם געווען פאַרגרייט אויף אָנצור־פאַנגען די מלחמה, האָבען זיך גלייך אָבגעריסען פון זייערע ערטער.

און די גאַנצע ערד איז געווען פערשיינט מיט זון, און די גאַנצע ערד האָט גלייך גענומען פּראַכען און שווימען אונטער זייערע פיס, אונ־

טער די פים פון זיינע בלויע מחנות, וואָס האָבען זיך מיט אַ געפּעהר־ליכען אימפּעט געטראָגען נאָך זייער ווייסען גבור.

און פון אַנטקעגען האָבען זיך באַלד בעוויזען די רויטע מחנות פון דעם מלך פון די בני עמון, שווערע, גרויסע — — —

האָט זיך דער גבור גענומען טראָגען זיינע מחנות נאָך שנעלער און האָט זיי מיט אײנגאַנצען זיין צורייצטען כעס אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן רויטען שונא.

„זאָלען זייערע פערד זיך הויבען אויפ'ן שונא'ס קעפּ, זאָלען זייערע שווערדען זיך אַנטרינקען אינ'ם שונא'ס בלוט. מיט זיינע קריי־גער איז דער שטאַרקער גאָט. מיט זיינע קריעגער איז יהוה".

און זיינע מחנות זיינען אַרויפגעפאַלען אויפ'ן שונא שרייענדיג: יהוה, יהוה!!!

און דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד האָט באַלד גענומען אויסזעהן ווי אַ ווילד־צוטראָגענער, פאַרביגער ים.

מחנות האָבען זיך געוואָרפען אויף מחנות און האָבען זיך צונויפ־געשלאָגען מיט אַ בייז־ווילדען רעש. און ווי אַ פינקלענדיגער שוים אונטער דעם שיין פון דער זון, האָבען איבער זייערע קעפּ געשפּריצט און געבליצט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען.

און די גאַנצע ערד האָט זיך גענומען הויבען און וואָרפען מיט פערד און מיט מענשען און מיט קולות.

און אין אַלע זייטען האָבען זיך באַלד גענומען וואַלגערען טויטע, צוטראָטענע און פערוואונדעטע.

און אין אַלע זייטען האָבען באַלד גענומען אַרומלויפען צושראָ־קענע פערד, וואָס האָבען אין שלאַכט פערלאָרען זייערע קריעגער.

און די פערד האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט פלאַטערדיגע גריוועס, מיט אויסגעצויגענע עקען, און האָבען פון מאָל צום מאָל געריסען די זויגע לופט מיט זייערע קולות.

און דער גבור האָט זיך אַרומגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, וואָס זיינען געשטאַנען אין שלאַכט און ער האָט מיט זיין שטאַרקען קול געררייצט און געשריען:

„אויף די קעפּ פון די געצענדיענער! אויף זייערע קעפּ!"

און די קריגער, דערהערענדיג דעם קול פון זייער גבור, פלעגען אין זיך דערפיהלען אַ נייעם שטראָם כעס און כח.

און ווען דער שונא האָט זיך גענומען שטאַרקען, האָט דער גבור מיט אַמאָל אונטערגעשפּאָרט זיין צוהיצטען פערד און איז אַריבער צו זיין חיל, וואָס האָט אויף איהם געוואַרט הינטער די בערג, און ער האָט פון דאָרטען גענומען טראָגען און יאָגען נייע מחנות.

און די מחנות זיינען געלאָפען אויף פערשיעדענע וועגען.

און די מחנות זיינען אַרויף אויף דעם שונא פון פערשיעדענע ערטער.

יעדע מחנה איז בעשטאַנען פון טויזענד, און יעדע מחנה האָט טויזענד מאָל טויזענד ליעב געהאַט איהר גבור.

און זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער גבור איז שווער בעליידיגט געוואָרען.

טויזענדער פייל־בויגענס האָבען געשפּריצט און געריגענט אַנ־טקעגען זיי מיט פיילען, אָבער זיי האָבען זיך ניט גענומען פאַר די פייל־בויגענס, נאָר מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזען האָבען זיי זיך געטראָ־גען גלייך אויפ'ן שונא, און האָבען זיך אין איהם אַריינגעשטאָכען בייז און ווילד. —

זיי ווילען נקמה, זיי ווילען נקמה פאַר זייער בעליידיגטען גבור!

און דער שונא איז צוטומעלט געוואָרען פון די פּלוצלונגע אָנפאַ־לען פון אַזוי פיעל פערשיעדענע זייטען.

און דער גבור האָט געוואוסט, אַז קליין זיינען זיינע מחנות אַנט־קעגען דעם שונא'ס, נאָר אַז שטאַרק איז דער אידישער גאָט, דער גאָט יהוה, דער הערשער איבער אַלע חילות.

און ער האָט זיך בעוויזען אויף איינעם פון די בערג.

און ער האָט זיך אַ שטעל געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל.

און ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין גרויסען שאַרפען שווערד, און ער האָט איהם אויסגעשטרעקט צום הימעל.

און די זון, וואס האט פערשיינט דאס גאנצע טומעלדיגע שלאכט־פעלד, און די גרינע בערג פון נאהענט און וייט, וואס האבען אויסגע־זעהן ווי אנגעשוואומענע, האבען איהם ארויסגעפרעסט און ארויסגע־הויבען און האבען נאך וייסער געמאכט זיין ווייסען מאנטעל און נאך בלויער — זיין ברייטען, ליכטיג־בלויען גארטעל, און נאך שווארצער — זיין ווילדען, שווארצען פערד.

און די בני עמון האבען דערזעהן אויפ'ן שפיץ פונ'ם בארג דעם גרויסען ווייסען מאן, און זיי האבען דערזעהן זיין גרויסע באָרד, וואס האט בייז געפלאטערט אין דער בלויער לופט מיט איהרע געקרויז־טע שווארצע פאסען.

און זיי האבען דערזעהן דאס גרויסע צואווילדעטע פערד, וואס אונ־טער איהם.

און זיי האבען דערזעהן זיין שטארקע האנד מיט'ן גרויסען אויס־געשטרעקטען שווערד אין איהר.

און זיי האבען דערזעהן — זיין ברייטע שווערד גרייכט די זון. — זיין גרויסע שווערד שפאלט די זון אויף צווייען! — — —

און זיי האט זיך גענומען דאכטען אז דאס איז דער אידישער גאט, וואס האלט מלחמה מיט זייער גאט מולך — מיט'ן גאט פון דער זון, און אז אט רייסט אט דער געפעהרליכער גרויסער גאט פון ישראל, אראפ די זון און שליידערט זי אויף זייערע קעפ! — — —

און דער גבור האט אויפגעהויבען זיין גרויסען, ברוינעם שטערען מיט די פינקעלדיגע שווארצע ברעמען, און ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו גאט, און ער האט אין זיין הארצען א נדר געטהאן, און האט אזוי געזאגט:

„יהוה, דו ווייסט, אז די מלחמה וואס איך פיהר איצט, איז פאר דיר און דיין פאלק.

„איך, דיין קנעכט, פארגיעב זיי דאס שלעכטס, וואס זיי האבען מיר געטהאן.

„פארגיעב זיי אויך דו!

„פארגיעב דיין פאָלק ישראל.

„און עס וועט זיין, ווען דו וועסט געבען די בני עמון אין מיינע הענד, איז דאָס ערשטע, וואָס וועט ארויסגעהן פון די טירען פון מיין הויז ביי מיין קומען צוריק פון דער מלחמה, וועט געהערען צו דיר און איך וועל עס דיר ברענגען פאר א קרבן.

און ווי נאָר דער גבור האָט געענדיגט זיין נדר, האָט זיך דאָס הארץ אין איהם א שטארקען ריס געטהאָן פון א שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען. — — —

אָבער באַלד האָט דער גבור דערזעהן, ווי דער צוטומעלטער שונא האָט זיך מיט זיין גאַנצער שווערקייט געגומען בויגען צו דער מצפה.

און דער גבור האָט אין דעם דערזעהן א פינגער פון גאָט.

און ער האָט זיך מיט א מאָל א לאָז געטהאָן מיט זיין פערד.

און ער האָט זיך האסטיג און מיט א ווילדען געשריי גענומען טראָגען איבער בארג און טהאָל.

און א געדיכטער, ווייסער שטויב, האָט זיך אויפגעשלאָגען און איז איהם וואָלקענוויז נאָכגעשפּרונגען איבער בארג און טהאָל.

און זיינע מחנות, וואָס זיינען געלעגען בעהאַלטען אין פערשיעדענע פּלעצער זיינען אויף זיין געשריי מיט א מאָל אויפגעשפּרונגען און זיינען איהם נאָכגעלאָפען.

און וועלדער שטויב האָבען זיך נאָך זיי אויפגעשלאָגען און גענומען אויסגלייבען בארג און טהאָל.

און דער גבור איז מיט זיי ארויף אויף דער מצפה. און פון דאָרטען איז ער מיט זיינע מחנות, מיט זיינע פערד, מיט זיינע רייטוועגען און מיט דעם שארף פון זיינע שווערדען אראָפּ, ווי אויף די פליגלען פונ'ם ווינד, אויף די קעפּ פון די בני עמון.

און דעם גבור'ס פערד זיינען געשפּרונגען איבער מענשען. און דעם גבור'ס פערד זיינען געשפּרונגען איבער פערד. און זיינע שווערדען האָבען געבליצט און געשטאָכען און געיאָגט און געטריבען.

און די בני עמון האָבען דערזעהן צווישען זיך דעם גרויסען גבור.

און זיי האָבען דערזעהן — ער איז מיט זיין פערד און מיט זיינע

אקסלען העכער און גרעסער פון אלעמען, און ער ווערט נאך אלץ גרעסער און גרעסער! — — — — — —

און זיי האט גענומען שרעקען זיין אויסזעהן.

און זיי האט גענומען שרעקען זיין פערד.

און זיי האט גענומען שרעקען זיין בארד און זיינע אויגען.

און זיי האבען גענומען אין שרעק לויפען פון זיין שטארקען פנים און פון דעם שארף פון זיין שווערד.

פון זיין געשריי זיינען א סך פערטויבט געווארען.

און א סך זיינען געפאלען צו דער ערד.

פון זיין געשריי האט גענומען גליווערען דאס בלוט אין די אדערן פון דעם שונא'ס ווייטע מחנות.

און פערד האבען זיך אויסגעדרעהט און זיינען אנטלאפען ווי משוגענע.

און די בני עמון האבען אלע אין איין קול גענומען שרייען:

„דאס איז דער אידישער גאט צבאות! דער גאט פון ישראל!

און זיי האבען אין ווילדער איילעניש גענומען לויפען פון זיין צארן.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען צומישט געווארען.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען אנגעלאפען איינע אויף די אנדערע.

און דער גבור האט אלץ געפרעסט און געיאגט.

און ער האט זיי פערטריעבען פון גלעד.

און ער האט זיי פערטריבען צום ירדן.

און אריבער דעם ירדן.

און ער האט זיי געשלאגען און נאכגעיאגט אין זייער לאנד.

ביז ער האט איינגענומען צוואנציג פון זייערע שטעדט.

ביז זיי האבען זיך אונטערגעגעבען צו די קינדער פון ישראל.

ז.

און עס איז געווען, ווען דער גבור מיט זיינע זיעגרייכע מחנות האָט זיך אומגעקעהרט בשלום פון דער מלחמה מיט די בני עמון, איז דאָס ערשטע, וואָס איז איהם ארויס אנטקעגען פון די טירען פון זיין הויז, געווען זיין איינציג קינד, זיין טאָכטער.

און זי איז ארויס אנטקעגען איהם מיט געזאַנג און מיט טענץ.

און עס איז געווען, ווען דער גבור האָט דאָס דערזעהן, איז ער פערשטיינערט געוואָרען פון שרעק.

און דער שרעק האָט איהם דערמאָהנט אָן דעם שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען אויפ'ן שפיץ פונ'ם בארג, און אין דעם ריס, וואָס זיין הארץ האָט זיך געטהאָן באלד נאָך דעם ווי ער האָט געגעבען זיין נדר. — — — —

און דער גבור האָט אויפגעציטערט און זיינע אויגען האָבען גע־נומען קוקען אין אַלע זייטען: — טאָמער א שאָף, א רינד, אפשר ער־געץ דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן — — —

אָבער אומזיסט!
און דעם גבור'ס פנים איז מיט א מאָל געוואָרען שווארץ.
און ער איז אראָפּ פון זיין פערד.
און ער האָט אויף זיך צוריסען די קליידער.

*

און ווען דער גבור האָט דערצעהלט פון זיין נדר, האָט זיך א ביי־זער שרעק, ווי א ווינד, דורכגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, איבער די לייבער פון אַלע זיינע קריעגער און זיי זיינען אראָפּ פון זייערע פערד.

און זיי האָבען אויף זיך צוריסען די קליידער.

און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין א ביטער געוויין.

ווייל אַלע האָבען זעהר ליעב געהאַט שושנה'ן, און ווייל אַלע האָבען געוואוסט — זי איז דעם גבור'ס איינציג קינד.

און ווי זיי האָבען אַלע אַזוי געוויינט, האָט זיך איבער זייערע קעפּ בעוויעזען אַ ווייסער מלאך.

און דער ווייסער מלאך האָט שטיל דורכגעשוועבט איבער די וויינענדיגע מחנות —

און ער איז געקומען ביז צו שושנה'ן.

און ער האָט מיט זיין פליגעל ווייך אַנגעריהרט איהרע ליפּען.

און שושנה האָט אויפגעהויבען איהר געקרויזטען קאָפּ.

און איהרע פייכטע אויגען האָבען געגלאַנצט.

און איהרע שעהנע ליפּען האָבען גליקליך געשמייכעלט.

און אינ'ם ווייסען טוך, וואָס האָט ארומגענומען איהר יונגען קערפּער, האָט זי זיך בעוויעזען אויפ'ן טאַטענס שווארצען פערד.

און זי האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד.

און אין איין האנד האָט זי נאָך געהאַלטען איהר גאָלדען בלעך, אויף וועלכען זי האָט זיך צוגעקלאַפּט צום טאַנץ.

און אין דעם בלעך האָט זיך אַריינגעשפּיגעלט די גאָלדענע זון.

און עס האָט אויסגעזעהן — זי האַלט די זון אין איהרע הענט.

און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי אויסגעשריען:

„קריעגער, פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין לאַנד!"

און טויזענדער און טויזענדער פערוויינטע אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען צו איהר, צו שושנה'ן, צו דער טאָכטער, צו דעם הארץ פון זייער גבור, וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען אַן אויסגעצויגענע מיט פערנאַנדערגעשפּרייטע הענד — — —

און זיי האָט זיך געגומען דאכטען — אַט הויבט זי זיך אויף און פליהט — און פליהט אוועק פון זיי.

און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער רעווען: — דאָס איז ביי ברכיהו'ן פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען זיין פערד אויף די הינטער־שטע פיס און עס האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און עס איז אוועק אין פרייען פעלד אריין.

און אַלע האָבען פון דעם אויפגעציטערט.

און אויך זי — שושנה — האָט פון דעם אויפגעציטערט.

און זי האָט אויף אַ ווייַלע געווענדט איהרע אויגען צום פערד, וואָס האָט זיך דאָרט געגומען טראָגען אין פעלד, ווי אַ געשטאָכענער...

## ח.

און שושנה האט זיך געווענדעט צום גבור:

„פאטער, טהו מיט מיר, ווי ריין מויל האט גערעדט, נאר גיב מיר צוויי חדשים אויף צו בעוויינען מיין מיידעלשאפט".

און דער גבור האט געגעבען זיין טאכטער צוויי חדשים צייט צו בעוויינען איהר מיידעלשאפט.

און זי איז אוועק אין די בערג. זי און מיט איהר איהרע חבר'טעס, וואס זיינען איהר נאכגעגאנגען און האבען בעוויינט איהר יוגענד.

איהרע חבר'טעס האבען געוויינט און זי איז פאר זיי געגאנגען א פערטראכטע, א שטאלצע און האט געשוויגען.

און איהרע אויגען האבען געקוקט פון די שפיצען פון די בערג אויף די בערג און אויף דער ווייטקייט וואס אריבער די בערג...

און די חבר'טעס פלעגען וויינען הינטער איהר, און זי אליין פלעגט זיי נאך אפט טרייסטען:

„זי איז גאטס און זי געהט צו גאט, און זי וועט זיי דארטען אלע־מען געדענקען. — — —

*

.... און אין אבענד פלעגט זי זיך באדען אין טהוי — — —

און די חבר'טעס, וואס פלעגען ארומוואשען איהר לייב, פלעגען צו איהר וויינענדיג זאגען:

„דו ביזט ווי א טאכטער פון טהוי און דו ביזט נאך ריינער פון טהוי."

...און אין דער פריה פלעגט זי זיך באדען אין די שטראהלען פון דער זון. —

איהר בלוט פלעגט נעמען שפילען און מאכען ראז איהר לייב. —

און עס פלעגען זיך אנציהען איהרע יונגע ברוסטען. —

און זי פלעגט דאן נייגען איהר קאפ צום קוואל. —

און זי פלעגט אהין קוקען לאנג אויף זיך און אויפ'ן הימעל, וואס שפיגעלט זיך ווייט הינטער איהר — — —

און דער שווארצער וואלד פון איהרע געקרויזטע האר פלעגט זיך דאן צושיטען איבער איהר נאקען. —

און זי פלעגט דערפיהלען, אז די האר האבען זיך אנגעווארימט אין דער זון, און זיי ריהרען ווארים אן איהר לייב.

און זי פלעגט זיי שטיל אננעמען מיט איהרע הענד און פלעגט נאך א מאל דערפיהלען זייער ווארימקייט. — —

און זי פלעגט זיי קינדעריש טוליען צו איהרע פערציטערטע ברוסטען.

און זי פלעגט זיי אננעמען און זיך ארומוויקלען מיט זיי דעם האלז.

און די חבר'טעס פלעגען קוקען אויף איהר צובליהטען לייב, אויף איהר ראז צובליהטען פנים מיט די ליכטיגע גרויסע אויגען, וואס איז ארומגעהאלזט מיט די געדיכטע שווארצע האר — און פלעגען איהר זאגען וויינענדיג:

דו ביזט ווי א טאכטער פון דער זון און דו ביזט נאך פיעל שעהנער פון דער זון.

און זי פלעגט זיך איינהילען אין איהר ווייסען טוך, און זי פלעגט זיך הייסען ברענגען ווייסע טויבען.

און זי פלעגט זיי קוקען אין די אויגעלעך.

און זי פלעגט גלעטען מיט די ווארימע פעדערלאך פון זייערע רונדע קעפעלאך — איהרע פולע רויטע ליפען און די דינע הויט פון איהרע באקען — — —

און זי פלעגט זיי לעגען אין איהר שויס.

און די טויבען פלעגען נעמען ווארקען צו איהר.

און זי פלעגט נעמען ליעב פלוידערען צו זיי, ווי א קינד און ווי א מאמע — — — —

און נאכדעם פלעגט זי זיי אבלאזען.

און די טויבען פלעגען אויפפּאטשען מיט די ווייסע פליגלען און פלעגען אוועקפליהען.

און שושנה פלעגט זיך אויפהויבען און זיי נאָכקוקען מיט איהרע ברייט צועפענטע אויגען, ווי זיי פליהען אוועק ווייט, ווייט...

און איינמאָל, ווען זי האָט אזוי נאָכגעקוקט די טויבען, איז צו איהר צוגעקומען איהר שוין לאנג געשטאָרבענע מאמע. — — —

און שושנה האָט גאָר קיינמאָל ניט געדענקט איהר מאמען.

און דער מאמע'ס פּנים איז געווען פערדעקט מיט א געדיכטען שלייער. —

...נאָר שושנה האָט געוואוסט אז דאָס איז די מאמע.

...און די מאמע האָט איהר גערושט די ליפּען.

... און די מאמע האָט איהר געקושט דעם שטערען.

און די מאמע האָט איהר אריינגענומען אין איהר שלייער.

און די מאמע האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און האָט זיך צוואויינט. — — — —

*

און ניט איינמאָל, ווען ווייט אין דער בלויקייט פלעגען זיך געמען טוקען און שווינדען די פּינטלען פון די ווייסע טויבען, האָט שושנה פאר זיך דערזעהן דעם הויכען גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד, ווי ער געהט אום איבער דער בלויער לופט א באָרוועסער, מיט זיין גרויסען שטעקען אין האנד. — — —

און ער קומט צו איהר.

און ער שטעלט זיך אוועק פאר איהר.

און ער שטעהט אזוי לאנג, לאנג.

און ער קוקט אויף איהר, ביז ער ווערט ניט.

און איינמאָל, ווען שושנה האָט אזוי נאָכגעקוקט די ווייסע טויבען, האָט זיך פאר איהר צועפענט דער הימעל. — —

און דער צועפענטער הימעל איז צוגעקומען צו איהר גאָר נאָהענט.

און זי האָט דאָרט דערזעהן:

א ווייסער וועג וואָס איז אויסגעבעט פון ווייסע וואָלקען.

און פוןביידע זייטען שטעהען ווייסע מלאכים.
און אַרויף אויפ׳ן וועג זיצט גאָט אויף זיין שטוהל. — —
און ער איז איינגעהילט אין אַ גרויסען וואָלקען
און פון ביידע זייטען פון איהם שטעהען צוויי ליכטיגע מלאכים.
און אויף הינטען פון זיין שטוהל איז פוסט און וויסט — — —
און דער גרויסער גרייז מיט׳ן הויכען שטעקען געהט איבער׳ן וועג, אויפ׳ן וועג צו איהם. — — —

*

און איהרע חבר׳טעס שטעהען הינטער איהר, קוקען אויף איהר און וויינען. — — — —

## ט.

ברכיה איז ערגעץ אוועק און איז ניט געבליבען.

און דעם גבור פלעגט מען אלע פארנאכט זעהן ווילד לויפענדיג אויף זיין גרויסען שלאכט־פערד איבער די דערפער און פעלדער פון גלעד. —

און די איינוואוינער פלעגען אויפציטערען און איהם נאכקוקען און נאכזיפצען.

אט פלעגט מען איהם זעהן אויף איין בארג און אט — אויף א צווייטען. —

און מען האט געזעהן — ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען.

און ער שפרינגט איבער די שפיצען פון די בערג; קוקט און זוכט זיין טאכטער.

און דערזעהט ער זי, קומט ער קיינמאל ניט צו צום פלאץ, וואו זי געפינט זיך. — — —

און אזוי טאג איין, טאג אויס.

און איינמאל, ווען דער גבור איז געקומען צוריק פון זיין פארנאכטיגען וועג, האט איהם ביי זיין טיר בעגעגענט זיין טאכטער. —

דאס האבען זיך שוין געענדיגט איהרע צוויי חדשים, און זי איז געקומען צוריק. —

דעם גבור'ס הארץ האט זיך נאך שווערער פערקלעמט.

און ווען שושנה האט אנגענומען דאס פערד פאר'ן צוים, האט דאס פערד געגומען הירזשען צו איהר און ציהען צו איהר דעם קאפ און דעם האלז מיט ליעבשאפט און בענקען, ווי דאס פערד וואלט געפיהלט, אז עס זעהט זי צום לעצטען מאל.

און שושנה האט געהאלטען דאס פערד פאר'ן צוים און געקוקט אויף

דעם און דאָס געגלעט לענגער ווי אַלע מאָל. און נאָכדעם האָט זי גע־נומען אַרומשטויבען דעם גבור.

און דעם גבור'ס פּנים איז געווען פינסטער.

און ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט האָט זי אַריינגעלעגט איהר קאָפּ אין זיין שויס.

און דער גבור האָט אַרויפגעלעגט זיין האנד אויף איהר קאָפּ.

און זי איז אַזוי לאַנג געלעגען און איז ניט איינגעשלאָפען.

און נאָכדעם האָט זי ווי פון שלאָף געפרעגט:

— אַ יאָ, טאַטע, ברכיה איז געווען אַ גוטער?

און דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן האָט זיך אַזוי פּלוצלונג אַרויס־געריסען פון די הענד און איז אַנטלאָפען — — —

און איצט בלאָנדזשעט ער דאָרט אַרום אויף יענע בערג, איינער איינער אַליין — אַ הירש מיט אַ זילבערנעם האָרן.

און, אַ יאָ — פון דאַנען וואָלט ער אַזוי ווי אַ מענש געבענקט אַהין, אַהיים? — — —

און פאַר וואָס, טאַטע, האָבען זיך בעוויעזען ביי דיר גרויע האָר אין באָרד? אַ, טאַטע? אַזוי פיעל גרויע האָר! — — — —

און צו געדענקט ער נאָך איהר מאַמע. זי איז געווען אַ הויכע, יאָ?

ו.

און אויף מאָרגען איז אויף איינעם פון די בערג געווען פאַרטיג דער מזבח פון האָלץ.

און עס איז געווען גרייט דאָס פייער.

און שושנה איז אַליין אַרויף און האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפ׳ן מזבח.

און ווען מען האָט אונטערגעלעגט דאָס פייער איז אַ ציטער אַריבער די לייבער פונ׳ם גאַנצען פאָלק וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אויפ׳ן בארג.

און ווען דאָס פייער האָט דערגרייכט דאָס האָלץ, האָט שושנה מיט אַ מאָל אויף זיך דערפיהלט גאָט׳ס גייסט און זי איז אויפגעשפּרונגען.

און דאָס פייער האָט שוין דערגרייכט איהרע באָרוויסע פיס און דעם זוים פון איהר קלייד.

און זי האָט פערנאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד, ווי אויף צו בענשען.

און זי האָט אויסגעשריען אויף אַ הויכען קול:

„גערענק ישראל! גאָט, דער גאָט פון אברם, דער גאָט פון הימעל, איז דיין גאָט!"

און די פלאַמען האָבען זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געטהאָן אַרויף איבער איהר ווייסען קלייד.

און עס האָבען זיך אָנגעכאַפּט און אַ פלאַקער געטהאָן איהרע צו־לאָזטע האָר.

און איבער איהר קאָפּ האָבען זיך צעעפענט די טירען פון הימעל.

און עס זיינען אַרויסגעפלויגען פייער מלאכים.

און ווי דאָס פאָלק האָט דאָס דערזעהן, איז דאָס געפאַלען אויפ׳ן פנים, און עס האָט זיך געבוקט.

און דער גבור איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פערשטיינערטער.

און ווען דאָס פאָלק איז געפאַלען מיט׳ן פנים צו דער ערד און האָט

זיך געבוקט, איז דער גבור געבליבען איינער איבער אלעמען.

און ער האט אין זיך דערשטיקט אלע זיינע וועהטאגען.

און ער האט אויפגעהויבען און פערשפרייט זיינע הענד צום צועפענ־טען הימעל און האט אויסגעשריען:

„זיי געבענשט און געלויבט פון אייביג ביז אייביג!“

און באלד נאך דעם האט דער גבור דערהערט הינטער זיך א צורייצ־טען געשריי:

„בן זונה!! ווען דו וואלסט ניט געווען קיין בן זונה וואלט גאט ביי דיר ניט נעווען צוגענומען דיין איינציג קינד!“

דאס גאנצע פאלק האט אויפגעציטערט פון דעם פלוצלונגען אויס־געשריי.

און דער הימעל האט זיך באלד פערשלאסען.

און דעם גבור'ס פנים איז מיט א מאל געווארען שווארץ ווי קויל.

און ווען ער האט זיך אומגעדרעהט האט ער הינטער זיך דערזעהן ברכיה'ן.

און ווען ברכיה האט זיך בעגעגענט מיט'ן גבור'ס פנים, איז ער משוגע געווארען פון שרעק.

און רמליהו האט גלייך ארויסגעכאפט זיין שווערד פון זיין שייד און האט זיך מיט איהר געלאזט צו זיין זוהן, אבער דער גבור האט איהם אבגעהאלטען.

און ברכיה האט זיך צולאכט מיט א משוגענעם געלעכטער.

און ער האט זיך ארויפגעכאפט אויף זיין פערד און איז אוועק.

און באלד האט זיך נאך אין פאלק דערהערט אביבעל'ס שטימע:

„יהוה האט ביי אברם'ען ניט צוגענומען זיין קינד, ביים בן זונה האט ער עס צוגענומען, ווייל ער איז א בן זונה! און ווייל ער איז ניט ווערטה צו זיין דער האר און דער הערשער צווישען אונז!“

און דאס גאנצע פאלק האט מיט א מאל געגומען מורמלען — — — —

און פון דעם געמורמעל האט ביים גבור גענומען גליווערען דאס בלוט הינטער'ן הארצען.

און דאָן זיינען נאָך אריבער די ברידער פון דעם שבט, וואָס אויף יענעם זייט ירדן און זיינען אָנגעפאלען מיט געשרייען און מיט שטיינער:

„בן זונה! פאר וואָס ביזטו געגאנגען מלחמה האלטען מיט די בני עמון אָהן אונז?“

און דער גבור האָט זיי געענטפערט:

„איך האָב דאָך איך גערופען און איהר האָט דאָך מיך געלאָזען אליין אין מיין נויט.

און זיי האָבען ווייטער געשריען:

„בן זונה! בן זונה! מיר ווילען ניט, אז א בן זונה זאָל געוועלטינען איבער אונז.

„דיין הויז זאָל אויף דיר פערברענט ווערען אין פייער! אין פייער!...

*

און עס איז געווען ווען דעם גבור׳ס קריגער האָבען דערהערט, ווי מען רעדט שלעכטס אויף זייער גבור, זיינען זיי אָנגעפאלען —

און אין יענעם טאָג איז פון דעם שבט אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען צוויי און פערציג טויזענד מאָן.

און אין דער שלאכט איז פון דער האנד פון אביבעל געפאלען דעם גבור׳ס איינציגער פריינד — זיין גוטער רמליהו.

## יא.

און דאַן איז דער גבור געבליבען אליין.

און צו זיינע אויערען איז נאָך געקומען דאָס געשריי פון פאָלק: דו ביזט אַ פערשאָלטענער! דו ביזט אַ בן זונה! ווען דו וואָלסט ניט גע־ ווען קיין בן זונה, וואָלט גאָט ביי דיר ניט געווען צוגענומען דיין טאָכ־ טער, דיין איינציג קינד. בן זונה! בן זונה!

„דו גלויבסט אליין ניט אין יהוה׳ן — דו האָסט צו איהם מקריב געווען אַ מענשען.

„און אַז דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה, וואָלט דאָס ניט גע־ קומען צו קיין ברידער מלחמה.

„דאָס בלוט פון די ברידער וועט פאַלען אויף דיין קאָפּ.

„און ווער וויים, וואָס נאָך פאַר אַ אומגליקען עס וואַרטען אויפ׳ן פאָלק איבער דיר, ווייל דו ביזט אַ בן זונה! אַ בן זונה!“

און שרעקליך איז דאַן געווען צו זעהן דעם גבור אין די פאַרנאַכטען.

זיין באָרד איז וויעדער האַרט געוואָרען און זיך צוטהיילט אין בעזונ־ דערע פאַסען, וואָס פלעגען ווי בייזע שלאַנגען צוואַוואַרפען פלאַטערן אויף זיין גרויסער ברוסט, אויף זיינע הויכע, ברייטע אַקסלען.

און זיינע אויגען פלעגען בליצען פון כעס:

„און ער וועט זיך אָוועקטראָגען צו די העכסטע בערג.

„און פון זיין כעס וועלען שטיינער דאָרט צוריבען ווערען אין שטויב.

„און די שטאַרקסטע פעלזען וועט ער רייסען און וועט זיי מיט זיינע הענד שליידערען אַרויף צום הימעל, צו איהם! — — — — — —

„און זאָלען זיי פאַלען צוריק אויף די קעפּ פון זיין פאָלק!

„צוליעב וועמען האָב איך געקעמפפט אויפ׳ן שלאַכט פעלד?!

„צוליעב וועמען און פאַר וועמען האָב איך מקריב געווען מיין איינ־ציג קינד?!

„מיט וואָס קען בייַ דיר און בייַ דיין פאָלק אַ זינדיגער מענש זיך אויסקויפען פון זינד?!

„זינד, אין וועלכע ער איז גאָר ניט שולדיג!

„און צו האָב איך דיך ניט געדיענט מיט מיין גאַנצען הארצען?"

און די טענות פלעגען איהם קאָכען און זידען אין הארצען.

און פאַר זיינע אויגען פלעגט נאָך אויפשטעהן דאָס בילד פון די צוויי און פערציג טויזענד גע'הרג'עטע און געקוילעטע ברידער.

און דער גבור פלעגט זיך טרייסלען פון שרעק — און ער פלעגט זיך ארויפכאַפּען אויף זיין פערד.

און דאָס פערד פלעגט שוין דערקאָנען, אַז דער גבור איז צורייצט, און עס פלעגט זיך נעמען טראָגען איבער גלעד.

און די לופט פלעגט זיך רייסען און שרייען דעם גבור אין די אויערען.

און איהם פלעגט זיך דאכטען, אַז די צוויי און פערציג טויזענד ברידער, מיט איבערגעשניטענע העלזער, מיט צוקרימטע מיילער, מיט צוהאַקטע קעפּ און פערבלוטיגטע פּנים'ער יאָגען איהם איהם נאָך אין דער לופט מיט זייער בלוט.

און דער גבור פלעגט נעמען טרייבען דאָס פערד אַלץ צורייצטער, אַלץ ווילדער. —

„ער וועט ארויף אויף איינעם פון די העכסטע בערג —

„און אַזוי ווי זיין פּנים רייסט איצט די לופט, אַזוי וועט ער מיט זיינע הענד צורייסען די הימלען און וועט אַהין אריינשרייען:

„ווער איז שולדיג פאַר דאָס ברידער בלוט?!

„אויף וועמעס קאָפּ זאָל פאַלען זייער בלוט?"

און ער וועט צונויפנעמען דאָס בלוט פון די צוויי און פערציג טויזענד און וועט דאָס אַ וואָרף טהאָן צו איהם. —

און זאָל דער ווייסער וואָלקען אין וועלכען ער איז איינגעוויקעלט, רויט ווערען.

זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון אַלע מלאכים!

*

זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט!

נאָר ווען דער גבור פלעגט אַרויף אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פלעגט זיך פאַר איהם אויפשפּיגלען זיין גוט לאַנד, דאָס לאַנד פון בלאַנקען טורעם מיט דער ווייסער טויב —

און דער גבור פלעגט בלייבען שטעהן און לאַנג קוקען אַהין אין יענעם לאַנד.

און אַ שווער בענקען פלעגט נעמען קוועלען דעם גבור׳ס הארץ.

און זיינע צורייצטע בליקען פלעגען זיך אָבשטעלען אויף דער ווייסער טויב.

ווי קלאָהר זי איז, ווי ווייס זי איז —

און אָט דאכט זיך, רייסט זי זיך אָב און לאָזט זיך פליהען צו איהם...

די ווייסע טויב — די ווייסע טויב —

און דעם טורעם האָט ער אויפגעשטעלט נאָך דעם געשטאַלט פון פייער, וואָס גאָט האָט איהם בעוויזען אין חלום.

ווי שעהן, און וויפיעל ליעבע און שטאַרקייט עס איז געווען אין דער געטליכער האנד, וואָס האָט פאַר איהם געהאַלטען דעם טורעם פון פייער הויך אין הימעל — — —

און וויפיעל חסד יהוה האָט מיט איהם געטהאָן ווען ער האָט אין איהם געגלויבט מיט אמת און ריינקייט.

און איצטער האָט יהה פון איהם אָבגעטהאָן זיין חסד.

ווייל ער, דער גבור פון יהוה, האָט זיך ניט אין גאַנצען פערטרויט אויף יהוה׳ס שטאַרקער האנד.

ווייל ער, דער גרויסער גבור פון יהוה, איז מיט אַמאָל צושראָקען געוואָרען און אין דער מינוט פון שרעק האָט ער מיט זיין זינדיג מויל ארויסגעבראכט אַ זינדיגען נדר.... און דערמיט ווידער געגעבען אבי־בעל׳ן אַ וועג צום פאָלק, צום פאָלק וואָס וויל זיינע זינדיגע סעודות, די זינדיגע ימים טובים פון די פרעמדע געטער —

און דער גבור פלעגט נאָך אזוי לאַנג שטעהן און קוקען אַהין און טראַכטען און איבערלעבען —

און עס פלעגט זיך איהם נעמען דאַכטען, אַז ער זעהט נאָך איצטער ווי זיין טאָכטער שפּרינגט איהם אנטקעגען און שרייט צו איהם אַ פער־ציטערטע פון ליעבע און פרייד:

„פאָטער, פאָטער! די זקנים פון גלעד זיינען צו דיר געקומען."

און דעם גבור'ס הארץ פלעגט זיך דערביי אָפּט אויפהויבען מיט כעס און ביטערקייט.

ער וואָלט זיי וועלען בייז און וויסט שעלטען! —

אָבער פאַר זיינע אויגען גליהט דער טורעם און עס פלאַטערט די ווייסע טויב.

... און עס עפענען זיך זיינע ליפען און זאָגען:

„גאָט, זיי זיינען אַ דור אַ פערקרימטער און אַ פערדרייטער!

„זיי זיינען ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זייערע פיס טראָגען. און זיי קענען זיך ניט אויפהויבען צו דיר.

„און איך בין דאָך נאָך דיינע געזעצען — דער זוהן פון אַ זונה.

„און איך בין געשטרויכעלט געוואָרען.

און די זינד פון מיין מוטער פאַלען אויף מיין קאָפּ און אויף מיין האַלז ווי שווערע מיהלשטיינער און לאָזען מיך ניט אויפהויבען זיך אין די אויגען פונ'ם פאָלק. און לאָזען מיך ניט אויפהויבען דאָס פאָלק צו דיר.

און דו אין דיין גרויסען דערבאַרימען, געדענק זיי ניט דאָס שלעכטס.

„איך — דיין קנעכט — בין זיי מוחל.

„און וואָלט איך געהאַט נאָך אַ קינד, וואָלט איך דאָס ניט פערמידען פון צו מקריב זיין צו דיר פאַר זייערע זינד. — אויב דאָס וואָלט נאָר דיין ווילען געוועןן.

„ווייל איך ווייס, אַז דו ביזט גרויס.

„ווייל איך ווייס, אַז זייערע קינדער און קינדס קינדער וועלען דער־צעהלען פון דיין גרויסקייט צווישען די פעלקער."

## יב.

לאַנג אָבער האָט דעם גבור'ס האַרץ ניט געקענט אויסהאַלטען.

און איינמאָל, עס איז געווען אין דער צייט פון רעגען —

און עס איז געווען נאַכט —

און דער חושך איז געווען אָנגעפילט מיט רעגען און מיט דונערען און מיט בליצען —

און פון יעדען בליץ איז מיט אמאָל ליכטיג געוואָרען אויף די בערג און אין די טהאָלען —

האָט מען ביי דעם שיין פון די בליצען דערזעהן דעם גרויסען גבור אויף איינעם פון די בערג.

און ער איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, אַ גרויער.

און די הענד האָט ער געהאַלטען אַרויף צום הימעל און האָט הויך און בייז געשריען.

ביז עס האָט זיך דערהערט אַ דונער, פון וועלכען דאָס גאַנצע לאַנד האָט אויפגעציטערט.

און דאַן האָט זיך מיט אַמאָל ווייט צושפּאָלטען דער פערוואָלקענטער הימעל —

און דער צושפּאָלטענער פּאַס האָט זיך פערצויגען ביז איבער אַ האַלבען הימעל. —

און דער ברייט צושפּאָלטענער פּאַס איז צוגעקומען ביז צום פּלאַץ וואו דער גבור איז געשטאַנען. —

און פאַר דעם גבור'ס אויגען האָט אַ בליץ געטהאָן אַ ליכטיגע ווייסקייט.

אַזאַ ווייסקייט האָט נאָך ביז דאַן קיין בן אדם אפילו אין חלום ניט געזעהן.

... און די ווייסקייט האָט ביי דעם גבור אַרויסגעקושט די נשמה...

*

און אַזוי איז געווען, וועלט איין, וועלט אויס:

אַמאָל איז געווען אַ גבור.

און דער גבור איז פערשוואונדען.

און די נאַכט, ווען ער איז פערשוואונדען איז געווען פול מיט רעגען און מיט בליצען.

און אויפ'ן אַנדערן טאָג אין דער פריה האָט זיך גענומען לייטערען.

און עס איז געווען, ווען עס האָט זיך גענומען לייטערען האָט מען צווישען די וואָלקען, אויף איינעם פון די בערג, דערזעהן זיין שווארצען פערד.

און ניט ווייט פונ'ם פערד האָט זיך געזעהן דער הויכער גרייז, האַל־טענדיג זיינע הענד אָן דעם הויכען שטעקען.

און אין אבענד — די זון האָט זיך אַ גרויסע, אַ רויטע געזעצט צווי־שען די וואָלקען פון די אנטקעגענדיגע בערג — האָט מען דערזעהן שושנה'ן, דעם גבור'ס טאָכטער, דעם גבור'ס הארץ אויפ'ן מזבח, צווישען די רויטע וואָלקען.

און מען האָט דערזעהן — זי איז מיט אַמאָל ארויפגעשפרונגען אויפ'ן ברענענדיגען מזבח.

און זי האָט זיך אויסגעצויגען.

און זי האָט פאַרנאַנדערגעשפרייט איהרע הענד.

און מען האָט דערהערט: זי שרייט פון דאָרט אויס מיט איהרע לעצטע כחות:

„געדענק ישראל! גאָט, דער גאָט פון אברם, דער גאָט פון הימעל איז דיין גאָט."

צווייטע טייל:
# די פארגאנגענע זון



# דער אלטער וואלד

ווילדע וואלד־קלאנגען. —

אין אווענד, ווען די זעגער און העקער פערלאזען דעם וואלד, ווערען די ווילדע וואלד־קלאנגען בייזער, גרויזאמער און טיעפער.

און ווען די רויטע אווענד־זון פערקלייבט זיך אין דעם גרויסען אל־טען וואלד אריין, פערוואנדלען זיך די קלאנגען אין בלוטיגע געשרייען.

— ווער שרייט דאס אזוי שווער און בייז?

— דאס שרייט דער אלטער וואלד!

אויף אן אויסגעהאקטען שטיק, אין מיטען פון דעם גרויסען וואלד, שטעהט א הילצערנע קאנטאר. אויף א קלאץ, ניט ווייט פון קאנטאר, זיצט דער אלטער וואלד־סוחר, רב מרדכי און טראכט פאר זיך. — ער הערט די ווילדע וואלד־קולות. — עס קנאקט, עס הילכט און קנאלט, אבער ער מאכט זיך ניט וויסענדיג, — זאל זיין אז מען האקט נאך אין דער נאהענטער דעליאנקע און דאס הילכט אזוי אפ אין דעם פארנאכטי־גען וואלד, צו פוהרען פאהרען איצט ערגעץ מיט דער „אביעזדקע", וואס אין מיטען וואלד, קנאקען דאס אזוי די פערדארטע צווייגען אונטער זייערע רעדער...

וואלקענס, בלוטיג רויטע, צינדען זיך אן איבער'ן אויסגעהאקטען שטיק; פער'כישופ'ט־רויט ברענגען די פענסטער פון קאנטאר. עס זעצט פון זיי די רויטקייט אזוי שטארק, אז עס איז נאר אונמעגליך אין זיי אריינצוקוקען. און דארטען, צווישען די בוימער, וואס צום דארף אין טהאל, שלאגען אויף ליכטיג־רויטע פלאמען. מען וואלט געקאנט מיינען, אז דאס גאנצע דארף אין טהאל האט זיך אנגעצונדען. מען הערט אפילו

דאָס אויסברעכען פון צושראָקענע געשרייען — נאָר רב מרדכי'ן ריהרט דאָס ניט. ער זיצט זיך אַלץ פערטראַכט. טיעף. אַליין. איהם לאָזט אַלץ ניט צורוה די מעשה מיט'ן נייעם בית־המדרש: אַבגעברענט געוואָרען דער אַלטער... אַזוי לאַנג געשטאַנען לעדיג דער פּלאַץ, — פערוואַקסען גע־וואָרען מיט דערנער. ביז גאָט האָט געהאָלפען, מען האָט זיך געשטעלט בויען... אַליין געשענקט פאַר דריי הונדערטער געהילץ!... פון די בעסטע! מען זאָל חלילה ניט נאַרען. און היינט נאָך א חוץ: צוויי קנאָקעדיגע פינף־און־צוואַנציגער. און נאָך מיט וואָס פאַר א וואַרעמקייט! מיט וואָס פאַר א פרייד! און צום סוף לאָזט זיך אויס: עס וואַקסט אויף עפּעס גאָר ניט דאָס... א פרעמדע זאַך — רחמנא לצלן! — — — —

גאָט זאָל נאָר ניט שטראָפען פאַר'ן רעיון, — אָבער דער אַלטער איז דאָך געווען אַזאַ שווערער, אַן ערענסטער... און דאָס?!... אויסגע־וואַקסען עפּעס אַזאַ יונגער „צוציק“, א ווייסער, מיט א בלעכענעם היי־טעל, אָהן א ברעקעל דרך ארץ...

„טע! — ס'הייסט, נייע יאָהרען, נייע בתי־מדרשים!“ טראַכט אַלץ רב מרדכי פאַר זיך און פיהלט דערביי ווי עס בריהט איהם אין הארצען. עס ברענט דאָרט א פייער, וואָס, דאַכט זיך, ימים וואָלטען ניט געקאָנט אויסלעשען.

א ווינטעל ציהט. דאָס ווינטעל ריהרט שטיל אָן רב מרדכי'ס גרויע האָר. פאַר רב מרדכי'ן ליגט א נאָר וואָס אויסגעהאַקטער בוים. דער בוים ליגט אויסגעצויגען ווי א לעבעדיגער... ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיינע דיקע, נאָך ניט אונטערגעהאַקטע צווייגען, ווי אויף לעבעדיגע הענט... א פּאָר פערשפּעטיגטע פויגעלעך שפּרינגען אום און טיסטשען איבער די אויבערשטע צווייגען. די בלעטער פליסטערען און וויעגען זיך שטיל... רב מרדכי פערקוקט זיך אויפ'ן בוים, מעסט איהם אוים מיט'ן אויג: פון אונטען וועט מען דאַרפען אָפּשניידען אַן אַנדערהאַלבען אַרשינאַווע קלאָץ: נאָכדעם א דריי אַרשין, פון וועלכע מען וועט קאָנען א ר ו י ס־כ אַ פּ ע ן צוויי פלאַסטען און א דריי ר י י נ ע ווערשקאָווע ברע־טער. העכער, וועט מען אפשר קאָנען אַ ר ו י ס צ י ה ע ן א „ברוסאָק“ פון א צוויי־און־א־האַלב אַרשין און דאָס איבריגע — צוהאַקען אין קלאָפּ־

טער... און ארום שטעהט נאָך א וואַלד אויף יאָהרען און יאָהרען... און...
די מעשה מיט'ן בית־המדרש געהט פאַרט ניט ארויס פון קאָפּ. — — —

די פּעניעס פון די אָבגעזעגטע בוימער זיצען אין דער ערד אזוי כּאַרגע און קוקען מיט זייערע ווייסע קעפּ אזוי, ווי לעבעדיגע, וואָס אָט וועלען זיי זיך אַלע אויף איין מאָל א הויב טהאָן און אויפשפּרינגען, און אַלע אין ווייסע טליתים!...

דאָ און דאָרטען זיינען אַנגעוואָרפען קלעצער, שפּענער און זעגעכטס. און דאָרט אַרוף זיצט אויף א קלאָץ אברהם דער משרת, רב מרדכי'ס רעכטע האַנד און קאַכט וועטשערע. — האַלט א מעסער אין האַנד, שיילט קאַרטאָפעלס און וואַרפט זיי אין וואַסער, און איבער'ן פייער, אויף דריי צוזאַמענגעשטעלטע צווייגען הענגט דאָס אייזערנע קאָך־טעפּעל; ס'וויג־טעל ציהט אָב אָן א זייט דעם בלוי־גרויען רויך: אביסעל ווייטער, נעהמט זיך דער רוך שפּרייטען ברייטער, צושפּרייטער און דינער, ציהט זיך ארויף אויפ'ן געהילץ, אויף די נאָהנטע בוימער און בלייבט אויף זיי הענגען ווי א דינער זייד. — נעבען אברהם שטעהט א פולער עמער מיט פרישען וואַסער, ליגט א קופּע אָנגעקליבענע שפּענער.

אין אברהם'ס שוואַרצער באָרד, ווייזען זיך שוין ווייסע האָר — קלערט רב מרדכי... — נעבעטען האָט אברהם אונטערגעשאָרען זיינע וואָנסען, זעהען זיך ביי איהם אצינד ארויס א פּאָר נאַקעטע בלאַסע ליפּען — — —

עס דערהערט זיך דאָס אָנקומען פון א פוהר... די פוהר בעוויזט זיך גלייך אויפ'ן וועג צום קאַנטאָר. רב מרדכי הויבט זיך אויף אנטקעגען דער פוהר און פרעגט, נאָך אַלץ אין רעיונות פערזונקען.

„צוליעב וואָס אזוי שפּעט, איוואַן?"

איוואַן שטעלט אָב די פערדלעך, קריכט ארויס פון וואָגען מיט דער לאַנגער בייטש אין האַנד און ווענדט זיך צו רב מרדכי'ן, ווי צום איינציגען מענשען אויף דער וועלט, וועמען מען מעג גלויבען:

— אָט זאָל ער, מאָרדקאָ, זעהן.

ער, איוואַן, האָט זיך נעבעטען, אויף דעם יאַריד געביטען מיט'ן פערד און קאָן זיך נאָך ביז איצט קיין טאָלק ניט דערשלאָגען: — האָט

ער זיך אָבגענאַרט, צי ניט? און ער וויל וויסען דעם אמת, דעם אמת'ן אמת.

רב מרדכי נעהט צו, בעטראַכט דאָס פערדעל, וואָס שטעהט זיך וואויל־יונגעריש, מיט דער פערשייטקייט פון א נייעם. — דאָס פערדעל האָט נאָך גאַנץ שטאַרקע פיס, ניט קיין אַלטע ציינער אין מויל, איז ריהר־רעוודיג. — רב מרדכי טרעפט, אז איוואן האָט געדאַרפט צוצאָהלען צעהן רובעל. איוואן ענטפערט, אז נאָר אַכט.

„הייסט דאָס — בעשליסט רב מרדכי, צו איוואנ'ס פרייד — אז דו האָסט זיך ניט אָבגענאַרט."

אברהם קומט אויך צו. אויך זיין מיינונג איז, אז איוואן האָט זיך ניט אָבגענאַרט, און דערצו טאַקע אויסגעביטען אן אַלטען אויף א יונ־גען...

„אן אַלטען אויף א יונגען!" — הערט רב מרדכי... — און ער הערט ווי דער געשפּרעך טראָגט זיך שאַרף און טיף אין דעם וואַלדיגען אָוונד אריין, און לאָזט זיך הערען צוריק פון צווישען די בוימער, אזוי ווי עטליכע לצים וואָלטען זיך דאָרט בעהאַלטען און ביי זיך אָבגעמאַכט אויף צו־להכעים איבערצוקרימען יעדען וואָרט... און רב מרדכי נעהמט מיט אמאָל קוקען אויפ'ן פערדיל ווי אויף עפּעס אן אונטערגעשיקטע זאַך...

און ווי נאָר איוואן פאָהרט אוועק, בלייבט רב מרדכי שטעהן אין מיטען אויסגעהאַקטען שטיק וואַלד. — עפּעס שלאָגט זיך מיט אמאָל אָפּ אין הארצען, עפּעס צינדט זיך פּלוצלונג אָן פאַר זיינע אויגען, און ער נעהמט מיט איין האַנד אָן זיין ווייסע באָרד, פערלעגט די אַנדערע אין גאַרטעל און דערמאָנט זיך:

„עס האָט געברענט דער אַלטער בית המדרש!

„מען זעהט, עס ברענט א ב י ת  ה מ ד ר ש!...

„נו?!

„און ווען דער היינטיגער —

„חלילה...

„די שעה זאָל גאָר ניט זיין! — — —
„וואָלט עס אויך אויסגעקוקט, ווי עס ברענט א בית המדרש?!" —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווילדע וואַלד־קלאַנגען. —

אין אָוונט, ווען די זעגער און די העקער פערלאָזען דעם וואַלד, ווערען די ווילדע וואַלד־קלאַנגען בייזער, גרויזאַמער און טיעפער.

און ווען די רויטע אָוונט־זון פערקלייבט זיך אין דעם גרויסען וואַלד אריין, פערוואַנדלען זיך די קלאַנגען אין בלוטיגע געשרייען.

— ווער איז דאָס, וואָס שרייט אזוי שווער און ביין?

— דאָס איז דער גרויסער אַלטער וואַלד!

# ביים פייער

## 1.

### ה ל ד.

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז האלב־טונקעל. עס ברענט א לעמפעל. עס טאנצען רויטליך־גרויע שאטענס אויף די ווענט. עס ברענט אין רובע. דאס פייער איז נאך יונג און נעהמט מיט פרישען ברען ארום איטליך שייטעל האלץ, דאס האלץ צופלאקערט זיך און קנאקט פערשיים. אויפ'ן קלעצעלע געגען רובע זיצט די באבע מלכה. דער רויטער אפשיין פון דעם פלאטערדיגען פייער פאלט אויף דער אנטקעגענדיגער וואנט און אויף דער באבעס טיעף־געקנייטשטען פנים. ארום דער באבע זיצען קינדער: ניט ווייט ארויף ליגט די אלטע גרויע קאץ. — ווי ליעב און היימיש דא איז אלץ! — געבענשט זיי היים! געבענשט זיי פייער! עס איז דער דרויסען אזוי קאלט, ווערט דער דמיון ביי דעם פייער שפי־נען, וועבען מעשות זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שעהן איז מיין יענקעל געוועז! שעהן אז ממש גאט און לייט האבען מיר מקנא געוועז!

די שווינגער זאל אייך זיין צו לענגערע יאהר — געוועז א חכמה א אידינע — פלעגט דערצעהלען, אז ווען זי איז געגאנגען אין מקוה מיט איהם, האט זיך גראד געטראפען, אז די לאנדעס, וואס האבען דעמאלט געהאט וואלד ניט ווייט פון אונז, האבען אראפגעבראכט זייער יונגע שנור צום ערשטען מאל אין מקוה.

דאָס איז געווען א ווייבעל — בלוט און מילך! אינגאַנצען זיבעצען־אכצעהן יאָהר אלט. און ווי נאָר די טיקערען האָט איהר, ווי דער שטיי־גער איז, דורכגעקוקט די נעגעל, און זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זענען די שוויגער, און די אלע אנדערע ווייבלאַך, וואָס זענען דערביי געשטאַ־נען, פשוט פערגאַפט געוואָרען פון איהר שענקייט. עפּעס א מין כשוף האָט זיך פון איהר שעמעוודיגען לייב געגאָסען! און ווען זי האָט אויפ־געהויבען איהרע שעהנע הענט צו פאַריכטען די האָר, וואָס האָבען זיך ארויסגעשפּאַרט פון אונטער איהר טשיפּעק, זענען זיי אלע גאָר נשתומם געוואָרען!...

די שוויגער פלעגט מיר דערביי ליעב־האָבען זאָגען:

— איך זאָג דיר מיין קינד, — דאָס איז עפּעס געווען ווי א כשוף! עפּעס האָט זיך דערביי אין אונז אויפגעכאַפּט, און מיר האָבען אלע מיט אמאָל אזא שיין געטהאָן, — אַט ווי א פרישער זומער פריהמאָרגען אויף א יונג בוימעל למשל. און שטילערהייד פלעגט זי מיר צולייגען: — און ווי איך האָב דאָס יענעם אוועגד דעם שווער, זאָל לעבען, ליעב בעקו־מען — א גוואַלד!...

כאָטש אין דער אמת'ן האָט זי אלע מאָל דעם שווער, עליו השלום, זעהר ליעב געהאַט. נאָר ווען זי פלעגט רעדען פון יענעם אוועגד, האָט מען ממש געזעהן אז אויף דער אידינע רוהט די שכינה. — און איך קאָן שווערען, פלעגט זי אלע מאָל אויספיהרען, אז דיין יענקעל איז אינגאַנצען י ע נ ע מיט די ביינער...

---

דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר זיך דערזעהן איז שמחת תורה.

איך האָב ניט געוואוסט פון גאָר ניט... ס'הייסט, כ'האָב שוין יאָ געוואוסט אז מען רעדט מיר חיים משה'ס זוהן. נאָר ווען רחל, מיינע א חבר'טע, וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט און טאַקע זיינע א שטיקעל קרובה געווען, — האָט מיר געזאָגט: „מיר'ן היינט געהן אין גרויסען בית המדרש צו הקפות" — האָב איך פון גאָר ניט געוואוסט...

און אפשר?!...

כ'וויים!...

נאָר גאָר ניט! — זי זאָגט: אין גרויסען בית המדרש, טו זאָל זיין אין גרויסען!

איך האָב זיך אנגעטהאָן, פערפוצט ווי עס דאַרף צו זיין, פערקאַמט אויף מיין שטייגער די האָר. און א קאָפּ האָר האָב איך געהאט — א וואלד! געדיכט, און שווארץ ווי פעך. און זיי פלעגען זיך אזוי גוט און קיהל פיהלען צווישען מיינע פינגער, אז נאָך איצט מיין איך, אז ווען ניט צוליעב יענקלען, וואָלט איך בעסער מרוצה געווען גאָר אין גאנצען ניט חתונה האָבען, איידער זיך לאָזען אָפּשניידען אזוינע האָר. איך פלעג נאָך מאכען אזוי, אז א גאנצע פּאסמע זאָל מיר אראָפּפאלען איבער'ן שטערען. און טאַמער פלעגט דער טאטע צי די מאמע זאגען: ס'איז צו פערשייט, ס'פּאסט ניט אזוי פאר א בעל־הביתיש מיידעל, — פלעג איך טענה'ן:

— רבונו של עולם! וואס ווילט איהר פון מיר האָבען? ! וואס בין איך שולדיג אז ס'איז ביי מיר אזוינע האָר?...

מאָל דיר, דאס פנים איז דאָך ביי מיר אזוי אויך געווען פריש און לויטער, פול מיט בלוט; מיט שווארצע ברענענדיגע אויגען און היינט די שווארצע סאמעטקע אויפ'ן ווייסען האלז!... נאָר פון דעסטוועגען, פלעג איך וועלען אז ס'זאָל נאָך אריבער פאלען א פּאסמע האָר. גלאט אזוי זיך. — ס'זאָל קיצלען, ס'זאָל ציטערען... און דוקא אויף דער רעכטער באק.

נאָר מילא, וואס זאָל איך אייך דאָ לאנג ברייען. — איך האָב זיך מיר פערפּוצט אויף מיין שטייגער און מיר זענען אוועק.

---

שמחת תורה איז דאָך אין די בתי מדרשים געוועהנטלאָך „פּראָש־טשענא“... די ווייבער געהען אראָפּ צו די מענער און שטעלען זיך אויס ביי דער ווייבערשטער וואנט ביז ארויף. און אויף די ענגלייכטער ברע־נען דאָך אלע בליצלאָמפּען אזוי לעבעדיג, אז ס'איז א מחי'ה! — ס'בליצט אויף די פנימ'ער, אויף זייערע בערד, אויף די שווארצע אטלע־סענע קאפּאטעס און דער גאנצער עולם פיהלט זיך דאָך עפּעס אזוי פריי, ווי נאָר ניט אין בית המדרש... און אויף די יונגע לייט, איז דאָך

דעמאָלט א חיות צו קוקען; זיי זענען דאָך דעמאָלט אלע אזוי גוט אויפגע־לייגט און שיינען, אז כאָטש נעם שפּיגעל זיך אין זיי. און דער בעלעמער איז דאָך פול מיט קליינע אינגעלעך, ווי מיט ביהנען; און זיי זענען דאָך אלע אזוי ווי נאָר וואָס געוואשענע, און אין זייערע יום־טוב׳דיגע גאַר־ניטערלאַך, מיט פאָהנען, מיט די אָנגעצונדענע ליכט און די רויטע עפּעל... און היינט איז דאָך דער בית המדרש אליין טאַקע א ציערונג גע־ווען! עפּעס גאָר א קלייניגקייט אויסצורעדען — דער אלטער בית המדרש!...

משה דער שמש פלעגט דאָס אויפרופען פון דעם עולם צו הקפות!... נו־נו!...

אָט נאָך איצט שטעהט ער מיר ווי לעבעדיג פאַר די אויגען, ווי ער גיט ארוים די לעצטע תורה. צולאָזט די הענט און שרייט אוים:

— הלך!..

און אלע אינגעלאָך כאַפּען אונטער:

— ה־ה־ל־ך! !... — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען עס שטילט זיך איין זייער געשריי דערהערט זיך דעם רב׳ם קול — איהם פלעגט מען דאָס מכבד זיין מיט פיהרען די ערשטע הקפה— און ער איז דאָך געווען אזא גרויסער, א הויכער — געהט ער זיך אויף פריהער, איינגעוויקעלט אינ׳ם גרויסען טלית מיט דער ברייטער זילבער־נער עטרה, טראָגט אויף זיין האנד די שעהנסטע תורה, מיט׳ן כתר, מיט׳ן יד, און אין דער צווייטער האלט ער דעם צופּעפענטען מחזיר, ווי ער וואָלט חלילה אויף אויסווייניג ניט געקאָנט... און די אויגען זיינע שיי־נען, אז כאָטש וועלטען אויסצופּאַהרען, און זינגען זינגט ער מיט אזא מתיקות, אז עס צוגעהט זיך אין א יעדען אבר — און נאָך איהם געהען איינס נאָכ׳ן אנדערען די איבעריגע אידען מיט די תורות. — דער עולם— די קינדער, די מיידלאַך, די ווייבלאַך ווארפען זיך צו זיי. מ׳קושט ביי זיי די תורות, מ׳ווינשט זיי, זיי זאָלען דערלעבען איבער א יאָהר און זיי, ווי דער שטייגער, ענטפערען:

— „גם אתם"!

און ווען ס'ענדיגט זיך די הקפה נעמט מען זיך טאַנצן „פּרעה־לאכם". פֿון אָנפֿאַנג געלאַסן, נאָכדעם שטאַרקער, גרעסער, היציגער.

---

ווען ס'דערהערט זיך ווידער דעם שמש'ס קול, איז מען דאָך אַלע ווי בע־רוישט און ס'קול טראָגט זיך דאָך ווי פֿון דעם צועפֿענטען ארון קודש, איז ווער עס דערהערט זײַן נאָמען גיט מן הסתם אַ ציטער, ווארום איך געדיינק, אַז ווען ער האָט אויסגערופֿן:

— „החתן יעקב בר. חיים משה תן כבוד לתורה"!

האָב איך אַזש אַ ציטער געטאָן...

און ווען די אינגעלאָך האָבן צו יענער הקפה אַ געשריי געטאָן:

— הלך!

געדיינק איך נאָך ווי איצט, אַז ס'האָט מיר אַ שטאַרקען ריס גע־טאָן אין האַרצן, און די אויערן זענען מיר אינגאַנצן פֿערטויבט גע־וואָרן... פֿאַר די אויגען האָט זיך מיר מיט אַמאָל אַלץ אַ מיש געטאָן און צונויפֿגעגאָסן אין איין שטיק... אומגעקוקט האָב איך זיך ערשט, ווען רחל האָט שוין ביי איהם געקושט די תורה און איהם געוואונשען:

— זאָלסט דערלעבען איבער־אַ־יאָהר מיט דיין טאַטע־מאַמע, מיט דיינע שוועסטער און ברידער און מיט אַ שעהנער כלה...

דאַ האָט מיר ערשט אַ רעכטען טיאַכקע געטאָן אין האַרצן... איך האָב דערפֿיהלט אַז איך ווער רויט, ניט נאָר אויפ'ן פּנים, גור איבער'ן גאַנצען לייב. און רחל גיט מיר נאָך דערביי אַ שטורך:

— מלכה! כאַפּ אַ קוש! גיכער! —

איך זאָל כלומרשט ניט פֿערשפּעטיגען...

איך האָב זיך געשטאַרקט, האָב מיט די פֿינגער פֿון מיין רעכטער האַנט אַ גלעט געטאָן די תורה, אַ קוש געטאָן די פֿינגער און דערוויייל געכאַפּט אַ קוק איהם גלייך אין פּנים אריין. — ס'האָט געשיינט ווי די זון! — האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— דערלעבט איבער־אַ־יאָהר! — און דוקא נאָך אַזוי... מיט אַ שמייכעל...

האט ער אויף מיר אויפגעהויבן זיינע גרויסע אויגען און א זאג געטהאן:

— דערלעבט אויך איבער־א־יאהר!

און ווי נאר ער האט דאס ארויסגערעדט, האט די פאסמע האר וואס אויף מיין פנים, א שטארקען ציטער געטהאן און איך האב דערפיהלט א גרויל איבער'ן לייב... אבער גאר א ז א נ ד ע ר מ'ן גרויל!...

דער גרויל האט שוין מיך נאכדעם א לאנגע צייט ניט אפגעלאזען. במעט ביז איך האב פאר איהר ניט חתונה געהאט.

און ווייטער?...

מיר דאכט זיך, אז נאך א לאנגע צייט נאך דער חתונה.

אט אזוי פלעגט דאס מיר פלוצלינג א הילך טהאן אין די אויערען יענער „הלך!" און א קיצעל טהאן אויפ'ן באק און דער גרויל פלעגט זיך א יאג טהאן אונטער דער הויט פון מיין גאנצען לייב.

און אויף רחל'ן בין איך נאכדעם אין כעס געווארען, טאקע נאר ווי זי וואלט מיר די קאפאטע אפגעקוילעט: — שטייטש, למאי האט זי מיך א שטורך געטהאן? וואס איז דאס פאר א וועג זיך שטירכען? וואס בין איך דאס א ליימענער גולם, צי וואס?! האסטו געזעהן אביסעל אן איינפאל פון א מענשען! און ווי טהוט מען אזא זאך, גלייך, יענעם אין די אויגען?... ווי איז דאס געהערט געווארען?! און אזוי האט זי זיך דעם גאנצען וועג פון בית המדרש אהיים פון מיר גאר ניט געקאנט אויס־באדען.

און טאמער מיינט איהר, — איך האב גלאט אזוי גערעדט? ניין, טאקע מיט הארץ, און מיט בלוט, און מיט טרערען אין די אויגען...

און אז איך בין געקומען אהיים, בין איך גערען געווען אז מ'האט מיך געלאזט צורות. און ווי נאר מ'האט אפגעגעסען, בין איך גלייך אוועק צו זיך, האב זיך גלייך אריינגעווארפען אין בעט אריין און בין טאקע גלייך אנטשלאפען געווארען.

און פארטאג, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט און דערזעהן, אז ס'איז נאך בלוי אין די פענסטער און בין ווידער אנדרעמעלט געווא־רען, האט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך געה ארויס פון אונזער געסעל

אויפ'ן מארק פּלאַץ, און ס'איז נאָך אזוי פריה, אז מען זעהט נאָך אפילו קיינעם ניט טרייבען די בהמות אין טשערעדע. דער פרישער זומער־מאָר־גען האָט זיך, ווייזט אויס, נאָר וואָס גענומען אויפהויבען פון שלאָף. די איינציגע שטרויען וואָס זיינען געלעגען צושפּרייט איבער'ן מארק פּלאַץ, האָבען געשיינט ווי גאָלדענע. און איך האָב מיר געקוקט דעם מארגען גלייך אין פּנים אריין און בין מיר אזוי צוגעקומען ביז אונזער קלייט.

און ווי נאָר איך לייג אריין דעם שליסעל אין שלאָס, בלייב איך שטעהן א פערוואונדערטע: אונטער'ן דאָך איבער דער טהיר פון אונ־זער קלייט איז שטענדיג געווען א נעסט פון שוועלבעלאָך און אין דער צייט דארפען זיי שוין זיין אויף. — און דאָ ניטאָ קיין נעסט, ניטאָ קיין שוואַלבען!... פונדעסטוועגען נעהם איך אראָפּ דעם שלאָס, און ווי נאָר איך עפען די טהיר — ערשט איך ווער בעגעגענט מיט א פישטשען פון אלע זייטען. און איך דערזעה אז אלע פּאַליצעס זענען פול מיט זייערע נעסטען און ווי נאָר די פויגעלאָך האָבען מיך דערזעהן, אזוי זיינען זיי אלע ארויס פון זייערע נעסטען און האָבען זיך אויסגעשטעלט אויפ'ן דיל און אויף די טישען... — געפעהלט דאָס מיר און איך גיב זיך א שמייכעל און שטעל אריבער א פוס איבער'ן שוועל. נו, נו! — מעהר האָב איך ניט געדארפט...

ווי נאָר איך האָב אריבער געשפּאַנט די שוועל, אז די פייגעלאָך גי־בען זיך ניט אלע מיט אמאָל א הויב פון אונטער מיינע פיס ביז איבער מיין קאָפּ, מיט א קוויטשעריי און פּאַטשעריי:

— הלך!!!... — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין שיער ניט פערטויבט געוואָרען! איך בין געבליבען ניט טויט, ניט לעבעדיג! און האָב גלייך דערפיהלט די פּאַסמע האָר אויף מיין פּנים, און אָט דעם מאָדנעם גרויל איבער מיין לייב... און האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א געשמאַקען קוש אויף מיינע ליפּען..

מיט מיינע צועפּענטע אויגען האָב איך גלייך דערזעהן, אז איך ליג אין בעט אן אָבגעדעקטע און נעבען מיר שטעהט די מאמע מיט א גוט איינגעבריהטע גלאָז מילך אין האַנט און קוקט אויף מיר אזוי נדלות־

דיג: — איך בין דאָך די בת יחידה און דערצו נאָך די מיזינקע געווען!...

— גוט מאָרגען דיר טאַכטער מיינע! — זאָגט זי מיר מיט איהר נדלות׳דיגען שמייכעל. — נעם טאַכטער, טרינק אוים דאָס גלעזעל מילך! א גלאָז מילך, אז דער קיסר וואָלט זיך מיט איהר מחיה געווען!...

איך אָבער ריהר זיך ניט פון אָרט, האַלט מיינע ביידע הענט צו־נויפגעלייגט אונטער מיין צוואָווארעמטער באַק און ליג אזוי א צוואָוואָ־רעמטע און קוק אויף דער מאמע מיט גרוים צועפענטע אויגען, ווי איך וואָלט עפּעס ניט פערשטעהען...

וואָס א שטייגער האָב איך ניט פערשטאַנען, ווייס איך נאָך עד היום ניט, נאָר איך געדיינק, אז איך האָב אין מיטען דערינען דערפיהלט, אז איך בין עפּעס גאָר ניט איך, נאָר אז אנדערע און איך האָב דערפיהלט, אז איך ווער מיט אמאָל אזוי גרינג, ווי א פעדער, נאָר א קליין שטיינדעלע זיצט מיר אויפ׳ן הארצען. דאָס שטיינדעל צוואָווארעמט זיך, הויבט זיך אָן שמעלצען, שמעלצט זיך און צוגעהט, ווי צוואָווארעמטער וואַקס, און דאָס הארץ ווערט מיר פון דעם אזוי מאָדנע ווארעם און ווייך, און גיט זיך מיט אמאָל א צאַפּעל, און איך דערפיהל ווידער יענעם גרויל... און טרערען שטעלען זיך מיר אין די אויגען. און נאָך עפּעס אזוינע ווארימע ליעבע טרערען, אז דאָס הארץ פאַלט מיר שיער ניט ארוים!...

און אז די מאמע דערזעהט טרערען אין די אויגען, דערשרעקט זי זיך:

אי, וואָס איז דיר קינד מיינס!?

איך אָבער, ענטפער ניט.

מיר רעדט זיך ניט.

און דערפאַר טאַקע גיבען זיך ביי מיר די טרערען מיט אמאָל, אויף צו להכעיס א גאָס, ווי פון עמער ארוים...

נו, מילא, וואָס זאָל איך איך דאָ פיעל דערצעהלען, — באַלד איז אריינגעקומען דער טאַטע, ס׳איז אריינגעלאָפען די שכנה, מ׳האָט זיך גענומען מיר אָפּשפּרעכען א גוט־אויג; און ערשט שפּעטער האָבען זיך די ווייבער ארומגעזעהן, אז מע דאַרף מיך לאָזען אין בעט אויף א פּאָר טעג.

און נאַכדעם, קינדער, בין איך טאקע געוואָרען גאַר אַן אנדער מענש. עפּעס זייגען מיר די אויגען מיט אמאָל ליכטיגער געוואָרען!

און איך האָב אָנגעהויבען קוקען אויף אַלץ אזוי ליכטיג, אז איך האָב זיך אליין ניט דערקאַנט.

און היינט, צום ביישפּיעל אזא נארישקייט: איך האָב ליעב געקראַ־גען די פּאוטינע וואָס איז דעמאָלט גראד אזוי ווי אינמיסטען ארומגע־פלויגען אין דרויסען!

און וואָס א שטייגער איז דאָ ליעב צו האָבען? נאַר גענוג פרעג קשיות!

איך פלעג זיך ניט פוילען, אין מיטען העלען טאָג ארויסצוגעהן אין דרויסען, געהן כלומר'שט צו דער מאמע אין קלייט אריין, און אויפ'ן וועג קוקען ווי עם שליינגעלען זיך די ווייסע פעדעם אונטער דער זון...

און טאָמער פלעג איך דערזעהן איינע פון זיי נידעריג, פלעג איך שוין געהן אזוי, אז זי זאָל זיך אין מיר אַנטשעפּען.

כ'זאָל זיין געוועזן קענען קושען, וואָלט איך זיי געקושט!...

א ניט פלעג איך גאַר צועפּענען דאָס פענסטער וואָס איז ארויס־געגאַנגען צום וואלד צו, זיך אוועקשטעלען קוקען אויף די ווייסע פעדעם און דערווייל זיך שוין פערקוקען צום וואלד. און איך פלעג אזוי קאָנען אָפּשטעהן ביז אין דער נאַכט אריין.

— און א שטייגער, וואָס האָב איך אין וואלד? גאַר ניט!

און פונדעסטוועגען פלעג איך אזוי קענען אוועקשטעהן ביז איך דערהער שוין דאַווענען מנחה, צי, טאָמער שבת — ביז איך דערהער שוין דער מאמע זאָגען — גאָט פון אברהם, ביז עס בעווייזען זיך שוין שטערען אין הימעל, ביז ס'צינדט זיך שוין אָן פייער אין די פינסטערע פענסטער...

היינט פלעג איך עפּעס גלאט ווי משוגע ווערען!

וואָס איך פלעג דאָס ניט דערארבייטען?! קלעטערען אויף טיש און בּיינק, שפּרינגען, טאַנצען, איבערקעהרען וועלטען!

אינמיטען דערינען פלעג איך קאָנען ארומכאַפּען רחל'ען זי קושען, האלזען, אָבער אזוי ווי איך וואָלט זי וועלען איינשלינגען!

און ווי איך פלעג זיך דאָס פרעסען צו איהר! און אז זי פלעגט זיך

אנריהרען אן מיר, פלעג איך זיך עפעס אזא צאפּעל טהאן ווי די הויט אויפ'ן לייב וואלט מיר מיט אמאל צוקליין געווארען..

אניט פלעג איך גאר קענען נעהמען און זיך אוועקזעצען ביים שפּיע־געל, קוקען אהין און טראכטען... און איך פלעג זיך אזוי פארקלעהרען ביז איך פלעג מיט אמאל רויט ווערען ווי א צוויק, ווי איך וואלט חלילה ווער ווייסט וואס אפּגעטהאן...

און נאך איידער איך האב זיך מן הסתם צייט אומקוקען, אז דער רעגען גיט זיך דאס מיט אמאל א רייס אפּ אויף אונזער דאך, ווי פון א קיט.

— הלך! הלך!!

און איך גיב זיך פון דעם מיט אמאל אזא צאפּעל, אז דער שפּיגעל פאלט מיר שיער ניט פון האנט ארויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יא, יא, קינדער!
דאס זיינען געווען יאהרען!
יונגע יאהרען! פייערדיגע יאהרען!

## 2.

## נ אַ ק ע ט.

קאַלט אין דרויסען. אין שטוב איז דונקעל. דאָס לעמפּעל ברענט. אין רובע פלאַקערט. עס ליגען שאָטענס אויף די ווענט. וועמען זוכט מען אום אויף ווענען? ווער וועט טרעפען וואָס ער זוכט?... דאָס פייער שלינגט דאָס האָלץ פון רובע און רעדט, ווי ס'וואָלט וואָס פרעהליכדינס דערצעהלט. — וויפיעל צונגען עס האָט דיין פייער — מיט אזוי פיעל פערלאַנגען ברענט דיין האַרץ. ווייסער שניי און שוואַרצע בוימער. ערגעץ געהט א מענש פון וואַלד ארוים. — ווייטער פריינד! דאָ איז א היים, דאָ ברענט א פייער. און דער דמיון ביים פייער טהוט שפּינען, וועבען מעשיות זיך.

---

נאָר וואָס נאָך מיין חתונה. ס'איז געווען פרייטאג, ערב ראש חודש.

איידער די מאַמע איז אוועק געגאַנגען אין מאַרק אריין האָט זי מיר איבערגעלאָזען עטליכע קאָפּיקעס פאַר נדבות.

דאַרף זיך אבער טרעפען, אז מיין יענקעל גיט זיך א פאַרע ביי דער גלעזער־שאַפע און עס פאַלט פון דאָרט ארוים די גרויסע שיסעל און צור־ברעכט זיך אויף שטיק־שטיקלאַך!

וויל איך דאָך מן הסתם זעהר ניט, אז מען זאָל זיך דערפון דער־ווייסען.

כאַפּ איך זיך אויף גיך ארוים צו זעלדע דער טעפּעריז, זוך ביי איהר

אויף אקוראט אאז שיסעל. ברייננ זי צוטראָגנען, שטעל זי אריין אין שאפע און מאך א שווייג.

טאָמער איז געקומען אן אָרימאן נאָך א נדבה?

— ניטאָ אייך וואָס צו געבען!

ניטאָ, און פאַרטיג!

יענקעל איז זיך אומגעגאנגען הין און צוריק א צוטראָגענער. —

פאָרט, מען איז אן איידעם אויף קעסט, פרעמדע מענשען, וואָס ט'מען זאָגען?...

און איך שווייג, זאָג איהם ניט א וואָרט.

עס געהט זיך אזוי אוועק דער טאָג. ס'ווערט פאַרנאַכט. אין שטוב איז שוין אויפגערוימט. אלץ שוין פאַרטיג צו שבת. איך אליין בין שוין אויך שבת'דיג אָנגעטהאָן אין מיין זיידענעם קלייד מיט די ווייסע שפּי־צען און שיין טאקע נאָר ווי א יונגע בת מלכה!

אויפ'ן טיש איז שוין פערשפּרייט דער שניי ווייסער סערוועט, שטעהען שוין אָנגעגרייט די שעהנע ז לבערנע לייכטער, דער דיל איז בע־שאָטען מיט געלען זאמד; באלד וועט פערזיעדען דער סאמאָוואר, באלד וועלען שוין קומען פון מארק אלע שטוב מענשען; איך צושטעל אויפ'ן טיש די טיי־גלעזער דורך די פענסטער קוקט שוין אריין דער שבת, און יענקעל זינגט ביי זיך אין חדר זיין שיר השיר ם, זינגט אזוי, אז עס רייסט דאָס הארץ, אז עס צוגעהט זיך אין א יעדען אבר און איך האָב זיך נאָך צייט צו פערקוקען אויף פוסטע זאכען, למשל:

אויף די גלעזער וואָס שטעהען אויפ'ן טיש. ווי ס'שפּיגלען זיך אריין אין יעדען גלאָז א פענסטער מיט דער ראָם, מיט אלע טאפליעס. דערנאָך פערקוק איך זיך ערשט אויף די לייכטער; יעדער לייכטער איז ממש אָפּגעשאָטען מיט קליינינקע ווייסע פענסטערלאָך.

און נאָר דאָס? —

איך האָב זיך אפילו גענומען צייט צו פערקוקען אויפ'ן סאמאָ־וואר, וואָס האָט געפּארעט אין ווינקעל און האָט אויף זיך געהאט צוויי גרויסע אויסגעשפּיגעלטע פענסטער...

און אפילו אויף דעם, ווי דער איינציגער פענסטער פון דער זייר־

טיגער וואנט האָט זיך אויף קאָס אויסגעצויגען איבער'ן דיל, איבער דעם פרישען געלען זאמד.

און ערשט נאָכדעם געה איך מיר נאָך צו צום שפּיגעל און דערזעה דאָרט צוויי־דריי פענסטער אויף איין מאָל און מיין שעהן געשטאַלט צווישען די פענסטער, פּונקט ווי זיי וואָלטען מיך ארייגענומען, ווי זיי וואָלטען מיך גענומען אונטער די הענט. — ווער איך פון דעם אזוי צו־פריעדען, אז איך גיב זיך אזש אליין א גלעט איבער'ן פּנים, גיב זיך א כאַפּ ביי די אָרעמס... ווער א פערציטערטע און טראָג פּלוצלינג גאר צו מיינע אייגענע הענט צום מויל און נעהם זיך אליין קושען די שפּיץ פינ־גער, די נעגעל...

איהר פערטשעהט?

יונגע יאָהרען.

נאַרעשע יאָהרען!

און איך בין דאָך נאָך דעמאָלט גאר א יונג ציגעל געווען. — האָב פון גאר ניט געוואָלט וויסען, האָב בלויז ליעב געהאַט ז י ך א ו ן ז י ך...

ביי מיר איז נאָך ערשט רעכט געווען צוגעהן און זיך אוועקשטעלען ביים פענסטער א פערפּוצטע.

— און פרעגט, וואָס?

— גאר ניט.

— גלאַט אזוי זיך. —

— זאָל דער דרויסען אויף מיר א קוק טהאָן.

נאר אָט האָט ער שוין אָפּגעזונגען זיין שיר השירים און איז שטיל געבליבען. — און האָט באלד זיך ווידער גענומען שפּאַנען היין און צוריק.

נו, קאָן איך זיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען, נעם איך און פער־וואַרף דאָס אויסגעהעפּטע סערוועט אויף מיין האַנט, עפען אויף די טהיר פון זיין חדר — בלומרשט, איך געה דאָס פערשפּרייטען זיין טישעל לכבוד שבת, און ווי נאר איך טרעט אריבער די שוועל, בלייב איך אזוי שטעהן מיט'ן סערוועט אויפ'ן האַנט און זאָג:

— ע־ע יענקעל! ווייסט? איך האָב געקויפט א נייע שיסעל... פונקט אזוינע... די מאמע וועט ניט דערקענען, וועט פון גאָר ניט ווי־סען...

גיט ער אזוי א קוק אויף מיר און ווערט רויט...

ווער איך אויך רויט...

און טאָמער מיינט איהר, איך האָב איהם דערצעהלט, אז איך האָב די שיסעל געקויפט פון דעם נדבה געלד?

חלילה!

נאָר גאָר ניט.

גלאַט אזוי איז ער זיך רויט געוואָרען, און איך בין מיר רויט גע־וואָרען.

---

און דאכט זיך גאָר ניט.

וואויל, פיין. —

העלפט אבער גאָט, אז דער טאַטע ברענגט מיט זיך פון דאַוונען אן אורח אויף שבת, און דאָס מאָל גראד אן איינִיקעל.

נו, איז וואָס?...

אָבער ווי נאָר איך האָב איהם דערזעהן האָב איך דערפיהלט, אז דאָ איז עפּעס ניט מיט אַלעמען... ס'איז עפּעס ניט גלאַט אזוי דיר אן אורח אויף שבת; דוקא אזא קליינינקער, אזא דארינקער, אבער עפּעס זיינע גענג, זיין גוט־אידישער שטריימעל, זיינע שרעקליך צולאָזטע באָרד און פּאות!...

היינט זיין שלום עליכם!

דער טאַטע, עליו השלום, מיט מיינע צוויי ברידער און מיין יענקעל, זאָל אייך אַלעמען זיין צו לייִנגערע יאָהר, פלעגען דאך א שטייגער אָפּ־זאָגען א שלום עליכם, אז ס'פלעגט קלינגען אין א יעדען ווינקעלע. ביי איהם אבער איז דאָס אויסגעקומען גאָר אן אנדער שלום עליכם! ביי יע־דען בויג זיינעם, מעג איך שווערען, אז מ'האָט ממש געזעהן ווי ער בוקט זיך פאַר מחנות ווייסע מלאכים.

און היינט זיין קידוש!

— זיין כל מקדש!

א הייליגקייט, טאקע גאר ניט פון אונזער וועלט.

— היינט זיין קול, ווען ער האט זיך ביים טיש צו דרש'ענט!

עפעס אזוי ווייך... שטיל... און מיט אזא מורא'דיגער אימה, אז א קעלט איז אלעמאל דורכגעלאפען איבער'ן לייב...

און די בענש־ליכט האבען דערביי עפעס אזוי מאדנע געברענט פון די לייכטער ארוים, און האבען דאכט זיך גאר ניט ווי אלע שבת נאכט, געפינטעלט אויף די אנגעהויבענע חלות, אויף די שריים און אויף די פנימ'ער...

ארום טיש זיינען אלע געזעסען שא שטיל:

דער טאטע אויבען־אן האט זיך איינגעהערט און ווי זיין טבע, מיט דער האנט זיין שענע בארד געקאמט און מיין יענקעל האט זיך אויף זיין שטייגער אראפגעלאזט דעם קאפ אויף זיינע הענט. די ברידער זיינען גלאט געזעסען מיט אפענע מיילער און געשלונגען יעדען ווארט. און די מאמע האט פערשארט דאס זיידענע טיכעל אויף די אויערען...

און טאמער מיינט איהר?

איך האב אפילו א ווארט ניט פערשטאנען!

נאר ער האט אין זיך געהאט אזא מין כח, אז ס'איז גאר ניט איי־בערצודערצעהלען. —

אט ווי נאר ער האט א זאג געטהאן, „הימעל", האט איהר פאר זיך טאקע גלייך דעם הימעל דערזעהן. „אין הימעל", און איהר זענט מיט איהם גלייך אין הימעל געווען.

איך זאג דאך אייך מיר זיינען אלע געזעסען טאקע נאר ווי צוגע־קאוועטע.

און ער האט אלץ גערעדט וועגען צדקה ומעשים טובים, און גע־בראכט רעיות פון זיינע הייליגע אבות, אז דאס זענען ק ל י י ד ע ר וואס א מענש דארף זיך אנגרייטען פאר יענער וועלט...

און נאך עפעס אזוינס...

כ'וויים?..

למשל, אז אויב מען ניט דעם ארימאן, איז נאר גלייך ווי מע

נעמט ביי איהם צו... ווייל דאס וואס מ'דארף געבען דעם אָרימאַן, איז טאקע דעם אָרימאַנ'ס...

און אז דער פסוק זאָגט:

וועה צו די וואס פוצען זיך בלויז פאר דער וועלט!

יאָ, — הייגט אז א מענש מוז אפילו אויף דער וועלט האבען אַז וואָס זיך אָנצושפארען...

דאָס האט ער אויך פון ערגיץ אויסגעטייטשט, און זיך דערביי אזש אונטערגעהויבען פון אָרט.

און אזוי איז מען זיך אָוועקגעזעסען ביז די ליכט האבען גענומען אויסגעהן.

---

מילא וואס זאָל איך אייך דאָ מאריך זיין — מען האט זיך געלייגט שלאָפען און ווי נאָר איך האָב צוגעמאכט די אויגען, ערשט איך זעה: — מען רופט מיין יענקלען אויף צו מפטיר! — מען האט איהם טאקע גע־זאָלט דעם שבת אויפרופען. — נו, ווייס איך שוין, אז דאָ וועלען זיך דאס באלד די ווייבער נעהמען בענשען מיט איהם, און זיך חנפ'נען צו דער מאמען... אבער ווי אין חלום, דאכט זיך מיר גאָר איינמיטענדערינען אויס, אז איך בין נאָך א מיידעל און האָב מיר הייסט דאס צוריק מיין שעהנעם קאָפּ האָר, און אָט איז גאָר די גאנצע מעשה אין הימעל און ס'איז אזוי בלוי, — א גוואלד!... בלוי אונטער מיר, און ארום מיר און איבער מיר... און אלע מאָל קומען פון ערגעץ אָן טשערעדעס גאָלדענע שטערען, קומען פון דער בלויקייט, בליצען אויף ווי זיי וואָלטען זיך אומ־געקוקט ווי זיי זייגען ערגעץ אין דער בלויקייט, און געהן זיך צוריק אָוועק אין דער בלויקייט... אונטער זיי געהט נאָך א שטראהל ווי א זילבערנער קאנטשיק, און די שטערען פאָלגען — געהען וואוהין ער טרייבט...

ווען די שטערען זייגען שוין אלע דורכגעגאנגען און ס'איז ווידער געבליבען נאָר די בלויקייט אליין, נעם איך זיך ארומזעהען. — ערשט! — פון אויבען איבער מיר ווערט לויטערער און די בלויקייט זעצט זיך פּאמעליך אראָפּ; אָדער ס'איז עפּעס גאָר אויסגעקומען, ווי איך קריך ביסלעכווייז ארויס פון א געדיכטער בלויקייט אויף א לויטערער ברייד־

טער וועלט... און ס'עפּעס אזוי ווייט און לויטער. און די בלויקייט זעצט זיך אראָפּ אַלץ נידעריגער. אַט איז זי שוין אונטער מיינע פיס. איך שטעה אויף איהר, און איך בין אין איין העמד, און גראד נאָך אין דער פערשייטער העמד וואָס איך האָב מיר מיט רחל'ס הילף אויפגענעהט צו מיין חתונה אזוי, אז די מאמע זאָל ניט וויסען... און מיינע האָר זיינען לויז, און קרויזען זיך איבער מיר געדיכט און חנ'עוודיג. און אליין פיהל איך עפּעס אזא גרויסע גוטסקייט, נאָר די וועלט ארומצונעהמען! און איך קוק ערגיץ, אהין ווייט אין דער וועלט אריין און מיינע אויגען צועפּענען זיך מיר אַלץ גרעסער און מיר ווערט אַלץ ליכטיגער. און די בלויקייט איז ווי א פּוכיגער סאמעט און שפּרייט זיך פון אונטער מיינע פיס ביז אין עק וועלט אריין.

און אַט דערזעה איך, אז דאָרט ארויף ביים עק וועלט, וואָס נעבען הימעל, נעמען זיך ווייזען ווייסע וואָלקענס...

איינס נאָכ'ן אנדערען שווימען זיי אַן ווי ווייסע הויפענס שניי.

און ווען זיי קלייבען זיך צונויף א היבשע צאהל, קריכט אויף די זון ארויס.

אזא שעהנע זון.

קוקט אזוי צופריעדען אויף די וואָלקענס, אויף דער בלויקייט, אויף דער וועלט און אויף מיר, אז ממש איך פערגעה זיך אזש! און ווען איך קוק זיך איַן איהר אזוי איין, דערזעה איך, אז ס'איז גאָר א שיינענדיג פּנים, באברימט מיט א שווארץ בערדעל, שווארצע ברעמען און... און אז דאס איז גאָר מיין יענקעל! און אז פאר איהם ליעגט די ספר תורה— איינגאנצען פון גינגאָלד! און די אלע וואָלקענס וואָס ארום איהם, דאָס זענען גאָר א גאנצע עדה אידען, איינגעוויקעלט אין אזוינע ווייסע טלתים, נאָר די פּנים'ער זיינען ווי פון שעהנעם גאָלד, און די ברעמען און די בערד זיינען עטוואָס טונקעלער...

צווישען די אידען האָב איך אויך דערזעהן דעם רב...

זיין קאָפּ און זיינע אקסלען זיינען געווען גרעסער און העכער פון אַלעמענס...

אליין איז ער געווען ווי פון פייער.

די עטרה פון זיין טלית — פלאם פייער. און ער האלט זיך אזוי מיט ביידע הענט אן דער עטרה און הערט זיך איין. און אלע איבעריגע אידען הערען זיך אויך איין...

אינמיטענדערינען דערפיהל איך אבער, אז איך שטעה גאר ניט! — ס'הייטס, אז מיינע פיס שפארען זיך אן גאר ניט אן.. און איך זעה זיך ארום אז... אז איך בין שוין לחלוטין נאקעט... וועה איז מיר! א צרת איז מיר! א דונער האט מיך געטראפען! וואס הייסט נאקעט? ! און מיט צולאזטע האר. און פאר אזא עדה אידען!!

איך דערפיהל, אז איך האב זיך אינגאנצען אנגעצונדען. ס'ברענט אויף מיר די הויט! נאר געה טהו עפעס, — איך וואלט וועלען פאלען... אפילו אין דער ערד אריין, אבי זיי זאלען מיך ניט דערזעהן; נאר קאן מען, קינדער, פאלען, אז מען שטעהט ניט?.. אז מען שפארט זיך אן גאר ניט אן?!

און אט בין איך שוין גאר נאהענט פון זיי...

דער ערשטער, גיט דער רב צושראקען א הויב זיינע גרויסע ברעמען, גיט אויף מיר א ווילדען קוק... און נאך איהם די אלע איבעריגע — ווערען נשתומם... און באלד בעווייזט זיך צווישען זיי דאס איניקעל, און די שיסעל וואס איך האב געקויפט פאר דעם נדבה געלט איז אין זיינע הענט, און ער לאזט זיך גלייך צום רב!... אלעמען איז פון דעם פינסטער געווארען אין די אויגען, און זיי האבען זיך גענומען קוקען אט אויף מיר, אט אויף יענקלען... און יענקעל הויבט אפילו די אויגען ניט אויף, נאר ס'פנים ברענט איהם ווי א העליש פייער, ווי פייערדיגע ווערים וואלטען זיך אונטער זיין הויט געווארפען...

און איך, א נאקעטע, האב געהאלטען איין פום אויסגעצויגען, ווי כ'וואלט זיך מיט די שפיץ פינגער וועלען אן עפעס אנשפארען, די צווייטע האלט איך גאר אונטערגעבויגען. מיט איין האנט וויים איך ניט וואס פריהער צו טהאן. און מיט דער אנדערער ציה איך זיך צו איהם, גראבעל מיט איהר פאר זיינע אויגען און שריי אין ווילדען שרעק:

— יענקעל! יענקעל!!!

אבער, ווי? וואס?

ניט מיין האנט האָט איהם געקענט דערלאנגען, ניט ער האָט גע־קאָנט אויפהויבען די אויגען פאר חרפה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פייער האָט ארומגענומען דאָס האַלץ מיט זיין גאנצען כח, און הילכט און רעדט, ווי ס׳וואָלט וואָס פרעהליכעס דערצעהלט, נאר ניט פרעהליך איז איצט די באָבע. זי בלייבט שטעהן, ווארט א ווייל׳ע און וואַנדט זיך נאָכדעם צו אונז מיט א געבראָכען קול, ווי אין יעדען וואָרט וואָלט זיך א טרעהר געצאפּעלט, ווי זי וואָלט זיך ביי אונז אי בעטען, אי אונז וואָרנען:

— אוי, קינדער, קינדער! ווי שלעכט עס איז צו זיין נאקעט, ניט האָבען זיך אָן וואָס אנצושפּארען!

ניטאָ דעמאָלט פון קיינעם קיין הילף!
ווייסט אפילו פאלען און קאָנסט ניט.

## 3.

## די שרפה.

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז טונקעל. עס ברענט א לעמפעל. עס ברענט אין רובע. דאס פייער שלינגט די לעצטע שטיקער און עס איז נאך אלץ ניט זאט. די שאטענס שוועבען אויף די ווענט, ווי זיי וואלטען וועלען וואס פערהוילען.. דער פראסט לייגט ווייסע קווייטען אויף די פענסטער, ווי ער וואלט וועלען וואס ענטפלעקען... און ארום זיצען שוועסטער, ברידער... און דארט ארויף ליגט די אלטע גרויע קאץ — היים מיין היים! דו האסט אזוי פיעל בעקאנטע און אונבעקאנטע וועגען! און האסט א באבע מיט א פערטראכטען און טיעף געקנייטשטען פנים, און האסט א רובע, און האסט א פייער און מיין דמיון ביי דיין פייער טהוט שפינען וועבען מעשיות זיך.

---

זומער לעב אין שטעדטעל.

אין מיטען טאג ווערט דא ביי אונז דער הימעל אזוי נידעריג צו דער ערד, אז עס דאכט זיך: גיב זיך נאר אביעסל א הויב און דו דערלאנגסט איהם מיט די אייגענע הענט...

אדער:

שטעל זיך אוועק אין מיטען מארק, מאך צו די אויגען וועסטו שוין אנשלאפען ווערען מיט'ן קאפ אין הימעל.

אין יענע יאהרען איז דאך נאך אבער אויפ'ן שוהל־בארג געשטאנען

די אלטע שוהל מיט'ן הויכען דאך, און אויפ'ן שפיץ דאך איז דאך געווען דער נעסט פון די בושליעס. איז ווי גאר די בושליעס פלעגען זיך א הויב טהאן פון זייער נעסט, און זיך א לאז טהאן אין דער הויך, ווי צוויי ווייסע מלאכים, פלעגט מען דעמאלט דערזעהן, אז דער הימעל איז ניט נידעריג, גאר הויך, אזוי הויך, אז ס'א שרעק גאר צו טראכטען !...

איך בין שוין דעמאלט געווען אין נייַנטען חודש.

און ווען איך פלעג דערזעהן ווי די בושליעס הויבען זיך מיט זייערע צושפרייטע פליגלען אויף אזוי שרעקליך הויך, פלעגט אין מיר אזש די בלוט פערשטארבען ווערען. איך פלעג אויפהערען פיהלען דאס קינד אונטער'ן הארצען. און ווען יענקעל פלעגט נאכדעם אריינקומען, פלעגט ער טרעפען ווי איך שטעה ביים פענסטער און וויין.

— וואס פלעג איך וויינען ?

— אלץ די מעשה מיט דער שיסעל !

דאס הארץ פלעגט מיר זאגען, אז קיין גוטס וועט שוין פון דעם ניט ארויסקומען: אז גאט וועט אזא'ן עבירה ניט פערשווייגען. אוי קינ־דער, קינדער, ווי דאס הארץ האט מיר דאס אלץ פריהער געזאגט !...

יאנקעל אבער האט שוין דעמאלט א ז ו י נ ע ב י כ ל ע ך גע־לייענט. — פלעגט ער לאכען פון מיר און פלעגט מיך פערשווערען, דאס קיינעם ניט דערצעהלען.

און פון אריינגעהן צום רב, אדער גאר פאהרען צום רבי'ן נאך א תשובה, האט דאך שוין גאר קיין רייד ניט געקאנט זיין.

און — פאר'ן מויל זאל דאס גאר ניט געבראכט ווערען ! — ער פלעגט מיר נאך נעהמען דערווייזען מיט ראיות, אז זיי ווייסען פון גאר ניט...

גאט זאל דאס איהם גאר ניט רעכענען !

איך פלעג זיך שרעקען צוהערען פון איהם אזוינע רייד. און ווען איך פלעג זיך אפקעהרען פון איהם און דערזעהן ווי די בושליעס פליהען שוין צוריק, פלעגט מיר גלייך איינפאלען, אז זיי זיינען דאס איצט געווען אין הימעל און האבען דארט פון אלץ אפדערצעהלט. — פלעג איך זיך ווידער צוואויינען :

יענקעל, דו זינדיגסט! יענקעל, יענקעל!

ער אבער פלעגט ווישען די טרערען פון מיינע אויגען און פלעגט אלץ לאכען פון מיר, פלעגט קוקען אין מיינע אויגען, פלעגט זיך נעהמען שפּיעגלען אין זיי אזוי לאנג ביז איך פלעג פארגעסען אז איך וויין און פלעג אויך נעמען לאכען.

עה, קינדער, קינדער!

נו, נאכדעם האט פונדעסטוועגען גאָט געהאָלפען און איך בין בשלום איבערגעקומען.

אמת, מיט גרויס מאטערניש. מיט אזוינע וועהען, אז מען האט מיך געקאטנ העריען אויף דער צעהנטער גאס. מיינע קולות, זאגט מען, זיינען געגאנגען עד לב שמים.

אין מיטען דער נאכט אבער האט זיך גאָט פארט דערבארעמט. —

לכתחילה, האָב איך געמיינט אז איך בין געשטארבען. נאר ווען איך האָב צועפענט די אויגען, האָב איך גלייך דערזעהן די באָבע, דאָס קינד, די מאמע, יענקלען, א פּאר שכנות און די סטעליע איבער מיין קאָפּ און דעם שיר המעלות איבער׳ן טהיר.. האָב איך באלד צוריק צוגעמאכט די אויגען און בין אנשלאָפען געווארען.

---

נו, און נאכדעם האָט מיר גאָט געהאָלפען, ווי ער העלפט אלע אי־דישע טעכטער: דאָס קינד האט מען א נאָמען געגעבען פייגעל, נאָך זיינער א באָבע, וואָס איז גראד יענעם יאָהר געשטארבען.

און פייגעלע איז געווען שטיל און גוט, ווי א מלאכ׳על.

און ווי נאר זי איז געבוירען געווארען האט זי שוין געהאט א פול קעפּעלע מיט שווארצע הערעלעך.

און אויגען האָט זי געהאט אזוינע גרויסע און ליכטיגע, אז מען פלעגט זיך גאר ניט קענען אָפּוואונדערען פון זיי.

און ווי קליין זי איז געווען, פלעג איך זי שוין מעסטען מיט די אוי־גען און זי זעהן פאר זיך אן אויסגעוואקסענע, — הויך און גדלות׳דיג ווי א בת מלכה..

און יענקעל פלעגט זיך שמעלצען פון פרייד און זאגען:

„אודאי — וועט זי זיין א בת מלכה! — איהר מאמע איז דאָך מלכה!...

און איך נארישע מאמע, פלעג דערביי ווערען גרעבער ווי לענגער. און פלעג זי אלץ זעהן פאר זיך אן אויפגעוואקסענע ווי זי געהט, ווי זי שטעהט, ווי מענשען קוקען איהר נאָך... און טאקע נאר דער קיסר איז צו מיר גלייך געווען!

די שיסעל איז אבער געשטאַנען צווישען די איבעריגע כלים אין דער גלעזער שאפע און פלעגט מיר דערמאַנען, אז איך בין א זינדיגע מאמע, פלעג איך ציטערען איבער מיין פויגעלע און קיין נעכט ניט שלאָפען... און האב זי ניט איינמאָל אויסגעמאַסטען, ניט איינמאָל אבצעהן מטבעות פאר אָרעמע לייט צוטהיילט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס אומגליק אָבער איז געשטאַנען אונטער'ן טהיר און ווען עס האט געדארפט אריין האָט קיין זאך ניט געהאָלפען. —

א פּאר וואָכען נאָך מיין אויפשטעהן פון קינדבעט האָט אין שטעדטיל, ניט היינטגעדאכט, אויסגעבראָכען די גרויסע שרפה.

אנגעהויבען האָט זיך די שרפה טאקע פון דעם נעסט אויפ'ן שוהל-דאָך.

איהר פערשטעהט.

טאַמער איז נאָך געווען קארג זינד אין שטעדטעל, האָט זיך מישב געווען דעם שמש'ס זוהנדעל און איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן שוהל דאָך, האָט ארויסגענומען פון דעם נעסט א בושעל איי און אהין אריינגעלעגט א געגזען איי.

נו, איז ווי נאָר עס איז געקומען די צייט און די עופעלעך האבען זיך אויסגעפיקעט און דער ע ר האט דערזעהן אז איינס פון זיי איז א געגזעלע, האָט ער דאָס גלייך ארויסגעשליידערט פון זיין נעסט. נאָכדעם, זאָגט מען, האָט ער דאָס צוריק אונטערגעכאפּט און האָט זיך מיט דעם אוועקגעטראָגען צו די נעסטען פון די אנדערע בושליעס, און אזוי איז ער מיט דעם א גאנצען טאָג ארומגעפליגען פון איין נעסט צום צווייטען. און אויף מארגען האבען צו אונזער שטעדטעל גענומען פליהען

בושליעס פון אַלע עקען וועלט! עס איז פון זיי אַזש פינסטער געוואָרען אין די גאַסען. זיי האָבען כמעט פערשטעלט דעם גאַנצען הימעל. און דער הימעל האָט זיך דעם טאָג אויפגעהויבען ליכטיגער און העכער און אין וועלכער זייט פון שטערטעל מען האָט ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ האָט מען אַלץ געזעהען טשערעדעס מיט בושליעס, וואָס האָבען זיך ארומגע־טראָגען אין שרעקליכע רעדער, און מען האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס דער סוף וועט זיין.

נאָכדעם האָבען זיי זיך אַלע אראָפּגעלאָזט אויפ׳ן „שלעסעל“, אויף דער וואַסערדיגער „כוואַסע“ וואָס צום וואלד צו. א פּאָר פון זיי זיינען גלייך אוועקגעפלויגען צום שוהל־דאַך, און האָבען מיט זיך מיטגענומען די זינדיגע מאַמע.. און ווי נאָר זי איז געבראַכט געוואָרען צו דער כוואַסע, האָבען זיך די אַלע אַנדערע ארומגעשטעלט ארום איהר, ווי זיי וואָלטען זי וועלען פריהער גוט בעטראַכטען. נאָכדעם זיינען זיי אויף איהר אָנגע־פאַלען פון אַלע זייטען און אין איין כהרף עין איז זי צופליקט געוואָרען אין שטיקער.

שפּעטער זיינען זיי זיך אַלע פאַנאַנדערגעפלויגען צו זייערע נעס־טען און צום שוהל דאַך האָט זיך שוין נאָר אומגעקעהרט איינער פון די צוויי בושליעס.

---

נו, האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבען א סדרה!

ערשטענס איז טאַקע געווען א גאַנס רחמנות צו קוקען, ווי אַזוי דער בושעל ניאַנטשעט זיך אַליין מיט די קליינע.

היינט האָט מען טאַקע גלייך נאָך דער מעשה גענומען פיהלען, אַז די זאַך וועט אַזוי גלאַט ניט אָפּגעהן.

מען האָט גענומען מורא האָבען, אַז דער בושעל זאָל חלילה ניט אונטערצינדען די שוהל.

מען האָט זיך טאַקע גלייך דערמאָנט, אַז פּאַר־א־יאָהרען האָבען בושליעס אונטערגעצונדען א הויז אין קאַראַבאַטשין, און א האַלב דאָרף איז נאָכדעם אוועק מיט׳ן פייער. און צוריק מיט א פּאָר יאָהר האָט אַזאַ זאַך געטראָפען אין אַן אַנדער דאָרף...

נו, וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערן. — דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט גענומען אומגעהן ווי אויף רעדלאַך. —

מענשען פלעגען ארומגעהן, אָדער שטעהן אין זייערע קראָמען. פלעגען דאַכט זיך, ווי דער סדר איז, האַנדלען, רעדען, נאָר אין מיטען דרינען זיך דערמאָנען און מיט שרעק אַ הויב טהאָן דעם קאָפּ צום שוהל־דאַך.

און וויפיעל מיינט איהר פלעגען זיך צוליעב דעם אויפכאַפּען פון שלאָף און כמעט נאַקעט ארויסלויפען פון די בעטען אין מיטען דער נאַכט! ?...

און די שוהל איז דאָך ברוך השם, געשטאַנען אַזוי, אַז מען האָט זי געקאָנט זעהן איבער'ן גאַנצען שטאָדט, סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט.

אָבער וואָס האָט דאָס געקאָנט העלפען ? !

אַז עס איז געווען באַשערט, האָט אין איין שעהנעם אויפדערנאַכט מיט אַמאָל דאָס פייער אַ שלאָג געטהאָן פון דעם נעסט ארויס, דער בושעל מיט די קינדער האָבען זיך אַ הויב געטהאָן איבער'ן פייער און האָבען זיך בעלויכטענע אוועקגעלאָזט פליהען איבער'ן שטעדטעל... און דאָס פייער נאָך זיי... און איידער מען האָט זיך גאָר צייט געהאַט אומ־צוקוקען האָט דאָס שטעדטעל שוין געברענט פון אַלע זייטען!...

און אַ פייער איז דאָס געווען! גאָט אין הימעל! מען זאָל גאָר צו אַזוינס ניט געפּרואווט ווערען! — עס איז איוסגעקומען, אַז וואוהין דו זאָלסט ניט לויפען, לויפסטו אַלץ אין פייער אריין!...

און אָנגעצונדענע סנאָפּעס שטרוי און האָלאָוועשקעס און גאַנצע באַלקענס, האָבען זיך פון אַלע זייטען געהויבען צום הימעל, ווי ניט־גוטע וואָלטען זיי געטראָגען...

און מיין יענקעל ? !...

ער איז דאָך גאָר ניט אויסגערעדט זאָל זיין. געווען אַ גאַנצער אַפּיקורס, פון דעסטוועגען, ווי נאָר אָבער ער האָט דערהערט אַז די שוהל, ניט היינט גערדאַכט, ברענט, איז ער געווען פון די ערשטע וואָס זיינען געקומען צולויפען ראַטעווען די ספר תורות...

נאָר מיר זיינען דאָך פאַרט געווען זינדיגע מענשען...

איך ווים ?...

ווער ווייסט ! ?...

אפשר האָט דאָס געדאַרפט זיין אַן אַפּקומעניש פאַר די זינד.

מן הסתם האָט דאָך גאָט אַזוי געוואָלט.

...מע דערצעהלט, אז ער איז ארויסגעלאָפען פון דער שוהל מיט א ספר תורה אין האַנט, איז ער געווען אַזוי צוטראָגען, אַז ער האָט אַפילו ניט געפיהלט ווי די קליידער ברענען אויף איהם... אידען האָבען ביי איהם צוגענומען די תורה און עמיצער האָט איהם אָפּגעגאָסען מיט אַן עמער וואַסער. האָט ער געקראָגען א פערקיהלונג.

און נאָכדעם איז ער אריינגעפאַלען אין א היציגער קריינק און האָט זיך שוין פון בעט ניט אויפגעהויבען. — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָכדעם ?...

יאָ, יאָ קינדער...

עס זיינען נאָך קיין שלשים ניט אריבער. איך בין נאָך אַלץ געווען ווי אין עולם התוהו. — האָב נאָך אַלץ פאַר זיך געזעהען יענקלען אויס־געצויגען, ווי א יונגער בוים.

און זיינע רייד, ווען ער האָט מיך פאַר'ן טויט דערזעהן נעבען זיך א וויינענדיגע, האָבען נאָך אַלץ געקלונגען אין מיינע אויערען:

— מלכה — האָט ער זיך ביי מיר אַלץ געבעטען — הער מיך אויס, מלכה ! הערסט מלכה ! ? — איך וויל ניט, אז דו זאָלסט חלילה מיינען, אַז דו ביזט אין דעם שולדיג. — און נאָך, און נאָך...

פאַר איהם איז די שיסעל געווען א טויטע זאַך, צו מיר אבער האָט זי ארויסגעקוקט פון דער גלעזערנער שאַפע ווי א לעבעדיגע... זי האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כח, אז אַפילו ווען איך בין געווען אין דריטען חדר, פלעגט זי צו מיר דורך אַלע ווענט דורכקוקען.. ער אבער האָט מיר אַלץ געוואָלט איינרעדען אז ס'איז ניט איבערדעם, און ער בעשווערט מיך מיט פייגעלען...

ווער ווייסט ! — אפשר האָט ער דאָס אין אַזאַ שעה ארויסגערעדט.

איך זאָג דאָך אייך — עס זיינען נאָך ניט אריבער קיין שלשים. און די גאַנצע צייט האָב איך גאָר מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט.

פּלוצלינג אבער איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַ שלאָף.

האָב איך גענומען און צוגעלייגט פייגעלען צום ברוסט און בין גלייך אַנטשלאָפן געוואָרען ווי אַ געהרג'עטע...

אין מיטען שלאָף האָט זיך מיר גענומען דאכטען, אַז דאָס קינד וויינט. איך אבער בין אַזוי מיעד אַז איך קאָן מיט קיין אבר ניט ריהרען...

דאָס קינד אבער הערט ניט אויף. עס וויינט שרייט און מאָנט גאָר אָהן אַן אָפּהאַלט! ווייל איך זיך שוין אויפהויבען, בין איך אבער, עפּעס ווי אַ געבונדענע. „און ס'איז גאָר ניטאָ ווער ס'זאָל אויף אונז רחמנות האָבען" — טראַכט איך מיר..

אין מיטען דערינגען אָבער עפּענט זיך די טהיר און יענקעל קומט אריין אין די תכריכים אַזוי ווי נאָר וואָס פון קבר ארויס!...

און ווי נאָר ער איז אריין אַזוי איז ער גלייך צו צום בעט, אויפגעהויבען דאָס קינד צו זיך און גענומען מיט דעם ארומגעהן איבער'ן חדר הין און צוריק. האָט דאָס געוויגט אין זיינע הענט און דעם שטיל צוגעזונגען:

האַ־האַ, פויגעלע! האַ־האַ, פייגעלע!...

לכתחילה האָב איך זיך עפּעס גאָר ניט געשראָקען פאַר דעם.

אדרבה, ביי מיר איז נאָך אויסגעקומען, אַז ס'איז גאָר גוט אַזוי.—

ער איז דאָך מיר שטענדיג געווען אַזאַ געטרייער! און איצט, אַז דאָס קינד שרייט און איך קען מיר ניט העלפען, איז ער טאַקע צוליעב דעם געקומען פון קבר... און אפשר גאָר ניט פון קבר. — ווייל מ'זאָגט דאָך, אַז ביז איבער שלשים, האַלט זיך נאָך דעם מת נשמה אויף אין הויז...

און ער איז זיך אַלץ אומגעגאַנגען מיט'ן קינד און צוגעזונגען:

האַ־האַ, פויגעל!

מיט אַמאָל איז אבער דאָס קינד שטיל געוואָרען און ער איז מיט דעם געבליבען שטעהן אין מיטען ווי אַן אָפּגעגאָסענער... נאָכדעם זעה איך, ער בייגט אַן זיין קאָפּ צום קינד און צוואוויינט זיך...

פרעג איך: — יענקעל! וואָס וויינסטו? יענקעל!... און איך קאָן קוים איינהאַלטען מיינע אייגענע טרערען.

ער אבער ענטפערט מיר ניט, און לאָזט זיך א וויינענדיגער צום טהיר מיט'ן קינד אין די הענט...

דאַ ערשט האָב איך מיט אמאָל דערפיהלט מיין גאַנצען אומגליק, און האָב מיט אַלע מיינע כוחות געגומען שרייען:

— יענקעל!... וואו נעהמסטו דאָס קינד!!?... גיעב מיר צוריק דאָס קינד! יענקעל! געוואלד! געוואלד!!

און איך האָב זיך מיט שרעק א הויב געטהאָן פון בעט, און האָב זיך אויפגעכאפט, ניט טויט, ניט לעבעדיג...

דאָס קינד אבער, קינדער?... וועה מיינע יאָהרען!...

דאָס קינד איז געלעגען אונטער מייז ברוסט א פערשטיקטס. עס איז שוין געווען פערגליווערט ווי א שטיק אייז.

## 4.

## די תשובה.

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז פינסטער. דאס לעמפעל ברענט ווי אן אויג וואס איז צועפענט רויט... עס ברענט און פינטעלט און וויענט אום די שאטענס אויף די ווענט... עס איז געווען איין רובע פייער. איצט ליגט שוין דארטען נאר א הויפען צונויפגעשארטע קויהלען. די הייסע קויהלען דעקען זיך בּיסלאכווייז איין מיט א פוכיג ווייסען אש און נעמען אויסזעהן ווי א געקרויזטע ווייסע שאף, וואס האט זיך צו־נויפגעדרעהט אין רובע און דרעמעלט דארטען איין. דא און דארט שלאָ־גען זיך נאך אויף רויטע פונקען. — מיעדע שאף! דו ליעגסט אויף פייער!... און מיין דמיון ביי דעם פייער טהוט שפּינען, וועבען מעשיות זיך — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נו, נאכדעם, קינדער, איז געבליבען, אז איך מוז פאהרען צום רבי'ן נאך א תשובה.

דאס הארץ איז געווען גענוג אנגעוועהטאגט. און אז טאטע־מאמע זאגען פאהרען — פאהרען מיר.

און יעדען מאל, וואס איך דערמאן זיך אז מ'וועט מיך ברייגגען פאר'ן רבי'ן, נעהמען מיר אזש פריהרען די האר אויפ'ן קאפּ.

און אז מיר זיינען שוין אהין אנגעקומען האב איך ממש גענומען פיהלען ווי דאס געזונט פאלט מיר אוועק, ווי איך בלייב אהן א נשמה.

העלפט אבער גאט, אז דעם ערשטען טאג לאזט מען אונז צו א י ה ם ניט צו.

בלייבען מיר דארט אויף נאכט און מיר חלומ'ט זיך דארט אזא מעשה:

מיין זיידע אברהם וואלף, עליו השלום, קומט אריין צו מיר אין חדר, זעצט זיך אוועק ביי מיין בעט, שפארט זיך אזוי אן מיט ביידע הענט אן זיין שטעקען, קוקט אויף מיר אזוי מיט זיינע אלטע אויגען, ווי ער וואלט אויף מיר רחמנות געהאט און זאגט מיר:

„טאכטער מיינע, ביזט א זינדיגע אשה!

„האסט מיט דיין אייגענער ברוסט דיין אייגען קינד דערשטיקט.

„דאס איז דאך כמעט, ווי דו וואלסט מיט דיינע אייגענע הענט זיך אליין דעם האלז איבערשניידען...

„נעהם מיין טאכטער די שיסעל, וואס דו האסט געקויפט פאר'ן נדבה געלד, געה מיט איהר אוועק צו די זאמד־גריבער וואס אונטער'ן שטאדט און גראב אין איהר אן א שיסעל פרישע זאמד לכבוד שבת.

„און זאל זיך מיין קינד, גאט אויף דיר מרחם זיין, און זאל ער דיר דערלייכטערען דיין הארץ."

און טאמער מיינט איהר! — איך האב דאך איהם גאר קיינמאל אין לעבען ניט געזעהן, נאר פונדעסטוועגען בין איך געווען זיכער אז דאס איז ער...

און ווי נאר ער האט צו מיר אזוי גערעדט, אזוי בין איך שוין אין מיטען נאכט געשטאנען ביי די זאמד־גריבער און געגראבען זאמד אין דער שיסעל.

און א פינסטערניש איז געווען — זיך נאר די אויגען ארויסצו־נעהמען!

און איך האב מיר אזוי אין דער פינסטערניש אנגעפילט די שיסעל און האב זיך געלאזט א היים...

געה איך אזוי און געה און געה... ערשט איך זעה זיך ארום: איך בין גאר ניט ווייט פון הייליגען ארט!...

שטעל איך זיך אפ און וויל טראכטען:

— וואָס הייסט דאָס ?!

אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דאָס פעלד גלייך גענומען טראָגן צו מיר...

און איידער־וואָס ? ווען ? — בין איך שוין געווען אויף יענער זייט פאַרקאַן.

און כאָטש עס איז געווען שטאַרק פינסטער, פונדעסטוועגן האָבן זיך די קברים קלאָר אָנגעזעהן ווי זיי וואָלטען פון זיך אַזאַ מין ליכ־טיקייט געשפּרייט.

נאָכדעם האָט זיך די ערד עפּעס אַזוי ווי אַ וויעג געטהאָן און די קברים האָבן זיך גענומען עפענען.

און די מתים האָבן זיך אַזוי אין מיטען דער נאַכט גענומען ארויס־הויבען פון זייערע גריבער...

איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען, נאָר איך בין אָבער פאַרט געשטאַנען מיט דער שיסעל זאַמד אין די הענט און האָב געקוקט צו זיי...

און אָט האָבן די מתים מיך דערזעהן, ווי איך שטעה אַזוי ביים פאַרקאַן מיט דער אָנגעפילטער שיסעל און זיי האָבן זיך גענומען לאָזען צו מיר איינס נאָכ'ן אַנדערען אין לאַנגע שורות...

יעדער איינער איז צוגעקומען צו מיר, האָט אריינגעשטעקט דעם גראָבען פינגער פון זיין לינקער האַנט אין דער שיסעל זאַמד און איז אַוועק.

צוערשט זיינען געגאַנגען די מענער, נאָכדעם די פרויען; פריהער די אַלטע, נאָכדעם די יונגע און איינגערע.

צום סוף האָבן גענומען געהן אַזוינע פּיצלאַך, אַז איך האָב מיך אַזש געמוזט צוזעצען...

נאָכדעם איז געוואָרען גאָר שטיל.

מ'האָט מעהר קיינעם ניט געהערט און ניט געזעהן...

נאָר דאָרט ווייט ארויף צווישען די קברים האָט זיך בעוויזען אַ יונגע פרוי...

זי איז געגאַנגען אַזוי שעהן און גדלות'דיג, ווי זי וואָלט געטראָגען

א קרוין אויף איהר קאפ.

איהרע האר און איהרע אויגען זיינען געווען שעהן און שווארץ ווי קויהל.

און צוויי גרויסע ליכט האבען געברענט אויף איהר קאפ...

און אזוי ווי זי איז געגאנגען, אזוי איז אויך געגאנגען איהר קול און דער שיין פון איהרע ליכט...

זי האט געוויינט, צי געזונגען — ווייס איך נאך ביז אויף הייטיגען טאג נים.

נאר די צוויי ברענענדיגע ליכט, וואס אויף איהר קאפ, האבען גענומען ברענען אלץ העלער און ליכטיגער.

זייער שיין האט זיך גענומען שפרייטען איבער די קברים און איבער דער פינסטערניש.

און מיט אמאל איז פון זיי געווארען אזוי ליכטיג, אז מען האט געקאנט זעהן פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער.

און זי איז אלץ אזוי שעהן און גדלות'דיג געגאנגען מיט די ליכט און מיט איהר קול און איז צוגעקומען צו מיר, און האט אויף מיר א קוק געטהאן מיט איהרע גרויסע און ליכטיגע אויגען...

און ווען זי האט אריינגעשטעקט איהר פינגער פון דער לינקער האנט אין דער שיסעל זאמד האב איך א שרעקליכען צימער געטהאן און האב זיך אויפגעכאפט — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רבי האט אנכדעם געזאגט, אז דאס האב איך, מן הסתם, אזוי מיין פייגעלען אין חלום געזעהען.

און אז, ווער ווייסט! —

אפשר וואלטען פון איהר ארויסגעוואקסען אזוינע צוויי זיהן, וואס וואלטען מיט זייער חכמה פערשיינט די וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאכדעם האט דער רבי געזאגט, אז כבוד שבת איז אודאי א זעהר גרויסע זאך, און אז איך זאל טאקע אלע פרייטאג געהן מיט דער שיסעל אנגראבען זאמד לכבוד שבת.

האָב איך דאָס אודאי אזוי געטהאָן.

עס האָט געמעגט זיין א שניי אָדער א רעגען, האָט דאָס גאנצע שטעדטעל מיך געזעהן איטליכען פרייטאג גהן מיט דער שיסעל אויפ׳ן פעלד, צו די זאמד גריבער...

יונגע ווייבלאך פלעגען מיר, מיט שרעק, נאָכקוקען פון די פענסטער..

און ווער האָט דען אויף מיר ניט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ ? !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאַלט אין דרויסען. אין שטוב איז טונקעל. דאָס לעמפּעל ברענט און היט און וויעגט די שאָטענס אויף די ווענט. עס ציטערען די שאָטענס, ווי א בלאַט פון ווינד און ווי א הארץ פון וועהטאָג און פון פרייד. — ווער וועט אייך הערצער בערוהיגען ? ווער וועט היילען אייערע וואונדען ? ווער וועט לעשען אייערע פייערען ? אָט זעהט, — דער באָבעס לע־בען האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם, וואָס איינמאָל איז זי געגאנגען גראָבען זאמד לכבוד שבת, האָט זיך די ערד אָפּגעריסען און האָט זי פערשאָטען. מען האָט נאָכדעם די באָבע געפונען טויט, און נעבען איהר די שיסעל. מיט שרעק האָט זיך דאָס שטעדטיל דערוואוסט פון דער באָבעס טויט... און פאר אייך, — אָט אין דער באָבעס שיסעל. פארגעהלט איז זי פון אלטקייט. די פארצעלייךהויט איז אָנגעפּלאָצט מיט טויזענדער־ליי צייכענס, וואָס לויפען אום ווי דינע און דירעוודיגע אָדערען. — דאָס האָבען אזוי צייט און יאָהרען אויסגעשפּיענען אויף דער שיסעל דער באָבע מלכה׳ס לעבען. קוקען אייערע אויגען לאנג אויף דעם כשופ׳דיגען שריפט, פילט זיך פאר אייך די שיסעל אָן מיט א וואונדערבארען פייער. הערען קאָן דאָס פייער. עס קאָן אויך רעדען פיעל. עס קאָן אויך זאָגען:

— קינד, דעם מענשענס לעבען ברענט און לעשט זיך ווי א פייער און פון דמיון ביי דעם פייער שפּינען, וועמען מעשיות זיך.

# פון גאַטס וואונדער

(שטריכען)

זומער.
נאָך האַלבען טאָג.
ניין, ארום פארנאכט.
און עס רעגענט אין דרויסען.
עפּעס וויינט פון הימעל מיט שווערע ביטערע טרעהרען.

עס שטעהען די הייזלעך צוטומעלט. — קוקען מיט די שטאַר־פער־גלייזטע פענסטער, קוקען פאר זיך... און עס נעצט זיי אויך דורך־און־דורך...

ווייט אנטקעגען זיי, אויפ׳ן גרויסען, מיט קאַליעזשעס פערשפּריי־טען פּלאץ, ליגט אויסגעצויגען דער שוין לאנג פער׳יתום׳טער בראנפען־פּאַדוואַל. א גרויסער ערדענער דאך, ס׳וואקסען דערנער, דערנער... ס׳קו־קען צוויי שווארצע הילצערנע טהירען. קוקען ווי ס׳בלייזלען זיך די קאַ־ליעזשעס: בלייזלאך נאָך בלייזלאך קומען און פערשווינדען: — אלץ זכרונות פון אמאָל.

גאנץ בעזונדער שטעהט זיך די עלעגאנטע אפּטייק מיט איהרע יוגענדליך־ווייסע ווענד. אונטער איהר גרינעם בלעכערנעם דאך, מיט דעם גרויסען צוויי־קעפּיגען גרויען אָדלער, מיט די ברייט צושפּרייטע פליע־געל. — רייסט זיך ארויף!

וויינענדיגער צורעגענט זיך דער רעגען.

ס׳ווערט געדיכטער די דונקעלקייט.

די יונגע אקאציע בוימער, וואָס ארום דעם אפּטייק, ווערען שטארק אַנגע׳ברוגז׳ט.

לײדיג שטעהט דער פארעגענטער מארק. נור אַט לויפט אַן א „יאזדע", אין איהר א בעיאָהרטער מוזשיק מיט א גראבען זאק אויפ'ן קאָפּ, איינגעהאָרבעט. ווארפט געאיילט מיט די לײצעס. דאָס דארע דורכגעווייקטע פערדעל שפּרינגט אונטער אויף אלע פיער. באלד איז ער נעבען קלײסטער.

ערגעץ ברעכט א בליץ, ס'קנאלט א דונער. — לאָזט א דורכלויפענ־דיג מײדעל ארויס א פּערצאַפּעלטען, ווילדען קוויטש. — רײסט זיך אויס איין עק פון איהר שאל און פליהט נאָך איהרען אַן אקסעל. — גיט זי נאָך און נאָך א קוויטש און פאלט אריין אין שטוב ניט טויט, ניט לעבעדיג.

„פּעטער און פּאוועל," וואָס זײנען בארוועס און אין זייער גאנצער גרויס אָבגעמאָלט אויף די גרויסע קלײסטער־טהירען, גיבען זיך א טרייסעל. — האַ ?!

דער מוזשיק צלם'ט זיך אויף גיך און פערשווינדט.

בלײבט ווידער דער מארק לײדיג — קיין לעבעדיג בעשעפענים, אויסער „פּעטער און פּאוועל" און די שטארק־אויפגערעגטע קלויסטער־בוימער...

עס לײטערט זיך.

אַט שוין נאָכ'ן רעגען.

לויטער, פריש, אויסגעבאָדען. — — —

ראש צולויפען זיך די וואסערען, מאכען דעם זומערדיגען גערויש נאָך זומערד גער. פון די הייזלעך איז די מרה־שחורה שוין לאנג פערשוואונדען. ס'עפענען זיך פענסטער, טהירען, ס'לויפען ארויס באָרוויסע קינדער און נעמען ארומטאַנצען אין די קאָליעזשעס. און מיט נחת קוקען ארויס מאמעס פון די פענסטער...

איבער'ן שטעדטעל בעווייזט זיך דער פארביגער רעגענבויגען... מענשען, קינדער, יונג און אלט, טראָגען זיך ארום מיט רעגענבויגענדיגע הערצער, מיט רעגענבויגענדיגע בליקען. אלץ קוקט אויף אלץ פיעל־פארביג, ניי־געבאָרען.

איין עק פון רעגענבויגען פערלירט זיך אויפ׳ן שטעדטעל׳ס הימעל אין מיטען... דער צווייטער — פאַלט אריין אין דעם פריץ׳ס ווייסען שלאָס, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אינ׳ם ריין געוואַשענעם וואַסער פון שטעדטעל׳ס טייך...

נחת־פול פערגעהט זיך דער טייך. פערקאַטשעט זיך ביז פון יענער זייט וואלד, וואָס קוקט צופרידען אויף די ווייבע, ווייטע לאַנקעס...

ערגעץ אין מיטען פעלד זעהט דער טייך אויס, ווי דער מוטער ערד׳ס אַן ענטבלויזטער ברוסט... האָט זיך די זון פערגעסען וואו זי איז אין דער וועלט, גלייך — ביז נאכט וואָלט נאָך געווען וואר־ווייסט וויפּ על. דאָרט זי זיך, שפּ עלט און שפּיגעלט זיך אין דעם ברוסטיג־צארטען וואסער, זויגט דורשטיג מיט איהרע לאַנגע שטראַהלען.

און ס׳דאכט זיך: איבער דער גאנצער גרינער ערד איז איצט אויסגעשפּרייט א פּארביגער ווייכער שמייכעל פון א גוטער מאַמע, וואָס גיט איהר קינד זויגען נאָך דעם, ווי דאָס האָט זיך שטאַרק אַנגעוויינט; די מאַמע פּיהלט זיך אביסעל שולדיג און טענה׳ט מיט איהר גוטען שמייכעל: „אבער דארף מען אזוי וויינען? אזוי שרייען? אזוי געוואַלדעווען? א? דו נאַשער, דו!“ און דאָס קינד, אפילו נאָך א פערטרעהרטס, שיינט מיט א גאָלדענעם אָבגלאַנץ. ס׳הייסט: — אבער אויסגעפּיהרט!...

עטליכע ווילדע גענז הויבען זיך אויף פון דער בלאָטע, וואָס ביים טייך, נעבען וואלד. פּאַטשען דורך די פייכטע לופט, שלעפּען מ ט זיי־ער גענזענעם געשריי נאָך זיך, און פערשווינדען.

„קו־קו, קו־קו!“, לאָזט הערען איהר געהיימניספולען רוף די קי־קושקע. עס ענטפערט איהר אָב דער ווידערקול פון טיפען וואלד: „קו־קו, קו־קו!“ — —

א מעשה וועגען דער מאַמען מיט דער שעהנער טאָכטער:

דער אלטער מכשף, מיט דער ווייסער באָרד און רויטען קלייד, האָט זיי פערנאַרט צו זיך אין וואלד אריין.

האלט זיי דאָרט געפאַנגען ווייט איינע פון דער אנדערער. הויבט זיך אָן זעצען די זון; פּארבענקט זיך די מאַמע נאָך איהר

שעהנער טאָכטער: ווערט זי פאַרוואנדעלט אין א ווילדען פויגעל און נעהמט שרייען: „קו־קו! קו־קו!“

די שעהנע טאָכטער באָדט זיך אין בשמים'דיגען טייכעל, וואָס אין גאָר טיעפען וואלד. דערקענט זי דער מאמעס קול. שפּרינגט זי שנעל ארויף אויפ'ן שטיין, וואָס אין מיטען טייכעל. ציהט אויס איהר וואונדערשעהנעם האלז און וויל אָנהויבען שרייען: מאמע! מאמע! אבער פון איהר מויל געהט ארויס בלויז א פארבענקטער: קו־קו! קו־קו! איהר לייב איז אויסגעצויגען און איז ווי פון שטראהלען געוועבט; עס הענגען אוף איהר, ווי פּערעל, די פרישע טראָפּען וואסער. איז, ווי זי שפּיעגעלט זיך אזוי לעבעדיג פריש אין דעם וואסער אריין און שרייט פערביינקט: קו־קו! ווערט דער גאנצער ארומיגער וואלד פערטראָגען צום עק הימעל אויף מערב... ווערט דאָס טייכעל פערוואנדעלט אין א גאָלדענעם וואַסער־פאַל... ס'צינדט זיך אָן דער וואלד ארום... ס'ברענט! א העלישער פייער. דער שטיין ווערט רויט. — א מאסע צוגליהטע אייזען. שפּרינגט זי פון איהם צושראָקען אין וואסער אריין. נעמט שווימען, אבער אין אלע זייטען — פייער!... פייער!... ס'פלאקערט דער וואלד מיט א געוואלדיגער מאכט. קנאַלענדיג, ברעכען זיך די רויטע ריעזיגע פלאמען אין דעם הימעל אריין, צינדען אונטער די וואָלקענס פון נאָהענט און ווייט... די טאָכטער ווארפט זיך אין אלע זייטען... פערפּלאָנטערט זיך פון מאָל צו מאָל אין איהרע געדיכטע, לאנגע האָהר... א פערמאטערטע טונקט זי זיך אלע מאָל אונטער אינ'ם גאָלדענעם וואסער און קומט באלד ווידער ארויס, ענטפערט אויף דער מאמע'ס קו־קו!... ביז צו לעצט, בעווייזט זיך פאר איהר דער אלטער מכשף אין רויטען, מיט א רויטער דעק. לאָזט זי זיך אין איהר איינוויקלען... און... — א גוטע נאכט!

„קו־קו!“ — דערהערט זיך פון וואלד צום לעצטען מאָל. דער ענטפער ווערט פערגליווערט אין מיטען...

די נאכט מאכט זיך אריין אין שטעדטיל, די זשאָבעס קוואקען איהר אנטקעגען. דאָס קוואקען פילט אָן „מאכט טראָגענדיג“ די פייכטע לופט...

פון די אָפענע בית־המדרש־פענסטער שפּאַרט זיך אַרויס אַ וואַרעם מערב־דאַווענען און וועבט זיך האַרציג אין דעם שטעדטעל׳ס נאַכט אַריין...

*

נאָך האַלבע נאַכט.

אונטער דעם אָפענעם פערפינטעלטען הימעל וויעגט זיך דאָס שטעדטעל אין שלומער...

וואו־ניט־וואו בעוויזט זיך אַ פערשפּעטיגטער פוס־גהער. די טריט שלאַגען זיך אָפּ רעגעלמעסיג, גלייך, און עס דאַכט זיך — מען הערט, ווי עס קלאַפּט דער נאַכט׳ס דופק: אַה־אַה־אַה־אַה — — — !

אויפ׳ן בערגעל האָבען די בהמות שוין לאַנג פערנומען זייער נאַכט־לאַגער: ליגען אויסגעלייגט אויף „אַלע פיער,״ האַלטען וואַכעדיג אויפ־געהויבען די קעפּ — זיינען מעלה־גרה. עס הערט זיך אַ קייען... זייערע אַלעמענס קעפּ, אַלעמענס אויגען זיינען טיעף פערזונקען... זייערע אַלע־מענס אויגען, זיינען גלייך צועפּענט... און אָט צעוויקעלט זיך אַ שוואַ־רער זיפץ. — איינע פון זיי, אַ ראָבע מיט אַ ווייסען פּנים, שוואַרץ אַרום די אויגען, גרויהע צודרעהטע הערנער, נעהמט זיך אויפשטעלען. עס הערט זיך דאָס קנאַקען פון איהרע קנעכלען... אָט שטעהט זי שוין פעסט אויף איהרע פיס, ציהט זיך אויס אין איהר גאַנצער לענג. ס׳פּאַ־לען צונויף די ראָבע זייטען, ס׳דרעהט זיך אויס דער עק. אָט צועפּענט זי דאָס ווייסע מויל, צושפּרייט די נאָזלעכער און שרייט: אויס: המאַא־אַ־א! הממאַ־אַ־אַ־אַה! המ־אַ־הא! — — —

דאָס שטעדטעל גיט זיך אַ דרייפּאַכען וויעג.

די פערפינטעלטע נאַכט הילכט אָב דאָס געשריי פון דריי פער־שידענע פלעצער: פון ערגעץ טיעף, ווייט און נאָהענט...

חלומות ווערען דורך דעם אָבגעריסען, חלומות ווערען דורך דעם נעבאָרען... קינדער ציטערען אויף אין די וויעגען, קינדער הערען פּלוצלינג אויף צו זויגען, לאָזען פּלוצלינג אַרויס דער מאַמע׳ס ברוסט פון מויל.

און אויף דער אַלטער, פערוואָרפענער גרעבליע, אויף די טרעפּ פון דער וואַסער־מיהל, זיצט די שוואַרץ־חנ׳עוודיגע רייזעל, אויף איהרע רונדע

אקסלען ווארעמט זיך א גרויסער שאַל. און אַנגעטוליעט אַן איהר שאַל זיצט דער שעהנער יאָסעל. — — —

און דאָס פערשטערענטע טייכעל, זיך אַבשלאָגענדיג אַן די שוואַרצע ברעגען פון דער גרעבליע, פליסטערט שטיל: גאָט'ס וואונדער... גאָט'ס וואונדער...



